STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12019

VIRTSHAFT UN POLITIK IN ERETS-YISROEL

Nahum Nir

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ י ר

ווירטשאַפט און פּאָליטיק
אין ארץ-ישראל

מיט 20 טאבעלן

ערשטער טייל

פאַרלאַג „נייע קולטור" ווארשע

1 9 3 0

Copyright by Coop. „Nowa Kultura“ Warsaw 1930

Printed in Poland

NIR / WIRTSZAFT UN POLITIK IN EREC -ISRAEL

Wydawnictwo
„NOWA KULTURA“
Warszawa, Nowolipki 36 m. 10

Składano w Zecerni „Arbeter-Hajm“ Warszawa Karmelicka 15

Druk. „GRAFIA“ Nowolipki 22.

456

אריינפיר

די לעצטע געשעענישן אין ארץ־ישראל האָבן אויפגערודערט די יידישע וועלט. סיי די אָנהענגער פון פּאַלעסטיניזם און סיי זיינע קעג־נער האָבן באַקומען נייעם מאַטעריאַל פאַר זייער אַגיטאַציע. ביי ביידע צדדים איז געווען נישט ווייניק היסטעריע אין דער דאָזיקער אַגי־טאַציע. דער חילוק דערביי איז געווען בלויז דער, וואָס די היסטעריע ביי די פּאַלעסטיניש־געשטימטע עלעמענטן איז געווען על־פּי־רוב אַ רעפלעקסיווע, און ביי די קעגנער — אַ ריין געקינצלטע, מער אָנשטעל.

ביידע צדדים האָבן נישט אָפּערירט מיט קיין היסטאָרישע פאַקטן און זייער אַנטוויקלונג אין ארץ־ישראל: די פּאַלעסטיניש־געשטימטע עלע־מענטן נעמען יאָ אין אַכט די פאַקטן פון לאַנד גופא, אָבער נישט אין זייער היסטאָרישער אַנטוויקלונג; דאָס הייסט, זיי באַרירן נישט די סיבות און די פועל־יוצאס, זיי באַזירן אויף די געשעענישן גופא און אַנאַליזירן נישט די סיבות, וועלכע האָבן די געשעענישן אַרויסגערופן.

די קעגנער פון פּאַלעסטיניזם איגנאָרירן אויך די עצם געשעע־נישן און באַזירן אויף טעאָריעס און בויך־סברות, וועלכע האָבן קיין שום שייכות נישט צו דער איצטיקער ווירקלעכקייט. אין בעסטן פאַל גייען זיי אַרויס פון שלעכט פאַרשטאַנענע אינטערעסן פון די געזעלשאַפט־לעכע גרופּן, וועמענס אידעאָלאָגיע זיי פאַרטרעטן; דעריבער קומען זיי צו משונהדיקע אויספירן, וועלכע קיין שום בר־דעת קאָן נישט באַנעמען.

בכדי צו פאַרשטיין די פאַקטן, וועלכע מיר האָבן איבערגעלעבט אין אויגוסט חודש אין ארץ־ישראל, און די גאַנצע פּאָליטיק, וועלכע פירט זיך איצט דאָ, און וועלכע איז אָן ספק אַ גרעסערער פּאָגראָם, ווי דער, וואָס איז געווען אין אויגוסט, מוז מען אַנאַליזירן די אַנט־וויקלונג פון די כוחות אין לאַנד גופא; מען מוז פאַרשטיין דעם צוזאַ־מענשטעל פון די געזעשאַפטלעכע כוחות, זייערע קלאַסן־אינטערעסן, און

נאָכפאָלגן זייער אַנטוויקלונג אין משך פון די לעצטע פופצן יאָר לכל הפחות, אויפן באָדן פון דערווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פון לאַנד, און פאַרשטיין די סאָציאַלע ענדערונגען, וועלכע די דאָזיקע אַנטוויקלונג האָט אַריינגעבראַכט אין די קעמפנדיקע געזעלשאַפטלעכע כוחות. נאָר דאַן וועלן קלאָר ווערן די סיבות, וועלכע האָבן געבראַכט צו די לעצטע געשעענישן אין ארץ־ישראל, און עס וועלן קלאָר ווערן אויך די פועל־יוצאס פון די דאָזיקע געשעענישן, און דער וועג, מיט וועלכן מען מוז גיין אין די אינטערעסן פון די אַרבעטנדיקע מאַסן פון ביידע פעלקער אין ארץ־ישראל.

אין ערשטער ריי מוז דעריבער געגעבן ווערן אַן אמת בילד פון דער איצטיקער ווירטשאַפט אין ארץ־ישראל אין פאַרגלייך מיט די ווירטשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן פון אַמאָל; עס מוז געגעבן ווערן דער אַנאַליז פון די סאָציאַלע פאַרענדערונגען, וואָס די אַנטוויקלונג פון דער ווירטשאַפט האָט אַרויסגערופן. און דאַן, ערשט אויפן באָדן פון דער אַנטוויקלונג, דאַרף מען אויפדעקן די קלאַסן־ און גרופן־אינטערעסן פון די געזעלשאַפטלעכע כוחות, וועלכע דיקטירן די ריכטליניע פאַר דער געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישער אַנטוויקלונג פון פאַלעסטינע.

פון די געזעלשאַפטלעכע כוחות קומען אין באַטראַכט: די אימפּעריאַליסטישע רעגירונג, די אַראַבישע באַוועגונג און די ציוניסטישע באַוועגונג. אָבער די דאָזיקע דריי כוחות, און אַפילו די אימפּעריאַליסטישע רעגירונג, זענען נישט האָמאָגען, נישט געקנאָטן פון איין שטיק, און אין יעדן פון די דאָזיקע דריי באַשטאַנדטיילן, וואָס אין זייער איבערפלעכטונג בילדן זיי און פאָרמירן אונזער ווירטשאַפטלעכן, געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן, זענען דאָ פאַרשידענע עלעמענטן, וועלכע ווירקן מער אָדער ווייניקער און נישט אַלעמאָל אין איין און דערזעלביקער ריכטונג. בכדי, הייסט עס, צו פאַרשטיין דעם רעזולטאַט פון דער געמיינזאַמער ווירקונג פון די דאָזיקע דריי כוחות, מוז מען זיך אָפּשטעלן אויף יעדן באַזונדער און אין אים גופא אַנאַליזירן די פאַרשידענע עלעמענטן און זייערע אינטערעסן, און אויף אַזאַ אופן אויסגעפינען דעם „גלייכווירקנדיקן כוח“, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון די קעגנזייטיקע באַציונגען אין דעם אָדער יענעם באַשטאַנדטייל גופא.

נאָך דעם דאָזיקן אַנאַליז וועלן ווערן קלאָר – אַזוי האָפן מיר – די סיבות פון די לעצטע געשעענישן אין ארץ־ישראל. דאַן וועלן מיר האָבן די מעגלעכקייט אויסצוזוכן די נאָענטסטע פאַקטאָרן, וועלכע

זענען געווען דער לעצטער שטויס צו די געשעענישן, ווי דער ענין מיטן כותל מערבי, און איבערגיין צו די געשעענישן גופא און צו דער גאַנצער פּאָליטיק נאָך די געשעענישן. צו, עצט ווען מיר זיך אָפּשטעלן אויף די וועגן, מיט וועלכע עס דאַרף גיין דער באַוווסטזיניקער רעוואָלוציאָנערער יידישער אַרבעטער אין קאַמף פאַר זיינע קלאַסן־אינטערעסן.

דערמיט ווערט, אגב, אויך דערקלערט די איינטיילונג פון דעם דאָזיקן בוך.

I. די ארץ־ישראל־ווירטשאַפט

1. דאס ווירטשאַפטלעכע לעבן אין לאַנד ביז דער יידישער איינוואַנדערונג

פאַר דער יידישער איינוואַנדערונג האָט זיך ארץ־ישראל געפונען אין צושטאַנד פון פעאָדאַליזם. און ווי יעדע פעאָדאַלע מדינה, האָט דאָס לאַנד געלעבט פון לאַנדווירטשאַפט, ביי אַ זייער שוואַכער אַנטוויקלונג פון שטאָט און שטאָטישער אינדוסטריע. פאַרן אַמאָליקן ארץ־ישראל זענען דעריבער כאַראַקטעריסטיש די באַציונגען אין דער לאַנדווירטשאַפט, וועלכע האָבן אויסגעפורעמט דעם פעאָדאַלן פרצוף פון לאַנד.

אויב אין פאַלעסטינע האָט אָפיציעל נישט געהערשט קיין לייבאייגנ־טום, ווי אין די אייראָפעישע לענדער, זענען אָבער די באַציאונגען צווישן די אַראַבישע פריצים און די פויערים, וועלכע האָבן באַאַר־בעט דאָס לאַנד, געווען זייער נאָענט צו די, וואָס האָבן געהערשט אין דער פעאָדאַלער תקופה אין די מיטלאייראָפעישע לענדער. אויב דער פויער איז יורידיש נישט געווען געבונדן צו זיין פעאָדאַל, דעם אַראַבישן עפענדי, איז ער אָבער פאַקטיש געווען נישט ווייניקער געבונדן, ווי אַ לייב־אייגענער. נאָר אַלס אויסנאַם זענען אין ארץ־ישראל פאַראַן אַראַבישע דערפער, וועלכע זענען אַליין באַלע־באַטים איבער זייערע פעלדער, ווי למשל אויף די בערג פון גלבוע היינט צו טאָג דער דאָרף זריעין און אַנדערע. על פי רוב האָט דער דאָרף נישט קיין אייגענעם באָדן, נאָר ער באַאַרבעט דעם באָדן פון די רייכע עפענדיס. און נאָך ביים היינטיקן טאָג זענען דאָ עפענדיס, וואָס פאַרמאָגן אין די צענדליקער און הונדערטער טויזנ־טער דונאַמס. אַזאַ עפענדי איז געווען סורסוק פון עמק־יזרעאל, די משפחה חורי נעבן חיפה, אַזיז פייאַד, וועמען עס געהערן גרויסע

ערד־שטחים אין עמק. די פעלאַכן אַרבעטן נישט פאַר אַ באַשטימטן לוין. זיי באַאַרבעטן דעם באָדן פון עפענדי אַלס זיינע „שותּפים" פאַר אַ חלק פונם גערעטעניש. דער דאָזיקער אָנטייל פון פעלאַך אינם גערעטעניש וואַקלט זיך אין פאַרשידענע טיילן פון לאַנד פון אַ העלפט ביז איין פינפטל. די דאָזיקע פאָרם פון די באָדנס־באַציונגען צווישן עפענדי און פעלאַך איז אַזוי פאַרשפּרייט אין לאַנד, אַז זי איז אַריין אין דער „מעדזשעלע" (דער אָטאָמאַנישער קאָדעקס פון די ציווילע געזעצן) אַלס אַ באַזונדערע פאָרם פון אַ שותּפות אונטערן נאָמען „מאַזשאַריאַ" (אין העברעישן — „אַריסות זריעה"). דערביי זענען מעגלעך געווען צוויי פאָרמען: אָדער דער פעלאַך האָט אַליין געגעבן די זריעה, אָדער ער פלעגט באַקומען די זריעה אויך פון עפענדי. פאַרשטייט זיך, אַז אין לעצטן פאַל איז די מעגלעכקייט פאַר עקספּלואַטאַציע געווען אַ סך גרעסער. האָט דער פעלאַך געדאַרפט געבן די זריעה, האָט ער דאָך נישט געהאַט קיין געלט און געמוזט אָנקומען צו דעמזעלביקן עפענדי, שוין נישט אַלס פאַכטער, נאָר אַלס לווה. און דער עפענדי האָט אים עקספּלואַטירט שוין נישט אַלס פּריץ, נאָר אַלס איינפאַכער פּראָצענטניק. די פּראָצענטער זענען געווען אַזוי גרויס, אַפילו ביזן היינטיקן טאָג, אַז דער פעלאַך קריכט אַלץ מער און מער אין יאָך, און פון זיין קליינעם חלק פון גערעטעניש קלעקט אים נישט צו צאָלן די פּראָצענטער, — ווערט צום צווייטן יאָר דער חוב גרעסער און מען מוז נעמען אַ נייע הלוואה. דאָס דויערט אַזוי לאַנג, ביז דער פעלאַך ווערט אַן אמתער קנעכט פונם עפענדי, וועמען ער איז נישט אימשטאַנד צו באַצאָלן זיין חוב. אויף אַזאַ אופן ווערט דער פעלאַך אָן לייב־אייגנטום פאַרפעסטיקט צו איין עפענדי. ער האָט נישט קיין מעגלעכקייט איבערוצגיין צו אַן אַנדערן, ווייל דאַן פאַרקויפט דער עפענדי זיין האָב און גוטס. ער קאָן אויך נישט באַשעפטיקן זיך מיט אַן אַנדער אַרבעט, ווייל דאָס פעלד פון עפענדי וועט דאָך בלייבן אומבאַאַרבעט. די דאָזיקע לאַגע נוצט אויס דער עפענדי און דריקט נאָך מער דעם פעלאַך.

אַן אינטערעסאַנטער פאַקט איז פאָרגעקומען אויף דער אַראַבישער קאָנפערענץ דעם 2־טן נאָוועמבער 1929. ווען עס איז געקומען צו דער פראַגע וועגן נישט פאַרקויפן קיין באָדן די יידן, האָט איינער פון די מיטגלידער פון דער קאָנפערענץ דערציילט, אַז ער איז געווען געצוווּנגען צו פאַרקויפן יידן באָדן, ווייל זיין בעל־חוב, אַ צווייטער

מיטגליד פון דערזועלבער קאָנפערענץ, האָט בײַ אים געװמען דרייסיק פּראָצענט פאַרן חוב און געוואָלט פאַרקויפן זיין האָב און גוטס.

גאַנצע שטעט האָבן געלעבט דערפון, וואָס זיי האָבן זיך פאַר־נומען מיט געבן הלוואות די אַרומיקע פעלאַכן, צווישן זיי למשל נצרת, ג'ינין און אַנדערע. ווענן די דאָזיקע פאַרהעלטנישן האָבן פאַר דער בריטישער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע דערציילט אַ פּאָר עדות, ווי דער קאָלאָניסט און שרייבער מ. סמילאַנסקי און דער אַראַבער מוכאַ־מעד אל טאַאויל פון טבריה, אַ געוועזענער שאַצער פון עשור בײַ דער רעגירונג. סמילאַנסקי גיט איבער, אַז געוויינלעך באַרגט דער פעלאַך בײַ זיין שכן, דעם עפענדי, געלט אויף זריעה אויף ניין חדשים און צאָלט פופצן פּאַר צען, דאָס הייסט: פופציק פּראָצענט פאַר ניין חדשים.

מוכאַמעד אל טאַאויל האָט איבערגעגעבן אַ פּאָר פּרטים וועגן די הלוואות אין נצרת.

אָבער דאָס זענען דאָך פּסולע עדות. דעריבער ברענגען מיר די וויטערדיקע ציטאַט פון אַן אַרטיקל פונם באַגלויבטן אין דעם פּרט אַראַבישן „פּאַלעסטין”. דער מחבר פון אַרטיקל איז מוחמד עואַד אל פאַלוגי פון עזה:

„די פעלאַכן ווערן געטיילט אויף צוויי טיילן: די, וואָס האָבן פאַרמעגן, און די, וואָס האָבן נישט. דער צווייטער טייל נויטיקט זיך אַלעמאָל אין ערשטן, און דער נוצט אויס די לאַגע בכדי אַרויסצוציען פון זיין באָדן וואָס מער. ער וואַרפט אַרויף אויפן פעלאַך־אַרענדאַר באַדינגונגען, בײַ וועלכע מען קאָן נישט עקזיסטירן. דער אָפּצאָל פון האַלבן עשור, אַ חלק פון וורקו, אַ העלפט פון גערעטעניש, און נאָך באַקשיש אויף יעדער חלק, און אַ חוץ דעם דאָס געהאַלט פון שומר און שאַצער, וואָס ווערט באַשטימט דורך דעם פאַרפאַכטער, און דאָס צושטעלן לעבנס־מיטלען פאַר זיי.

ווען עס קומט די צייט פון ליקווידירן דאָס גערעטעניש און נאָכן אָפּצאָלן אַלע פאַרפליכטונגען דעם פאַרפאַכטער, בלייבט דעם פעלאַך זייער ווייניק, אַפילו נישט גענוג אויף צו דעקן זיינע באַדערפנישן, און אפשר נישט מער ווי די זריעה, וואָס ער האָט פאַרזייט. פאַר דער לעצטער צייט האָבן די באַלעבאַטים פון די באָדנס אָנגענומען אַ נייע שיטה: מען וואַרפט אַרויף אויף די אַרענדאַרן אַ באַשטימטע צאָל תבואה לויט דער צאָל פון די חלקים באָדנס, וואָס מען האָט זיי פאַרדונגען, אומאָפּ־

העננגיק פונם גערעטעניש. און עס האָבן מיר דערציילט אַ פּאָר פעלאַכן אין דרום אַ פּאַקט וועגן די רעזולטאַטן פון דער דאָזיקע שיטה. זיי האָבן געפּאַכטעט באָדן, געזייט, און די תבואה איז אַ ביסל געשלאָגן געוואָרן דורך דער טריקעניש. דער שניט איז געווען 13 קאַנטאַר. דער אייגנטימער פון דעם באָדן האָט פאַר זיך אַראָפּגענומען 9 מיט אַ האַלבן קאַנטאַר, און די, וואָס האָבן געאַרבעט בייטאָג און ביינאַכט, געזייט, געשניטן, געפירט און געדראָשן, האָבן באַקומען נאָר דריי קאַנטאַר מיט אַ האַלבן.

אין אַזאַ לאַגע איז דער פעלאַך געצווונגען אויסצושטרעקן די האַנט צום פּראָצענטניק, וועמענס אַפּעטיט צו רווחים ווייס נישט קיין גרענעץ. ער באָרגט אים און שרייבט אין דער קבלה אַ טאָפּלטן סכום. דעב חוב באַצאָלט דער פעלאַך ביים אַראָפּנעמען דאָס גערעטעניש, און בכדי צו זיין פּינקטלעך, מוז ער פאַרקויפן זיין תבואה זייער ביליק. און אַזוי לעבט דער פעלאַך ווי אַ נידעריקער אונטערגעוואָרפּענער קנעכט פון פּראָצענטניק.

איך האָב געקאָנט אַ פּראָצענטיק, וואָס האָט געבאָרגט זריעות פון ווייץ פאַר זיבן גרוש אַ ראָטל און דורה פאַר פינף גרוש אַ ראָטל. בעתן שינט האָט דער פעלאַך פאַרקויפט ווייץ פאַר דריי גרוש אַ ראָטל און דורה פאַר אַ גרוש מיט דריי פערטל אַ ראָטל און האָט באַצאָלט דעם חוב. דער פעלאַך איז אַרויס „ריין“. און נאָכדעם איז ער ווידער געגאַנגען צום פּראָצענטיק און האָט ווידער געבאָרגט ביי אים תבואה אויף צו לעבן. און דער באַלעבאָס האָט נישט קיין נייע לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען און מיטלען צו פאַרבעסערן דעם באָדן. ער פאַרדינגט דעם באָדן און וואַרט אויפן גערעטעניש, אין פאַל אויב ער האָט נישט באַוויזן צו פאַרמשכנען דעם באָדן איין מאָל אָדער צוויי מאָל ביים פּראָצענטניק. אין אַ סך פאַלן איז ער געצווונגען צו פאַרקויפן דעם באָדן, בכדי פּטור צו ווערן פון חוב. זיין לאַגע איז נאָך ערגער פון דער לאַגע פון פעלאַך, וואָס אַרבעט, און פון אים דראָט אַ סכנה דעם לאַנד“.

די דאָזיקע פאַרהעלטענישן עקזיסטירן, ווי מיר זעען, ביז צום היינטיקן טאָג. אין דעם פּרט איז דער גליל העליון געבליבן לגמרי אָן ענדערונגען. ספּעציעל אין דעם גרויסן זומפּ „חולה“, ווו דער באָדן איז זייער פּרוכטבאַר, אָבער דער קלימאַט זייער שעדלעך פאַרן געזונט צוליב דער שטענדיקער מאַלאַריע. מיט אַ פּאָר יאָר צוריק איז דאָרט פאָרגעקומען אַפילו אַ שטרייק פון די פעלאַכן, ווי מען גיט איבער.

אונטער דער השפעה פון אַ יידישן סוחר פון צפת, וואָס האַנדלט מיט דער „חולה".

דערצו קומען צו די שטייערן, וואָס די פעלאַכן פון די דער־פער דאַרפן צאָלן די גרויסע עפענדיס, די עמירן, וועלכע האַלטן, אַז זיי זענען די הערשער פון דער גאַנצער געגנט. אַזוי איז מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געקומען אַ שייך פון די בערג מיט זיין סוויטע אין דער קבוצה כנרת און געפאָדערט „צינז". דעם לעצטן יאָר קומט פּאָר אַ פאַרצויגענע מלחמה צווישן די דערפער אין דער „חולה" פון איין זייט מיט דעם עמיר פון גולן, די בערג איבער דער „חולה", וועלכע געפינען זיך שוין אין סיריע. די דערפער האָבן ביז דעם לעצטן יאָר געצאָלט צינז דעם עמיר און איצט האָבן זיי אויפגעהערט. קומען פּאָר יעדע נאַכט אָנפאַלן, און אין משך פון די לעצטע חדשים האָבן שוין די מענטשן פון עמיר צוגעגנבעט ביי די דערפער עטלעכע הונ־דערט בהמות. יעדע נאַכט צינדט מען אונטער שייערן. אין יהודה, שומרון און אונטערשטן גליל זענען שוין די „צינזן" כמעט ווי נישטאָ.

צו דער מאַכט פון דעם עפענדי קומט צו אין דאָרף די טראַ־דיציאָנעלע מאַכט פונם שייך, וואָס האָט ביז לעצטער צייט געהאַט דאָס רעכט פון טויט און לעבן איבער זיינע פעלאַכן. דער שייך שיקט אַרויס גנבענען; די ריזיקע פאַלט אויפן פעלאַך, דאָס אַוועקגערויבטע נעמט צו דער שייך. האָט מען געדאַרפט אָפּנעמען אַ גנבה, פלעגט מען קומען צום שייך, און פאַר אַ מתנה פלעגט די גנבה אָפּגעגעבן ווערן צוריק. אויך דעם שייך האָט דער פעלאַך געדאַרפט אָפּגעבן אַ חלק פון זיין גערעטעניש. און נאָך אַלעמען זענען צוגעקומען די גרויסע שטייערן, דער אַזוי גערופענער „עושר"—אַ צענט־חלק פון גערעטעניש, וועלכער האָט אויסגעמאַכט אין די טערקישע צייטן נישט צען, נאָר 12 און אַ האַלבן פּראָצענט, און וועלכער איז געבליבן ביז היינט (היינט מאַכט ער אויס 10 פּראָצענט). דערצו האָט מען דעם שטייער גע־רעכנט—און מען רעכנט אים נאָך היינט—נישט נעטאָ, נאָר ברוטאָ. איז זיך שוין לייכט פאָרצושטעלן, וואָס איז געבליבן דעם אָרימען פעלאַך פון זיין פּראַצע, ווייל די צען פּראָצענט „עושר" האָבן געקאָנט נישט זעלטן אויסמאַכן אַ העלפט און מער פון זיין הכנסה.

די לאַנדווירטשאַפט איז געווען אינגאַנצן פרימיטיוו. די באַאַרבע־טונג איז געווען און איז געבליבן ביז היינט אָן עקסטענסיווע. פון

גרויסע שטחים באָדנס פלעגט דער פעלאַך אויסקלייבן די בעסערע שטיקלעך און די איבעריקע לאָזן נישט־באַאַרבעט. פון באַמיסטיקונג האָט דער פעלאַך נישט געהאַט קיין אַנונג, און נאָך מיט עטלעכע יאָר צוריק פלעגט דער פעלאַך פאַרקויפן די מיסט פון זיינע בהמות דער נאָענטער יידישער קאָלאָניע. די בעדואינער פאַרקויפן די מיסט נאָך עד־היום. ווען כעמישער באַמיסטיקונג שוין אָפגערעדט. פון קיין וואָגנס האָט מען נישט געהאַט קיין באַגריף און דער גאַנצער פאַר־קער איז געווען נאָר אויף אייזלען און קעמלען. די קאָלאָניסטן דערציילן, אַז ווען די אַראַבער אין דאָרף האָבן צום ערשטן מאָל דערזען אַ וואָגן, וועלכער ווערט געשלעפט דורך פערד, האָבן זיי געמיינט, אַז דאָס איז „מן אַללאַ“ (פון גאָט). מען האָט געאַקערט מיט דעם אַזוי גע־רופענעם „אַראַבישן אַקער“, אַ פשוטן לאַנגן, פאַרשמעלערטן ביים עק טשוואָק. עס זענען נאָך דאָ מענטשן, וועלכע האָבן געזעען דעם פע־לאַך אַקערן, איינשפּאַנענדיק זיין אייגענע ווייב אינם אַקער. דעם מחבר פון די שורות איז אַליין אויסגעקומען צו זען אַ פעלאַך אַקערן מיט אַ קעמל, צו וועלכן דאָס ווייב פונם פעלאַך איז געווען צוגעשפּאַנט. ביז היינט דרעשט מען נישט מיט קיין דרעש־מאַשין, און דאָס דרעשן קומט פאָר אויף פאָלגנדיקן אופן: אין משך פון טעג און וואָכן פירט מען אַרויס אויפן שייער די גאַנצע משפחה, אַלע בהמות, וואָס מען האָט נאָר אין דער ווירטשאַפט, אפילו מיט די הינער צוזאַמען, און אַזוי דרעשט מען מיט די פיס פון די מענטשן, בהמות און הינער. אין משך פון וואָכן טראָגט דער ווינט אַוועק די פּלעוועס. עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלן די פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבעט און וויפל צייט עס ווערט פאַר־ווענדעט אויף אַזאַ דרעשן.

נישט בעסער איז עס געווען מיט דער באַוואַסערונג. אין אַן אַראַבישן דאָרף איז געווען נאָר איין ברונעם. דאָס וואַסער האָט מען אַרויסגעשלעפט מיט דער הילף פון אַ קעמל, וואָס איז איינגעשפּאַנט צום ברונעם מיט אַ שטריק און דרייט זיך אַרום דעם ברונעם. אויף אַזאַ אופן האָט מען אויסגעשעפּט אין משך פון אַ שעה פינף-צען קוביק־מעטער וואַסער.

בכלל מוז אָנגעוויזן ווערן, אַז די אַלע פרימיטיווע אופנים פון דער אַרבעט, ווי דרעשן, באַאַרבעטן באָדן, באַוואַסערונג, נישט־באַמיס־טיקונג וכדומה עקזיסטירן נאָך עד היום אין די פאַרוואָרפענע אַראַ־בישע דערפער, וואָס זענען ווייט פון דער יידישער קאָלאָניע.

זייער ווייניק זענען געווען אַנטוויקלט די פּלאַנטאַציע-ווירט־שאַפטן. טרויבן זענען געפלאַנצט געוואָרן כּמעט אויסשליסלעך צום עסן (אין חברון) און קיין ווײַן איז כּמעט נישט געמאַכט געוואָרן, אָדער עס איז געמאַכט געוואָרן פּרימיטיוו אין דער היים; קיין שום ווײַן-קעלערס זענען נישט געווען. פּרדסים זענען יאָ געווען, אָבער די באַאַרבעטונג דאָרט איז געווען אַ שלעכטע, די בוימלעך — קליינע, און די פּרוכט—פון שלעכטן סאָרט. די אַלטע אַראַבישע פּרדסים ליידן נאָך היינט צו טאָג אַ סך מער פון שטורעמס, ווי די יידישע, ווייל זיי זענען שלעכט באַאַרבעט און די פּרוכט האַלט זיך שוואַך אויף די בוימער. ווען מיט צוויי יאָר צוריק איז ווינטער געווען אַ שטאַרקער שטורעם — האָט ער אַראָפּגעטראָגן דעם גרעסטן טייל פּרוכט פון די אַראַבישע פּרדסים אַרום יפו און זייער ווייניק געשאַדט די יידישע פּרדסים. גרויסע מאַסן מאַראַנצן זענען אַראָפּגעריסן געוואָרן פון די בוימער דורכן שטורעם און שוין נישט געטויגט פאַרן עקספּאָרט, האָט מען זיי פאַרקויפט אין יפו און תל־אביב צו זעכציק שטיק פאַר אַ פּיאַסטער (5 אַמעריקאַנער סענט, — דער געוויינלעכער פּרייז איז פינף־זעקס שטיק פאַר אַ פּיאַסטער). אַפילו איצט גיבן די אַראַבישע פּרדסים 70 קעסטלעך אויף אַ דונאַם און די יידישע — 110.

דאָס לעבן אין דאָרף איז געווען פונקט אַזוי פּרימיטיוו, ווי די אַרבעט. אָט וואָס עס שרייבט וועגן דעם לעבן אין דאָרף אַן אַלטער ארץ־ישראל־תּושב ז. ס. („דבר" פון 23 דעצעמבער 1929): „די לעבנס־באַדינגונגען פון די ווייטע דערפער זענען אין אַ סך הינזיכטן גלייך צו די באַדינגונגען, וואָס האָבן עקזיסטירט אין פריערדיקן דור אין די דער־פער, וואָס זענען געווען נאָענט צו די קאָלאָניעס, וועלכע זענען דאַן געגרינדעט געוואָרן. אַזוי ווי דאַן האָט געהערשט אַ גרויסע אָרימ־קייט אין די נאָענטע דערפער, אַזוי איז עס איצט אין די ווייטע דערפער. כּמעט אַלע הייזער זענען געבויט פון ליים, צעמענטירט מיט שטרוי, די ווענט זענען זייער נידריק, אָן פענצטער, אָנשטאָט דעם אַ פּאָר לעכער, וואָס ווערן אין דעם רעגן-סעזאָן אינגאַנצן פאַר־שטאָפּט. די באַלקנס פון סופית באַדעקט מען מיט צווייגן און דער־נער, און אויף דעם טינקעוועט מען מיט ליים. דאָס הויז איז לויט זיין אינערלעכן און אויסערלעכן אויסזען ענלעך צו אַ שטאַל, און ווירקלעך — אין רעגן־סעזאָן פירט מען אין הויז אַריין די שאָף און רינדער, און אַלע שלאָפן צוזאַמען אין איין שטוב. אַלס צוגאָב צום

שמוץ און געשטאַנק פון די דירות קומט צו ווינטער־צייט דאָס, וואָס מען קאָכט און מען באַקט. דער רויך גייט אַריין אין די אויגן, און די גאַנצע ווענט און דער סופיט זענען פאַררויכערט. די בגדים זענען אַלט און צוריסן, און געלאַטעט אַ לאַטע אויף אַ לאַטע. די קינדער זענען אָפטמאָל אין גאַנצן נאַקעט, ווינטער דעקן זיי זיך צו מיט שמאַטעס און טראַנטעס. על פּי רוב האָט יעדער איינער נאָר איין קלייד אָדער העמד, און מען וואַשט עס זייער זעלטן. איין תּרבוש (היטל), וואָס איז דורכגעשוויצט און פאַרשמוצט, טראָגט מען אין משך פון יאָרן, און די אַבאַיע (אַ מין פּעלערינע — נ.) טראָגט מען צענ־דליקער יאָרן, און אַ מאָל לאָזט מען זי נאָך איבער בירושה דעם זון. פליגן, קאָמאַרעס, די עגיפּטישע מכּה און פאַרשידענע ווערים זע־נען שטענדיקע בירגער אין דער דירה און אין די בגדים. אין די הויפן שטייט לרוב אַ געשטאַנק פון פערדן־מיסט און כלערליי אָפּפאַל אין יעדן ווינקל. די גאַסן זענען ענג, קרום, פול מיט שטויב, שאָ־לעכצן און שמאַטעס זומער־צייט, און גאַנצע אָזיערעס און בלאָ־טעס ווינטער־צייט. כמעט אַלע קינדער ליידן פון אויגן־קראַנקהייטן. די שטערבלעכקייט צווישן די קינדער איז גרויס. און וועגן אַן אַפּ־טייק און אַ פעלשער איז שוין אָפּגערעדט. די, וואָס דאַרפן זיך היילן, איז אָדער זיי זענען פאַרלאָזן אויף הפקר, אָדער מען היילט זיי מיט באַבסקע רפואות און אָפּשפּרעכענישן. אין עסן באַגנוגט מען זיך מיט די „פּיטעס" (אַראַבישע נישט־אויסגעבאַקענע פלעצלעך, וואָס מען טראָגט אויפן האַנט, ווי טיכלעך — נ.), גערשטן, דורה און כל־ערליי אָפּפאַל. ווייניקער ווי אַ פונט אַ חודש געניגט אויף דער גאַנצער הוצאה.

די גרויסע אָרימקייט, וואָס הערשט אין די דאָזיקע דערפער, ברענגט דערצו, אַז אַן אָנגעזעענער טייל פון די דערוואַקסענע פע־לאַכן איז נישט זוכה עפּעס צו פאַרדינען, אָדער אָפּצושפּאָרן דעם סכום, וואָס איז נויטיק צו קויפן אַ ווייב, ווייל דער פּרייז פון אַ ווייב איז אַ סך גרעסער ווי די הכנסות. אין אַזעלכע פאַלן באָרגט דער חתן געלט און פאַרקויפט זיך ביים מלווה אויף לאַנגע יאָרן, אָדער ער שרייבט תּנאים מיט אַ קינד פון אַ פּאָר יאָר און אין משך פון אַ צען יאָר גיט ער אָפּ דעם פאָטער אַלץ, וואָס ער פאַרדינט, ביז ער ענדיקט אויסצאָלן דעם פּרייז. און אָפטמאָל, נישט זייענדיק אימשטאַנד צו באַצאָלן אַ הייכן פּרייז פאַר אַ בתולה, איז ער געצוווּנגען צו קויפן אַן אַלמנה, אָדער אַ גרושה, ווייל עמענס פּרייז ס'איז נידעריקער".

נישט ווייניקער פרימיטיוו איז געווען דאָס לעבן און די ווירטשאַפט אין דער אַראַבישער שטאָט. קיין אינדוסטריע איז בכלל כמעט ווי נישט געווען. די אויסאַרבעטונג פון זייף און אַ ביסל שטיקעריי איז געווען זייער פרימיטיוו. עס זענען נאָך געווען מילן, אַ ביסל האָט מען אויסגעאַרבעט פעל, אָנדענק-זאַכן פאַר פּילגרימען און פאַר יידן. ביי די יידן האָט מען נאָך געשריבן ספר-תורות, תפילין וכדומה. קליינע דרוקערייען האָבן געדרוקט סדורים. ביי די אַראַבער איז כמעט קיין דרוק נישט געווען.

„פאַר דער מלחמה זענען געווען אין לאַנד נאָר צוויי וויכטיקע אויסאַרבעטונגען: זייף און ווייִן פון אָרטיקע פּראָדוקטן. זייף-אויסאַרבעטונגען זענען שוין געווען אין לאַנד פון לאַנגע יאָרן אין שכם און יפו. איין רוי-שטאָף, אָליוון-אייל, איז געווען אויפן פּלאַץ. דאָס צווייטע רוי-שטאָף — סאָדע, איז געבראַכט געוואָרן פון אויסלאַנד. דאָס דאָזיקע זייף, וואָס האָט נישט אַנטהאַלטן קיין בהמות-פעטס, איז געוואָרן פאַרקויפט אויך צווישן די מוסולמענער פון די שכנותדיקע לענדער.

די אויסאַרבעטונג פון מעל — איר פאָרם איז געווען זייער פרימיטיוו. קליינע מילן זענען געווען כמעט אין יעדן דאָרף, אָבער נאָר איין מיל נעבן יפו האָט געהאַט מעכאַנישע קראַפט און טעכנישע איינריכטונגען און האָט געגעבן גוטע מעל.

אַחוץ דעם האָבן עקזיסטירט אין יפו נאָך צוויי וואַרשטאַטן פון גיסן אייזן און פאַרריכטן מאַשינען; אייניקע וואַרשטאַטן פון מעבל און איין יידישע פאַבריק אין יפו; עטלעכע וואַרשטאַטן, ווי אין מזרח בכלל, פון זיסקייטן און עסנוואַרג און אַ הויז-אינדוסטריע, וואָס האָט געאַרבעט פאַר טוריסטן, צווישן אַנדערע אויך יוועלירישע זאַכן, וואָס איר צענטער איז ביז היינט בית-לחם.*)

אין דין-וחשבון פון הערבערט סעמועלן פאַר די יאָרן 1920–25, ווערט געזאָגט אויף דער זייט 18—19: „פאַר דער מלחמה איז כמעט נישט געווען קיין אינדוסטריע אין ארץ-ישראל".

אין שטאָט זענען געווען נאָר קליינע בעלי-מלאכות. פון פאַבריק-אַרבעטער איז נישט געווען קיין שפור. די קאָמוניקאַציע האָט אין גאַנצן אַנטשפּראָכן דער פרימיטיווער ווירטשאַפט. פון באַנען און שאָסייען איז נישט געווען קיין זכר. ווי עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן, זענען די אייניציקע קאָמוניקאַציע-מיטלען געווען דער קעמל און אייזל.

*) פון אַן אַרטיקל פון ה' גאָלדוואַטער אין „מסחר ותעשיה", יולי 1928.

נאָך מיט צוואַנציק יאָר צוריק, דערציילן חברים, האָט די נסיעה פון ירושלים, למשל, אין גליל העליון געדויערט אַ גאַנצע וואָך. היינט מאַכט מען זי אין איין טאָג. נאָך מיט אַן אַכט יאָר צוריק פלעגט מען פאָרן אַ דריי־פיר שעה פון רחובות קיין יפו,—אַ שטרעקע, וואָס מען מאַכט היינט מיטן אויטאָמאָביל אין אַ האַלבער שעה (צוואַנציק קילאָמעטער). עס איז קלאָר, אַז וועגן עלעקטרי און טעלעפאָנען האָט די באַפעלקערונג נישט געהאַט קיין פאָרשטעלונג. דער פאָסט־פאַרקער איז געלעגן אין די הענט פון די אויסלענדישע מלוכות; יעדע מלוכה האָט זיך געהאַט איר אייגענע פאָסט און באַאמטע.

קיין אַרבעטער אין מאָדערנעם זין פון וואָרט זענען דעריבער אין יענע צייטן נישט געווען בנמצא. קיין גרויסע בורזשואַזיע האָט נישט געקאָנט זיין, ווייל ס׳איז נישט געווען קיין אינדוסטריע. דאָס בירגערטום אין שטאָט איז באַשטאַנען פון קליינע סוחרים, על פי רוב נישט אַראַבער. און אויב אַראַבער, זענען עס געווען קריסטן פון סיריע, ווו די ווירטשאַפט איז געשטאַנען אויף אַ סך אַ העכערער מדרגה. דער אימפּאָרט איז געווען אומגעפער אויף אַ מיליאָן פונט אַ יאָר, און דאָס שוין אין אָנהויב פון הײנטיקן יאָרהונדערט. דער עקספּאָרט איז אין דערזעלבער צייט געווען אויף אַ פּאָר הונדערט טויזנט פונט און איז באַשטאַנען אויסשליסלעך פון זייף, בוימל פון אָליוון און אַנדערע לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן, ווי סומסום, אַ ביסל ווייץ א.ד.גל.

די באַפעלקערונג פון די שטעט איז, אַלזאָ, באַשטאַנען פון קליינבירגער, קליינהענדלער, בעלי־מלאכות און, ווי מיר האָבן פריער דערמאָנט, פּראָצענטניקעס. דער קאַפּיטאַל, אויב ער איז געווען, האָט געטראָגן אַן אויסגעשפּראָכענעם האַנדלס־כאַראַקטער און נישט קיין אינדוסטריעלן, וואָס עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן פעאָדאַליזם. דער דאָזיקער צוזאַמענשטעל פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג איז געבליבן אייגנטלעך עד היום אין די פאַרוואָרפענע שטעטלעך, ווי למשל, עכו, טיילווייז חברון, צפת, קסריה, נצרת, בית־שאן, גינין און אַנדערע. דעריבער איז אונז אויך לייכטער פעסטצושטעלן די ווירטשאַפטלעכע באַציונגען אין די שטעט פון אַמאָל, ווייל מיר האָבן פאַר זיך דאָס זעלבע בילד אויך איצט אין די פאַרוואָרפענע ווינקלען, וווהין עס איז איז נישט דערגאַנגען די השפעה פון דער יידישע איינוואַנדערונג.

רעזיומירנדיק, קאָן מען זאָגן, אַז אין א״י האָבן געהערשט פולשטענדיק פעאָדאַלע באַציונגען סיי אין שטאָט און סיי אין דאָרף.

2. די היינטיקע ווירטשאַפט.

אין דער דאָזיקער פּעאָדאַלער אָרדנונג פון פּאַלעסטינע האָט עס זיך אָנגעהויבן אַריינגיסן די יידישע איינוואַנדערונג, הויפּטזעכלעך אין משך פון די לעצטע פינף און צוואַנציק יאָר.

בכדי צו פאַרשטיין די השפּעה, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג, פון לאַנד האָט געהאַט אויף די ווירטשאַפטלעכע פאַר־העלטענישן אין דער אַראַבישער וועלט אין ארץ ישראל, און די סאָציאַלע דיפערענצירונג פון די באַזונדערע שיכטן און זייערע קלאַסן־אינטערעסן, איז נויטיק צו באַקענען זיך מיטן בילד פון דער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג וואָס דאָס לאַנד האָט דורכגעמאַכט אַדאַנק דער יידישער איינוואַנדערונג. ערשט נאָך דעם וועלן מיר קאָנען אָפּשאַצן די פאָרגעקומענע ענדערונגען.

א. די איינוואַנדערונג און אויסוואַנדערונג אין די לעצטע יאָרן.

אין די ביידע ביילעגטע טאַבעלעס (1 און 2) האָבן מיר דאָס בילד פון דער יידישער, קריסטלעכער און מוסולמענישער איינוואַנדערונג און אויסוואַנדערונג — פריער לויט די חדשים, אויף וויפל די מאַטעריאַלן זענען אָנגעגעבן געוואָרן דורך דער רעגירונג אין איר אָפיציעלן אָרגאַן, און שפּעטער לויט באַזונדערע יאָרן.

דער בונדישער פּראָפעסאָר הערש האָט אַמאָל מיט דער הילף פון אַ גאַנצער ריי דיאַגראַמעס געוואָלט דערווייזן די נישטיקייט פון דער יידישער איינוואַנדערונג אין א״י און, וואָס איז אינטערעסאַנטער, ער האָט געוואָלט דערווייזן, אַז א״י איז אייגנטלעך אַ לאַנד נישט פון איינוואַנדערונג, נאָר פון אויסוואַנדערונג. דאָס לעצטע האָט ער זיך באַמיט צו דערווייזן מיט אַ פּאָר ציפערן פון דער נישט־יידישער איין־און אויסוואַנדערונג פון לאַנד. די דאָ געבראַכטע ביידע טאַבעלעס דערווייזן באַשיימפּערלעך, אויף וויפל אומבאַגרינדעט עס זענען געווען די אויספירן פון דעם פּראָפעסאָר. מיר האָבן מיט צוויי יאָר צוריק

אויפמערקזאַם געמאַכט דעם פּראָפעסאָר, אַז „די הינדלעך ציילט מען אין הערבסט". דעריבער מוז מען האָבן אַביסל געדולד. מיר מיינען, אַז לויט די בייגעלייגטע ציפערן וועט שוין אפילו אַ בונדישער פּראָפעסאָר נישט קאָנען מאַכן קיין גינסטיקע פּאַר אים דיאַגראַמעס.

די יידישע איינוואַנדערונג ווייזט דעם אומאויפהערלעכן וווקס, אָנהויבנדיק פון ערשטן יאָר נאָך דער מלחמה, ווען עס איז פיזיש מעגלעך געוואָרן צו פאָרן קיין א"י, ביז דעם יאָר 1925, אין וועלכן זי האָט דערגרייכט איר קולמינאַציע-ציפער פון קרוב צו 37 טויזנט מענטשן, מיטן ריינעם עודף פון קרוב צו 35 טויזנט. פון דעם יאָר אָן הויבט די איינוואַנדערונג אָן צו פאַלן און גיט שוין אין יאָר 1927 אַ ריינעם דעפיציט פון העכער צוויי טויזנט יידן. דאָס איז דער קולמינאַציע-פונקט פון דער ירידה, נאָך וועלכער די איינוואַנ־דערונגס-ליניע הויבט זיך ווידער. אין יאָר 1928 איז די איינוואַנדערונג און אויסוואַנדערונג כמעט גלייך, מיט אַ קליינעם איבערוואָג פון דער איינוואַנדערונג, און אין יאָר 1929 גיט שוין די איינוואַנדערונג אַן עודף פון דריי מיט אַ האַלבן טויזנט יידן.

אָבער פון דער אַנדערער זייט באַווייזן די טאַבעלעס אַ זייער אינטערעסאַנטן פאַקט, אין קעגנזאַץ צו די פעסטשטעלונגען פון פּראָפעסאָר. מיר זעען, אַז א"י ווערט אין די לעצטע יאָרן נישט נאָר אַן איינ־וואַנדערונגס-לאַנד פאַר יידן, נאָר אַז זי הערט אויך אויף צו זיין אַן אויסוואַנדערונגס-לאַנד פאַר די אַראַבער.

פון א"י האָבן אויסגעוואַנדערט אין משך פון די יאָרן 1922—29 11.535 און איינגעוואַנדערט האָבן 6.280 אַראַבער. דער פּראָפעסאָר ברענגט די ציפערן פאַר פינף יאָר, אין משך פון וועלכע דער עודף פון דער אויסוואַנדערונג איבער דער איינוואַנדערונג איז געווען קרוב צו טויזנט אַ יאָר. לויט די איצטיקע ציפערן פאַר די 8 יאָרן איז דער עודף פאַר דער אויסוואַנדערונג (5255) אַן ערך זיבן הונדערט אַראַבער אַ יאָר. אָבער אויך דאָ באַווייזן אונז די טאַבעלעס אַ מערקווירדיקן פאַקט, וועלכן דער פּראָפעסאָר וועט בשום אופן נישט קאָנען דערקלערן מיט זיינע בונדישע פּאַראורטיילן: די נישט יידישע אויסוואַנדערונג פאַרקלענערט זיך פון יאָר צו יאָר, און אויב אין יאָר 1927 איז דער עודף לטובת דער אויסוואַנדערונג געווען 1095, בלייבט אין יאָר 1928 די נישט-יידישע אויסוואַנדערונג און

איינוואַנדערונג שטייען כמעט גלייך (‎-42) און פאַרן יאָר 1929 האָבן מיר שוין אַן עודף לטובת דער נישט־יידישער איינוואַנדערונג פון 113. ווי מיר זעען, באַווייזט זיך דאָ די זעלבע טענדענץ פון שטייגן, ווי אין דער יידישער איינוואַנדערונג, — אמת, אין אַ סך אַ קלענערן מאַשטאַב. דאָס הייסט, אַז אַדאַנק דער יידישער איינוואַנדערונג און דער קאַפּיטאַליזירונג פון לאַנד ווערט אָפּגעשוואַכט די באַדערפעניש אין אויסוואַנדערונג ביי דער אָרטיקער באַפעלקערונג.

די דאָזיקע באַהויפּטונג ווערט נאָך קלאָרער, ווען מען פאַרגלייכט א״י מיט די שכנותדיקע אַראַבישע לענדער, ווי סיריען און לבנון, און ווען מען באַקענט זיך מיט דער אַראַבישער אויסוואַנדערונג פון פאַר דער מלחמה.

נאָך אין „פראָלעטאַרישן געדאַנק" פון אָנהויב יאָר 1928 (נומער 3—4) האָבן מיר אָנגעוויזן אויף דער גרויסער אויסוואַנדערונג פון סיריען און לבנון, און מיר האָבן געבראַכט די ציפערן פון איין־און אויסוואַנדערונג, אמת, נאָר פאַר איין חודש — נאָוועמבער 1927 — פון דער ביירוטער צייטונג „אל־אחראר". דער עודף פאַר דעם חודש לטובת דער אויסוואַנדערונג איז געווען 1431, דאָס הייסט, מערער ווי אין משך פון איינעם פון די פאַרלעצטע יאָרן פון א״י. איצט קאָנען מיר ברענגען די ציפערן פון דער אויסוואַנדערונג פון סיריען און לבנון פאַר די יאָרן 1925—26, וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך דעם אַרבעטס־ביוראָ ביים פעלקער־בונד. אין משך פון די צוויי יאָר האָבן פון דאָרט אויסגעוואַנדערט 27.000 מאַן, וואָס עס מאַכט אויס 5, 4 אויף יעדע טויזנט איינוואוינער (3.022.000) אין איין יאָר.

שוואדראן אין „דבר" (פון 4־טן אָקטאָבער 1929) גיט אָן די רעגירונגס־ציפערן וועגן דער אויסוואַנדערונג פאַר די ערשטע ניין חדשים פון יאָר 1928 פון סיריען און לבנון. די ציפער איז 22.000, און ווען מיר זאָלן זיך פאָרשטעלן, אַז די באַפעלקערונג האָט זיך אַביסל פאַרגרעסערט פאַר די צוויי יאָר, דאָך וועט די צאָל אויסוואַנדערער אויף טויזנט זיין נאָך גרעסער ווי 5, 4. און אין דערזעלבער צייט איז פון ארץ־ישראל די נעטאָ־אויסוואַנדערונג פאַר די לעצטע יאָרן נאָר אַן ערך צו 700 אַראַבער אויף אַ באַפעלקערונג פון אומגעפער 700.000, דאָס הייסט נאָר איינער אויף טויזנט, און אייגנטלעך נאָך ווייניקער. און אין משך פון די צוויי לעצטע יאָרן איז אויך דער איינציקער אַראַבער פאַרשוואונדן פון דער אויסוואַנדערונג.

אָבער אפשר איז די דאָזיקע דערשיינונג נישט קיין פועל־יוצא פון דער אַנטוויקלונג פון לאַנד אַדאַנק דער יידישער איינוואַנדערונג? אויף דעם ענטפערן די ציפערן פון דער אַראַבישער אויסוואַנדערונג פון פאַר דער מלחמה.

דער ח׳ מ. נעמיראָווסקי אין דער ענגלישער אויסגאַבע פון „Dawar“ (פון 6־טן דעצעמבער 1929) שרייבט: „אויפן יסוד פון דין־וחשבון פון אַמעריקאַנער קאָנסול אין ירושלים גיט איבער אַ מחבר פון אַ בוך איבער ארץ־ישראל האַנטבוך פון סיריען, זייט 186), אַז אין יאָר 1913 זענען אַרויסגעפאָרן פון קרייז ירושלים, וואָס האָט דאַן געציילט אַ 320.000 נישט־יידישע איינוואוינער, 2000 נישט־יידן, אָדער $6^1/_4$ אויף טויזנט איינוואוינער. אמת איז, אַז דער ירושלימער קרייז האָט געגעבן די גרעסטע אויסוואַנדערונג, און מען קאָן נישט אָננעמען די דאָזיקע נאָרמע פאַרן דעמאָלטיקן א״י אין גאַנצן, און ניעמיראָווסקי מאַכט דעם בערכדיקן חשבון אויף 4 און האַלב נישט־יידן פון טויזנט איינוואוינער, וואָס האָבן אויסגעוואַנדערט פון ארץ ישראל פאַר דער מלחמה. דער פּראָצענט איז אַלזאָ אַזוי גרויס, ווי ער איז איצט אין סיריען און לבנון, און דער דאָזיקער גרויסער פּראָצענט פון נישט־יידישער אויסוואנדערונג איז אינגאַנצן פאַרשווונדן פאַר די לעצטע יאָרן.

אויפן סמך, אַלזאָ, פון די דאָזיקער ציפערן קאָן מען פעסט־שטעלן, אַז די קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג פון לאַנד האָט אַדאַנק דער איינוואַנדערונג פון די יידן און זייערע קאַפּיטאַלן געגעבן די מעגלעכקייט אייך דער נישט־יידישער באַפעלקערונג נישט אויסצו־וואַנדערן פון איינגעזעסענעם אָרט. דאָס באַווייזט, ווי אומבאַגרינדעט עס זענען די טענות פון די עפענדיס און בעדואינער שייכן אין דער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע, אַז צוליב די יידן מוזן נעבעך די אַראַבער פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

ב. די באָדן־פאַרהעלטנישן

אין דער פּראָ־אַראַבישער פּרעסע, אָנהויבנדיק פון דעם אַראַבישן אויספיר־קאָמיטעט און אויסלאָזנדיק מיט דער יעזועטקישער „פרייהייט“ און בונדישער „פאָלקס־צייטונג“, ווערט זייער אַ סך געשריבן וועגן אַראָפּטרייבן אַראַבער, וועגן אַוועקרויבן באָדן ביי די פעלאַכן דורך די יידישע קניות, איז טאַקע אינטערעסאַנט אַ קוק צו געבן אויף די ציפערן

וועגן דעם ענין און איבערצייגן זיך, אויף וויפל די טענות זענען גערעכטע.

אין יאָר 1925 האָט די רעגירונג אָפּגעשאַצט דעם גאַנצן באָדן אין 27 מיליאָן דונאַם. פון זיי 12 און אַ האַלב מיליאָן דונאַם באָדן, וואָס טויג צום באַאַרבעטן, פון וועלכן עס ווערן באַאַרבעט נאָר צען מיליאָן דונאַם. דאָס הייסט, עס איז נאָך דאָ צוויי און אַ האַלב מיליאָן דונאַם פרייער באָדן צו באַאַרבעטן, 7 און אַ האַלב מיליאָן דונאַם פאַשע-באָדן, וועלדער, הויפן און שטעט, און 7 מיליאָן וויסטע מדבר־באָדנס. אין אָנהויב פון יאָר 1927 האָבן די יידן געהאַט אין זייערע הענט 1.002.000 דונאַם. פון דעם:

אין יהודה	246.435 דונאַם
אין עמק השרון	208.080 „
אין עמק יזרעאל	296,265 „
אין אונטערשטן גליל	163.928 „
אין אויבערשטן גליל	87.292 „

פון דעם דאָזיקן גאַנצן שטח באָדן זענען:

באָדן, וואָס טויג נישט צום באַאַרבעטן . .	179.324
באַאַרבעטער באָדן, וואָס איז פריער נישט געווען באַאַרבעט	472.000
און באָדן וואָס איז פריער פרימיטיוו באַאַרבעט געוואָרן	350.000

די קניות פון אָנהויב 1927 זענען כמעט אין גאַנצן פון באָדנס, וואָס זענען פריער נישט באַאַרבעט געוואָרן. פון די 350.000 דונאַם איז אומגעפער דריי הונדערט טויזנט געקויפט געוואָרן ביי די עפענדיס און 50.000 ביי פעלאַכן.

כמעט די זעלביקע פאַרהעלטנישן זענען געווען אין גוש השרון און יהודה, ווי דאָס גיט איבער מ. סמילאַנסקי אין דער אויספאָר־שונגס-קאָמיסיע. 20 פראָצענט באָדנס אין דעם טייל זענען געווען אין גאַנצן וויסט; 60 פראָצענט האָבן געהערט צו דעם טיפּ, וועגן וועלכן דער פעלאַך דריקט זיך אויס, אַז „זיי זענען נישט געאַקערט געוואָרן פון נחס צייטן"; און 20 פראָצענט איז געווען באַאַרבעט אויף אַ זייער פרימיטיוון אופן. פון דעם באָדן איז 85 פראָצענט געקויפט געוואָרן ביי די עפענדיס, 5 פראָצענט ביי דער רעגירונג און 10 פראָצענט ביי די פעלאַכן.

אפילו דער עדות פון דעם אַראַבישן צד אין דער אויספאָרָ

שונגס־קאָמיסיע, דער אַגראָנאָם מוחאמעד ראריב, אַ הויכער באַאַמטער אין דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אָפּטיילונג אין חיפה, האָט עדות געזאָגט אין דער קאָמיסיע, אַז פון דעם בעסטן באָדן אין טאָל ביים ים, וואָס איז גוט פאַר פּלאַנטאַציע־ווירטשאַפט, איז נאָך דאָ אַן ערך 220—250 טויזנט דונאַם פרייער באָדן („דבר" פון 8־טן דעצעמבער 1929).

דערפון דרינגט אַלזאָ, קודם כל, אַז עס איז נאָך דאָ גענוג פרייער באָדן אין לאַנד, און פאַר דער יידישער קאָלאָניזאַציע איז נישטאָ קיין נויטווענדיקייט אַראָפּצוּוואַרפן ווען עס איז פון דעם פאַרנומענעם באָדן.

אומגעפער 450.000 פעלאַכן באַאַרבעטן איצט ניין מיליאָן דונאַם באָדן, און אַן ערך 50.000 יידן — אַ שטח פון איין מיליאָן דונאַם. אַן אינטענסיווע ווירטשאַפט אויף דעם באַאַרבעטן באָדן וואָלט געגעבן די מעגלעכקייט צו באַזעצן נאָך אַ דריי פערטל מיליאָן מענטשן, ווער רעדט נאָך, ווען מען וואָלט נעמען אין באַטראַכט דעם גאַנצן באָדן, וואָס איז נאָך נישט באַאַרבעט. אַז די איצטיקע באַאַרבעטונג איז אַ שרעקלעך פּרימיטיווע, באַווייזט שוין דער פאַקט אַליין, וואָס די פעלאַכישע באַפעלקערונג קאָן נישט צושטעלן קיין תבואה פאַר דער שטאָטישער באַפעלקערונג, וועלכע איז לויט דער גרויס די זעלבע, ווי די דאָרפישע, און וואָס דער אימפּאָרט פון לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָ־דוקטן — נישט נאָר ער פאַרקלענערט זיך נישט, נאָר אָפטמאָל פאַר־גרעסערט ער זיך נאָך.

פאַלט, אַלזאָ, אָפּ די טענה וועגן אָפּנעמען באָדן ביי די אַראַבער. פונקט אַזוי אומבאַגרינדעט איז די טענה, אַז די אָרעמע אַרענדאַטאָרס האָט מען אַראָפּגעטריבן פון די באָדנס, וואָס זיי האָבן באַאַרבעט.

דער זעלביקער שוין פריער דערמאָנטער עדות, מוחאמעד ראריב, האָט עס באַשטעטיקט בדרך כלל, אַז די אַראַבישע אַרענדאַטאָרס באַקומען אַנטשעדיקונגען פון די ציוניסטישע אינסטיטוציעס, וועלכע קויפן באָדן. ער האָט עס דערציילט וועגן דער קניה פון דעם באָדן וואדי חוארית נעבן תול־כרם. דאָרט האָט דער נאַציאָנאַל־פאָנד געקויפט אַן ערך הונדערט טויזנט דונאַם באָדן אין אַפּריל 1929. פון דעם דאָזיקן באָדן געהערט, לויט די ווערטער פון מוחאמעד ראריב, אַן ערך 65.000 דונאַם צו די איינוווינער פון תול־כרם און 35.000 דונאַם האָבן געהערט צו צוויי משפּחות: צו דער משפחה רייאַן פון ביירוט און יפו און דער משפחה קבאני. פון די ווייטערדיקע פראַגן, וואָס זענען

דעם עדות געשטעלט געוואָרן אין דער קאָמיסיע, איז געוואָרן באַ־וויסט, אַז אויף דעם דאָזיקן באָדן פֿון די צוויי עפֿענדישע משפּחות זענען געזעסן אין גאַנצן 84 אַרענדאַטאָרן, וואָס האָבן געאַרבעט בײַ די עפֿענדיס, פֿאַר אַ קליין חלק פֿון גערעטעניש. און די אַלע האָבן באַקומען פֿון נאַציאָנאַל־פֿאָנד, בעת ער האָט געקויפֿט דעם באָדן, אַן אַנטשעדיקונג לויט אַ קעגנזײַטיקן הסכּם. פֿון די 65.000 דונאַם, וואָס האָבן געהערט צו די אײַנוווינער פֿון תּול־כּרם זענען געווען חלקים צו אַ 5 טויזנט און אַ 6 טויזנט דונאַם בײַ איין בעלעבאָס. עסזענען געווען חלקים אויך צו הונדערט דונאַם (דערבײַ, אגב, אַ פּיקאַנטער פּרט: דער באָדן פֿון וואדי חוארית איז פֿאַרקויפֿט געוואָרן אויף אַן עפֿנטלעכער ליציטאַציע פֿאַר אַ חוב, וואָס איז געווען פֿאַרמשכּנט בײַ אַ פֿראַנצויז, און פֿאַרקויפֿט האָט עס דער אַדוואָקאַט צוני־אבעד־אל האדי, דער אַראַבישער אַדוואָקאַט, וועלכער איז געזעסן אין דער אויספֿאָרשונגס־קאָמיסיע אַלס פֿאַרטרעטער פֿון דעם אַראַבישן אויספּיר־קאָמיטעט, און וועלכער איז אַליין אַ מיטגליד פֿון דעם דאָזיקן קאָמיטעט, און נישט סתּם אַ מיטגליד, נאָר טאַקע איינער פֿון זײַנע צוויי סעקרעטאַרן).

אין דערזעלבער אויספֿאָרשונגס־קאָמיסיע זענען אגב איבערגע־געבן געוואָרן פּרטים וועגן דער קניה אין עפּולה מיט פֿינף יאָר צוריק, וועגן וועלכער עס האָבן אַזוי פֿיל געליאַרמט די היגע און די אויסלענדישע יעווסעקעס. די פּרטים האָט איבערגעגעבן הער פּאסמאַן, דער פֿאָרשטייער פֿון דער „קהילת ציון“, וועלכע האָט דעם באָדן געקויפֿט. („דבר“ פֿון 27־טן דעצעמבער 1929):

אויף דעם באָדן זענען געזעסן בסך הכּל 54 (פֿיר און פֿופֿציק) פֿאַכטערס, און אַלעמען האָט מען פֿאָרגעלייגט אַלס אַנטשעדיקונג: אָדער אַנדערן באָדן, אָדער געלט. 42 האָבן תּיכּף מסכּים געווען און אַלע אויסגעקליבן ליבערשט געלט. 12 האָבן זיך אָפּגעזאָגט און געטענהט, אַז עפּעס מענטשן פֿון ירושלים (דאָס זענען געווען די מיטגלידער פֿון אַראַבישן אויספּיר־קאָמיטעט), האָבן זיי דערקלערט, אַז זיי דאַרפֿן נישט פֿאַרלאָזן דעם באָדן. און די 12 האָבן עס געשטערט צו אַקערן דעם באָדן, וואָס עס האָט געבראַכט צו דעם באַוווּסטן צוזאַמענשטויס. נאָך דעם זענען די זעלביקע צוועלף געקומען און גענומען זייער אַנטשעדיקונג.

דער זעלביקער עדות גיט איבער וועגן די שוועריקייטן, וואָס

זיין געזעלשאַפט האָט נאָך מיט דער קניה פון דעם באָדן אין ג׳ידרו. „די שוועריקייט איז נישט מצד די מענטשן, וואָס געפינען זיך אויפן באָדן. זיי אַליין זענען גרייט אַראָפּצוגיין, אויב מיר וועלן זיי געבן די אַנטשעדיקונג, וועלכע קומט זיי נישט אין דער אמתן, ווייל זיי זענען נישט קיין אַרענדאַטאָרס. אָבער אין יאָר 1925 האָבן זיי זיך פאַרבונדן דורך אַ קאָנטראַקט מיט אַ בכבודיקן אַראַבער פון חיפה, וועלכער האָט זיי געגעבן געוויסע פאַרפליכטונגען און זיי האָבן זיך מתחייב געווען צו צאָלן שטראָף יעדערער צו 300 פונט, אויב זיי וועלן פאַרענדיקן דעם ענין דירעקט מיט אונז. דאָס איז קאַמעל וואַפּע אַל דאַג׳אַני פון חיפה. מיר האָבן אונטערהאַנדלט מיט דאַג׳אַני וועגן די פאַכטערס. דאַג׳אַני האָט צוגעזאָגט צו באַקומען פאַר די בעדואינער רעכט אויפן באָדן און שפּעטער פאַרקויפן דאָס רעכט פאַר געלט. דער פאַכטער דאַרף באַקומען שפּעטער אָדער אַ העלפט באָדן, אָדער אַ העלפט אַנטשעדיקונג (דאָס הייסט, אַז דאַג׳אַני באַקומט פאַר זיין טרחה אַ העלפט—נ.) דאַג׳אַני האָט באַקומען פון זיי אַ פולמאַכט. ער איז געקומען צו אונז און פאָרגעשלאָגן איבערגעבן אונז זיינע רעכט לויטן קאָנטראַקט פאַר געלט. ער האָט געמיינט, אַז מיר וועלן קאָנען אַראָפּטרייבן די בעדואינער און זיי גאָרנישט געבן. דאַג׳אַני איז געקומען צו מיר אַ סך מאָל, און אויך די בעדואינער פלעגן קומען און בעטן, אונז מיר זאָלן העלפן זיי פּטור צו ווערן פון זייערע התחייבותן בנוגע צו דאַ׳גאַני, בכדי זיי זאָלן קאָנען באַקומען די אַנטשעדיקונג און פאַרלאָזן דעם באָדן".

מיר האָבן ספּעציעל געבראַכט די גאַנצע מעשה, בכדי פאַר דער וועלט זאָל קלאָר ווערן די גערעכטיקייט פון די טענות וועגן דעם „אַראָפּטרייבן אַראַבער", און אגב די ראָל, וועלכע עס שפּילן דערביי די עפענדיס, וועלכע ווילן אַזוי אַרום פאַרדינען אַ העלפט און אָפּנאַרן די בעדואינער. שפּעטער קומען זיי מיט טענות אין דער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע און שטעלן זיך אַרויס אַלס די פאַרזאָרגערס פון די אָרעמע פעלאַכן.

דער אמת מוז אָבער געזאָגט ווערן אָפן. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע פירט די דאָזיקע שיטה נאָר אין די לעצטע יאָרן. ביז דער מלחמה זענען טאַקע געוועזן פאַלן, ווען עס זענען יאָ אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן אָרעמע פעלאַכן פון זייער באָדן און קיין אַנטשעדיקונג האָבן זיי נישט באַקומען. אין משך פון יאָרן האָבן מיר

נישט איינמאָל אָנגעוויזן, אַז דאָס איז אַ פאַרברעכערישע פּאָליטיק, ווייל זי שאַפט פייגטלעכע באַציונגען צווישן די יידישע קאָלאָניסטן און די אַראַבישע פעלאַכן.

ווי מיר האָבן באַוויזן, איז אין פּאַלעסטינע, נאָך דאָ אַ סך פרייער באָדן. פירן מיר טאַקע דעם קאַמף דערפאַר, אַז דער דאָזיקער באָדן זאָל דורך דער רעגירונג געשטעלט ווערן אין רשות פון די אַלע, אָן אונטערשיד פון נאַציאָנאַליטעט, וואָס ווילן אים באַאַרבעטן און נויטיקן זיך אין באָדן. דער קאַמף ווערט אָבער דורך דער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע („הסתדרות") נישט געפירט, ווייל איר גאַנצע אויפמערקזאַמקייט איז געווענדעט אויף די ציוניסטישע פאָנדן. די רעגירונג האָט שוין אפילו יאָ אָנגעהויבן צו פאַרטיילן באָדן מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, אָבער זי האָט עס, פאַרשטייט זיך, געטאָן אַזוי אומגעלומפּערט, אָדער ריכטיקער — אַזוי אימפּעריאַליסטיש אויסגערעכנט, אַז די פאַרטיילונג האָט באַפרידיקט אין אַ גרויסער מאָס די עפענדיס, אין אַ קלענערער דעם פעלאַך, וועלכער האָט אָבער דעם באָדן נישט געדאַרפט.

דער גרונט־טעות פון די יעווסעקעס איז דער, וואָס פון פאַרייינצלטע פאַקטן מאַכן זיי אַ כּלל, און פון די אייגצלנע פאַלן, וועלכע האָבן געקאָנט אויסגעמיטן ווערן ביי אַ ריכטיקער פּאָליטיק, מאַכן זיי דעם אויספיר, אַן די יידישע קאָלאָניזאַציע קאָן נישט געפירט ווערן אַנדערש ווי אויפן חשבון פון אָרעמען פעלאַך. דאָס איז געווען אַ צופעליקע (פאַרן בירגערטום אפשר נישט קיין צופעליקער), אייגנשאַפט פון די אָנהויבן פון דער קאָלאָניזאַציע, אָבער נישט קיין נויטווענדיקע באַדינגונג אירע, וואָס צוליב דעם זאָל געפסלט ווערן די גאַנצע קאָלאָניזאַציע.

די שיטה פון אַראָפּזעצן די פעלאַכן פון זייערע באָדנס איז איינגאַנצן נישט נויטיק פאַר דער יידישער קאָלאָניזאַציע, און אויב זי ווערט יאָ אָנגעווענדעט פון צייט צו צייט, דאַרף מען פירן דעם קאַמף קעגן די אינסטיטוציעס, וועלכע טוען עס, אָבער נישט קעגן דער קאָלאָניזאַציע גופא.

דער צווייטער טעות פון די יעווסעקעס איז דער, וואָס די דאָזיקע נעבעך־מאַרקסיסטן פירן אַריין אַ בירגערלעך־עטישן באַגריף אין דער אַנטוויקלונג פון די ווירטשאַפטלעכע באַציונגען. פון דעם אַרבעטער־שטאַנדפּונקט איז גוט — און דעריבער אויך עטיש — נאָר דאָס, וואָס העלפט־מיט דער אַנטוויקלונג פון דער ווירטשאַפט, און אַזוי אַרום דער

אַנטוויקלונג פונם פּראָלעטאַריאַט. נאָר דער דאָזיקער איינציקער קריטעריום קאָן האָבן אַ באַדייטונג פאַר אַן אמתן מאַרקסיסט. און מעג די אַנטוויקלונג באַגלייט ווערן מיט געוויסע אומיושרדיקע מאָמענטן פאַר יחידים, — קאָן דער באַוווסטזיניקער פּראָלעטאַריאַט זיך נישט אָפּשטעלן פאַר דעם. דער איבערגאַנג פון האַנט־אַרבעט צו דער מאַשין איז באַגלייט געוואָרן דורך דעם „אומיושרדיקן" אַרויסשטויסן פון מאַסן אַרבעטער. און דאָך איז די לודיסטן־באַוועגונג — דאָס ברעכן די מאַשינען, — אָנערקענט געוואָרן אַלס אַן אומזיניקע און קאָנטררעוואָלוציאָנערע, ווייל זי איז געווען קעגן דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו־כּחות. דער איבערגאַנג פון עקסטענסיווער צו אינטענסיווער לאַנד־ווירטשאַפט איז אַ פּאָזיטיווער פּראָצעס פון היסטאָרישן שטאַנדפּונקט און אומזיסט טענהן קעגן אים „אונזערע וואָלטעריאַנצעס"—די יעווסעקישע לודיסטן. ווען די דאָזיקע דערשיינונג קומט פאָר אין די ראַמען פון איין פאָלק, וועט קיין מאַרקסיסט אין קאָפּ נישט איינפאַלן צו ווערן אַ לודיסט און אַרויסטרעטן קעגן דעם. אָבער בשעת אין א"י זענען עס, און אין אַ קליינער מאָס, צוויי פאַרשידענע נאַציאָנאַלע גרופּן, וואָלט געווען פאַרשטענדלעך, ווען דער אַראַבישער עפענדי וואָלט אויסגענוצט דעם מאָמענט אין זיין קאַמף פאַר זיינע קלאַסן־אינטערעסן, ווי ער טוט עס טאַקע גלענצנד. אָבער ווען נישט אַראַבישע, נאָר יידישע, און נישט עפענדיס, נאָר כּלומרשטע מאַרקסיסטן שטעלן זיך אויפן עפענדישן שטאַנדפּונקט און פון זייער טעאָרעטישן קאָסמאָפּאָליטיזם קומען זיי צום פּראַקטישן עפענדישן שאָוויניזם — דאַן מוז מען זאָגן, אַז מען מיינט דאָ נישט די הגדה, נאָר די קניידלעך, פּונקט ווי די עפענדיס,—צו העצן קעגן דער יידישער איינוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע.

ווען מיר זאָגן, אַז עס דאַרף געפירט ווערן אַ קאַמף קעגן דער דאָזיקער שיטה, איז עס לחלוטין נישט פון יושר־שטאַנדפּונקט, נאָר צוליב רעאַלער קלאַסן־פּאָליטיק, ווייל אַזאַ שיטה מוז זיין אַ מניעה פאַר דער געמיינזאַמער אָרגאַניזירונג פון יידישן און אַראַבישן אַרבעטער.

ווייל מען זיך איבערצייגן, אויף וויפל דער איבערגאַנג צו דער אינטענסיווער ווירטשאַפט האָט געבראַכט פּאָזיטיווע רעזולטאַטן אין לאַנד, איז גענוג צו פאַרגלייכן דעם עמק יזרעאל פון צען יאָר צוריק און היינט: דאַן זענען דאָרט געווען נאָר ליידיקע, וויסטע, זומפּיקע

שטחים מיט שטיינער און מאַלאַריע, און ווו נישט ווו אַן אָרעמער אַראַבישער דאָרף. היינט איז עס אַ געבענטשטער ווינקל, וואָס גרינט אויף צענדליקער קילאָמעטרען ווייט. און דאָס וויכטיקסטע — דאַן האָבן דאָ געלעבט אַ פּאָר הונדערט נפשות. און היינט זענען צו יענע נפשות צוגעקומען טויזנטער נייע. און ווען מען פאַרגלייכט דעם עמק יזרעאל מיט די גרויסע וויסטע שטחים אין גליל העליון, קאָן מען נאָך היינט צו טאָג זען דעם גרויסן אונטערשיד.

דער אַלגעמיינער רעזולטאַט אין אַ פּאָר ציפערן: אין יאָר 1920 איז געווען אין לאַנד 5.450.000 דונאַם באַאַרבעטער באָדן, וואָס האָט אויסגע־מאַכט אַן ערך 20 פּראָצ. און אין יאָר 1927 איז שוין געווען 7.000.000 דונאַם באַאַרבעטער באָדן, וואָס מאַכט אויס 26 פּראָצ. און אויב מען נעמט אין אַכט, אַז אין דמשקער ווילאיעט איז אין יאָר 1915 געווען 29 פּראָצ. באַאַרבעטער באָדן, זעט מען, אַז אַ דאַנק דער יידישער איינוואַנדערונג דערגייט ארץ ישראל אין דער לאַנדווירטשאַפט ביס־לעכווייז צו דעם צושטאַנד פון סיריען פאַר דער מלחמה. פאַר דער מלחמה זענען בסך הכל געווען יידישע באַאַרבעטע באָדנס אַן ערך אַ האַלבער מיליאָן, איצט איז דאָ אומגעפער אַ מיליאָן באַאַרבעטער יידישער באָדן. הייסט עס, אַז ביי די אַראַבער איז אויך צוגעקומען פאַר דער צייט אַן ערך אַ מיליאָן באַאַרבעטער באָדן. דערפון דרינגט, אַז די טענה וועגן „אַראָפּטרייבן אַראַבער" איז סתם אַן אויסגעטראַכטע זאַך.

די אַנטוויקלונג פון דער לאַנדווירטשאַפט איז אויך צו זען פון דער יערלעכער גערעטעניש.

אין דער בראָשור „פּאַלעסטינע אין ציפערן" האָבן מיר גע־בראַכט אַ ריי טאַבעלעס פאַר די יאָרן 21—25, וועלכע באַווייזן דעם בהדרגהדיקן וווקס פון דעם גערעטעניש פון מאַגדלען, ציטרינען פּאָמעראַנצן, סעזאַם, אַרבוזן, טאַבאַק וכדומה.

אינטערעסאַנט איז ספּעציעל די פאַרגרעסערונג פון די פּלאַנ־טאַציע פּלאַנצונגען פון פּאָמעראַנצן. אין אָנהויב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט זענען געווען זייער ווייניק, און דער וווקס האָט זיך אייגנטלעך אָנגעהויבן אין די לעצטע יאָר: פאַר דער מלחמה זענען געווען אַן ערך 29,000 דונאַם פּרדסים, פון זיי יידישע 9000 היינט צו טאָג זענען דאָ 105.001 דונם פּרדסים פון זיי 6.0000 יידישע.

די ווייטערדיקע טאַבעלע נומ. 3 באַווייזט אונז דעם וווקס פון דעם עקספאָרט פון מאַראַנצן במשך פון אַכט יאָר.

טאַבעלע 3

עקספארט פון מאראנצן

יאָרן	קעסטלעך	אין פונטן
1921	830.959	205.615
1922	1.234.251	333.716
1923	1.365.543	426.054
1924	1.589.331	431.582
1925	2.146.757	621.276
1926	1.515.116	466.669
1927	2.685.716	825.045
1928	2.220.143	654.820
*1929)	— —	372.020

*) פאַר די ערשטע 6 חדשים.

פון דעם אַלעמען איז לייכט צו זעען דעם וווקס פון דער לאַנדווירטשאַפט פאַר די לעצטע יאָרן, און וואָס פאַראַ יסוד עס האָבן די אַלע טענות וועגן דער שעדלעכער ווירקונג פון דער יידישער איינוואַנדערונג אויף די באָדן־פאַרהעלטנישן און אויף דער לאַנד־ווירטשאַפט.

ג. די אינדוסטריע אין די שטעט

נישט קיין קלענערע רעוואָלוציע האָט די יידישע איינוואַנדע־רונג אַריינגעבראַכט אין דער אַנטוויקלונג פון דער שטאָט־אינדוסטריע און פון דער שטאָט בכלל. עס איז כדאי אַ וואָרף געבן אַן אויג אויף די ווייטערדיקע צוויי טאַבעלעס (4 און 5), כדי צו זען, אַז די אינדוסטרי איז געוואַלדיק געוואַקסן און געשאַפן אַ שטאָטישן פּראָ־לעטאַריאַט.

די טאַבעלע 4 ווייזט אויף די אַנטוויקלונג פון די פאַרשידע־נע אינדוסטריע־צווייגן אין די דריי פאָרלעצטע יאָרן, און זייער פאַר־נעם לויט דער צאָל באַשעפטיקטע מענטשן און אינוועסטירטע קאַפּיטאַלן.

טאַבעלע 4
די אינדוסטריע-אונטערנעמונגען פאַר דריי יאָר*)

אינדוסטריע-צווייגן	אונטערנעמונגען			צאָל באַשעפטיקטע			אינוועסטירטער קאַפּיטאַל		
	1925	1926	1927	1925	1926	1927	1925	1926	1927
טעקסטיל	74	71	64	579	718	660	138.000	212.641	120.975
לעדער	55	42	36	330	350	220	44.830	63.320	57.150
האָלץ	57	71	59	512	739	605	54.000	95.968	78.250
בוי	39	70	43	963	1.175	678	482.980	578.225	382.225
כעמישע	38	34	31	223	256	243	342.440	84,290	82.800
דרוק פּאַפּיר	64	72	71	676	671	671	92.185	123.930	108.950
מעטאַל	53	53	48	484	490	434	73.155	76.795	66.600
דערנערונג	147	153	137	971	1.134	1.077	383.705	580.928	572.475
פאַרשידענע	21	26	24	156	178	138	36.150	41.130	32.125
	548	592	513	4.894	5.711	4.726	1.647.445	1.857.227	1.501.550

*) ניר „פּאַלעסטינע אין ציפערן". „מסחר ותעשיה" יולי 1928.

די צווייטע טאַבעלע 5 ווייזט די גרויס פון דער דורכשניטלעכער אונטערנעמונג פאַר די זעלבע דריי יאָר. מען דאַרף אָבער נישט פאַרגעסן, אַז דאָס זענען געווען צוויי שטאַרקסטע קריזיס־יאָרן, און פונדעסטוועגן האָט זיך אין דעם שרעקלעכסטן קריזיס פון יאָר 1927 זייער ווייניק פאַרקלענערט די צאָל אונטערנעמונגען. די אונטערנעמונגען גופא און דעם סכום עלעקטרישע קראַפט אין זיי האָט זיך אפילו פאַרגרעסערט.

טאַבעלע 5
די דורכשניטלעכע צאָל באַשעפטיקטע פּערזאָנען, פערד-קראַפט אינוועסטירטע קאַפּיטאַלן אויף איין אונטערנעמונג.

יאָרן	באַשעפטיקטע פּערזאָנען	אינוועסטירטער קאַפּיטאַל	פערד־קראַפט
1923	8,35	3464	4,91
1925	8,70	2994	10,46
1926	9,63	3112	11,76
1927	9,21	3044	12

מען מוז דאָ נעמען אין באַטראַכט, אַז די דאָזיקעביידע טאַבעלעס גיבן אָן ציפערן נאָר וועגן דער יידישער אינדוסטרי. ביז די לעצטע יאָרן איז גישט געווען קיין אַלגעמיינע סטאַטיסטיק וועגן דער אינדוסטריע אין לאַנד. און נאָר לעצטנס האָט די רעגירונג דורכגעפירט אַ ציילונג אויף דעם געביט. מיר ברענגען דאָ די טאַבעלע 6, וועלכע ווייזט אָן אויף דער גרויס פון דער אינדוסטריע, אומאָפּהענגיק פון דעם נאַציאָנאַלן פּרינציפּ. פון דער דאָזיקער טאַבעלע איז זייער אינטערעסאַנט צו זען, ווי די אינדוסטריע איז אויסגעוואַקסן אין משך פון די לעצטע עלף יאָר, דאָס איז צו זען פון דער צאָל אונטערנעמונגען אין יעדן אינדוסטריע־צווייג פאַרן יאָר 1918 און נאָך דעם יאָר.

טאַבעלע 6

די אינדוסטריע פאַר און נאָך דעם יאָר 1918 לויט דער רעגירונגס ציילונג

אינדוסטריע צווייגן	צאָל אונטערנעמונגען: געגרינדעט פאַר 1918	געגרינדעט נאָך 1918	סך הכל	ביז 4 ארבעטער	פון 4 ארבעטער און מער	צאָל ארבעטער	אינוועסטירטער קאַפּיטאַל
שטיינער, צעמענט	—	132	132	74	58	854	60.570
מעטאַל	101	226	327	271	56	1.484	157 820
קונסט־געווערבע	20	40	60	59	1	136	9.828
טעקסטיל	168	189	357	307	50	1.494	132.891
קליידער	166	647	813	722	91	2.464	85.340
דערנער. טאַבאַק	178	295	473	358	115	3.700	1.319.912
כעמישע	395	186	581	319	262	3.536	638.313
פּאַפּיר־דרוק	27	76	103	61	42	992	146.960
לעדער	29	38	67	58	9	236	34.477
האָלץ	90	307	397	349	48	1.355	94.495
בוי־מאַטעריאַלן	52	96	148	110	38	1.349	517.106
פאַרשידענע	10	27	37	27	10	169	11.318
עלעקטרי	—	10	10	8	2	186	305.856
סך הכל	1.236	2.269	3.505	2.723	782	17.955	3.514.886

דער פאַרגלייך פון די טאַבעלעס 4 און 6 וואָלט געקענט

געבן אַ בילד וועגן דער אַראַבישער אינדוסטריע, אָבער דאָס קאָן געמאַכט ווערן נאָר מיט גרויס פאָרזיכטיקייט, ווייל די ציפערן פון דער אַראַבישער אינדוסטריע קאָנען נישט גענומען ווערן זייער פינקטלעך (דאָס הייסט די רעגירונגס־ציפערן) צוליב דער באַציונג פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג צו דער ציילונג. וואָס עס וואַרפט זיך אין די אויגן איז די סומע אינוועסטירטע קאַפּיטאַלן און עלעקטרישע פערדן־קראַפט. אויף די דאָזיקע ביידע געביטן בילדעט די יידישע אינדוסטריע כמעט פופ־ציק פּראָצענט, הגם לויט דער צאָל אונטערנעמונגען איז זי זייער הינטערשטעליק. פון דער אַנדער זייט איז די צאָל אונטערנעמונגען לויט דער רעגירונגס־סטאַטיסטיק מיט אַ צאָל אַרבעטער מער ווי פיר אינ־גאַנצן נאָר—782, און ווי מיר זעען פון דער טאַבעלע 5 איז די צאָל אַרבעטער אין די יידישע אונטערנעמונגען דורכשניטלעך פון 8—10. דאָס אַליין באַווייזט אויף דעם כאַראַקטער פון דער יידישער אינדוסטריע, וועלכע איז לויט דער קאָנצענטרירונג אָן אַ ערך גרעסער פאַר דער אַראַבישער. די גרויסע צאָל באַשעפטיקטע לויט דער רעגירונגס־סטאַטיסטיק איז אַ פועל יוצא פון די אַליין שטייענדיקע בעלי־מלאכות אין דער אַראַ־בישער באַפעלקערונג, וועלכע זענען דאָ אין אַ זייער גרויסער צאָל.

אינטערעסאַנט איז די פאָלגנדיקע טאַבעלע 7, וועלכע ווייזט אויף דעם וווּקס פון איין באַשטימטן אינדוסטריע־צווייג — פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע:

טאַבעלע 7

דער וווּקס פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע.

יאָר	מאַשינען	אַרבעטער
1921	1	1
1922	3	20
1923	4	31
1924	9	36
1925	11	36
1926	18	44
1927	23	59
1928	36	80
1929	39	112

די ווייטערדיקע טאַבעלעס ווייזן אונז אָן קאָנקרעט אויף דעם וווּקס פון דער ארץ־ישראל־פּראָדוקציע און אויף דער גרויסער בוי־

באַוועגונג. די טאַבעלע וויַיזט באַשיַימפּערלעך, ווי עס וואַקסט דער עקספּאָרט פון פאַבריקאַטן, וואָס ווערן אויסגעאַרבעט אין דער אינדוס־טריע, און וואָס פ אַ ר דער יידישער איַינוואַנדערונג זענען זיי נישט געווען, אָדער געווען אין אַ קלייַינער מאָס. צעמענט איז פ אַ ר דער יידישער איַינוואַנדערונג געווען אַ פּראָדוקט פון אימפּאָרט און איצט איז ער געוואָרן אַ פּראָדוקט פון עקספּאָרט, וואָס וואַקסט פון יאָר צו יאָר. זאָקן, שיך, קונסט-צייַנער, שאָקאָלאַד, ביסקוויטן, מאַרמע-לאַדע, בוימוואָל-פאַבריקאַטן און ביכער – דאָס זענען פאַבריקאַטן, וואָס ארץ־ישראל האָט קיינמאָל נישט פּראָדוצירט. אמת, די ביכער, וועלכע, ווי מיר זעען פון דער טאַבעלע, ווערן לעצטנס אַרויסגעפירט אין אַ גרויסער צאָל, האָבן אַ ספּעציעלן צוועק: שפּייַזן דעם „גלות" מיט העברעישער ליטעראַטור. פון קולטור־שטאַנדפּונקט איז עס שעדלעך, אָבער ווירטשאַפטלעך האָט עס אַ באַדייַטונג פאַרן לאַנד, פונקט ווי די חלוקה האָט אַמאָל מיטגעהאָלפן אויסגלייַכן דעם פּאַסיוון בילאַנס: פּאָליטיק און ווירטשאַפט גייען נישט אַלעמאָל צוזאַמען.

טאַבעלע 8

דער עקספּאָרט פון איַיניקע פאַבריקאַטן פאַר דריי יאָר*) (אין פונטן)

פאַבריקאַטן	1926	1927	1928	1929 **)
צעמענט	5.262	22.959	31.775	6.911
זאָקן	1.488	12.618	17.532	
בוימל פון איילבירטן	–	4.645	10.928	15.149
ביכער	918	2.456	9.148	
קליידער	1.124	1.142	5.879	
קונסט־צייַנער	–	1.139	4.372	4.414
שיך	2	108	1.343	
שאָקאָלאַד	25	782	1.119	
ביסקוויטן	–	3	561	
מאַרמעלאַדע	1	105	488	
בוימוואָל־פאַבריקאַטן	–	72	372	

*) „מסחר ותעשיה", מערץ 1929

**) פאַר די ערשטע זעקס חדשים

די ווייטערדיקע טאַבעלע 9 ווייזט אויף די אַנטוויקלונג פון דער בוי-טעטיקייט אין די שטעט, און ווידער אַמאָל זעען מיר די ווירקונג פון די קריזיס-יאָרן. ליידער האָבן מיר נישט קיין ציפערן פאַר די צוויי נאָך-קריזיס-יאָרן וועגן דער אַנטוויקלונג פון די אינ-דוסטריעלע אונטערנעמונגען און פאַרן לעצטן יאָר וועגן דער אַנ-טוויקלונג פון דער בוי-טעטיקייט, אָבער אַפילו די ציפערן גיבן אַ בילד וועגן דער פיבערהאַפטער טעטיקייט אויף דעם דאָזיקן געביט. דערצו דאַרף מען נעמען אין באַטראַכט, אַז די הייזער, וואָס ווערן געבויט, ווערן געבויט אויפן מאָדערנסטן אופן מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן.

טאַבעלע 9

די בוי-טעטיקייט פאַר דריי יאָר אין די שטעט *) (אין פונטן)

שטעט	1925	1926	1927	1928
ירושלים	227.000	399.500	412.500	275.500
תל-אביב	1.436.000	270.000	50.500	60.000
יפו	146.000	161.000	50.500	36.800
חיפה	111.000	156.000	80.000	94.555
טבריה	20.800	39.600	17.000	40.151
שכם	12.800	14.200	85.000	49.150

*) 1) „מסחר ותעשיה" אויגוסט 1928

2) P. Com. Bulletin נאָוועמבער 1929

די אַנטוויקלונג פון דער ווירטשאַפט ווייזט זיך דייטלעכער אַרויס פון די ציפערן פון עקספּאָרט און אימפּאָרט פאַר די לעצטע יאָרן און פון די הוצאות און הכנסות פון דער רעגירונג. די טאַבעלע 10 פון אימפּאָרט און עקספּאָרט פאַר אַכצן יאָר באַווייזט, אַז מיט אַכצן יאָר צוריק איז דער אימפּאָרט געווען מער ווי מיט זעקס מאָל קלענער

ווי איצט. דאָס באַווייזט דעם געוואַלטיקן וווּקס פון די באַדערפענישן פון דער באַפעלקערונג. דערבײַ דאַרף מען נעמען אין אַכט, אַז אַ גרויסער טייל פון אימפּאָרט גייט אויף מאַשינען און רוי־שטאָפן, וועלכע ווערן אויסגענוצט פאַר דער ווייטערדיקער פאַבריקאַציע. דער עקספּאָרט האָט זיך פאַרגרעסערט מער ווי אין צוויי מאָל אדאַנק דעם וווּקס פון דער אָרטיקער פּראָדוקציע.

טאַבעלע 10

אימפּאָרט און עקספּאָרט *) (אין פונטן)

יאָרן	עקספּאָרט	אימפּאָרט
1910	636.135	1.002.450
1911	710.610	1.169.910
1912	774.162	1.090.119
1913	744.413	1.312.695
1922	1.070.171	5.471.667
1923	1.143.234	4.825.185
1924	1.200.812	5.266.349
1925	1.297.559	7.338.491
1926	(**1.270.000	6.605.211
1927	1.899.759	6.184.454
1928	1.487.207	6.770.818
(***1929	1.068.598	5.242.180

*) 1) ניר פּאַלעסטינע אין ציפערן, 2) ניר איסט, נומ. 13, 3) מסחר ותעשיה מערץ 1929, 4) מסחר ותעשיה נאָוועמבער 1929.

**) די ציפער איז נישט גענוי.

***) פאַר די ערשטע 9 חדשים.

ווען מען קוקט זיך צו צו דער טאַבעלע 11 וועגן די הכנסות און הוצאות פון דער רעגירונג, זעט מען אַ פאַרגרעסערונג אין אַ באַדייטנדיקער מאָס. אויב די פאַרגרעסערונג פון די הוצאות דער־

ווייזט זייער ווייניק, ווייל ווי מיר וועלן שפּעטער זען, קומט עס אויפֿן חשבון פֿון די אימפּעריאַליסטישע צילן פֿון דער ענגלישער רעגירונג, דערווייזט אָבער די פּאַרגרעסערונג פֿון די הכנסות אויף אַ 40 פּראָצענט, אַז עס אַנטוויקלט זיך דער אויסערלעכער האַנדל (צאָל־אָפּצאָלן), דער אינערלעכער האַנדל (פּאָסט, טעלעגראַף, באַנען), די לאַנד־אָפּעראַציעס וכדומה

טאַבעלע 11

הוצאות און הכנסות פֿון דער ארץ־ישראל־רעגירונג

לויטן בודזשעט פֿון דער רעגירונג (אין פֿונטן)

יאָרן	הוצאות	הכנסות
1920/21		
1921/22	1.877.799	1.878.067
1922/23	1.837.126	1.758.939
1923/24	1.625.440	1.675.778
1924/25	1.776.500	1.959.820
1925/26	2.086.428	2.604.446
1926/27	2.524.834	2.364.889
1927*)	1.923.033	1.709.035
1928	3.381.933**)	2.494.520
1929	2.577.336	2.540.312

*) ניין חדשים

**) דער גרויסער דעפֿיציט שטאַמט דערפֿון, וואָס דעם יאָר איז באַצאָלט געוואָרן אויפֿן חשבון פֿון דעם לאַנד־חוב 820 טויזנט פֿונט.

ספּעציעל איז וויכטיק צו זען די פֿאַרגרעסערונג פֿון דער הכנסה פֿון דער אייזנבאַן. דאָס באַווייזט די טאַבעלע 12 ווי אויך דער ריינער ריוח, וואָס די ארץ־ישראל־רעגירונג ציט אַרויס פֿון דער עקספּלואַטאַציע פֿון די נישט גרויסע־באַן־ליניעס.

טאבעלע 12

הוצאות און הכנסות פון דער אייזנבאן פאר 8 יאר *)

	1922	1923	1924	1925	1926	1927	1928**)	1929**)
הכנסה	607.337	502.876	547.759	621.755	603.307	639.820	640.000	650.600
הוצאה	0636.37	428.800	393.653	447.141	482.698	508.804	515.379	482.406
עודף	–	74.076	154.106	174.614	140.609	131.016	124.621	168.194
היזק	29.033	–	–	–	–	–	–	–
% פון הוצאה צו הכנסה	104.8	85.1	71.9	71.1	77.5	79.5	80.5	74.1
% פון ריוח צו הכנסה		14.9	28.1	28.9	22.5	20.5	19.5	25.9

*) „מסחר ותעשיה" יוני 1929

**) די ביידע יארן לויט דער אפשאצונג פון דער רעגירונג אויסגערעכנט פּראָפּאָרציאָנעל לויט די ערשטע 10 חדשים.

דערביי איז אגב אינטערעסאַנט דער אַנטייל פון דער יידישער און נישט-יידישער באַפעלקערונג אין די הכנסות פון די באַזונדערע באַן-סטאַציעס, וואָס עס גיט אונז די טאַבעלע 13. דאָ זעען מיר אגב, אַז נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די יידישע באַפעלקערונג איז קוים 20 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, גיט זי 57 פּראָצענט פון דער הכנסה פון דער באַן.

טאַבעלע 13

דער אנטייל פון דער באפעלקערונג אין די הכנסות פון די אייזנבאנען (אין די יאָרן 1925–26) *)

נאָמען פון באַן-סטאַציע	הכנסות פון יידן	%	הכנסות פון נישט יידן	%	צוזאַמען
חיפה	71.750	50	71.750	50	143,500
ירושלים	49.200	60	32.800	40	82.000
יפו—תל־אביב	65.650	65	35.350	35	101.000
רמלה	—	—	4.000	100	4.000
שכם	—	—	4.000	100	4.000
ג'נין	—	—	1.000	100	1.000
עזה	—	—	10.000	100	10.000
פתח-תקוה	5.400	90	600	10	6.000
רחובות	3.000	90	400	10	3.400
חדרה	7.200	90	800	10	8.000
בנימינה	3.600	90	400	10	4.000
זכרון־יעקב	3.200	80	800	20	4.000
עפולה	3.600	90	400	10	4.000
בית־שאן	400	10	3.600	90	4.000
צמח	9.400	75	3.100	25	12.500
עין-חרוד	2.000	100	—	—	2.000
סך־הכל	224.400	57	169.000	43	393.400

*) „מסחר ותעשיה" יוני 1929

די קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג פון לאַנד האָט מיטגעבראַכט די אויסשטעלונגען, וועלכע זענען אין אָריענט קיינמאָל נישט געווען. תל־אביב איז געוואָרן די שטאָט פון אויסשטעלונגען פאַרן גאַנצן נאָענטן אָריענט. עס זענען שוין געווען פיר אויסשטעלונגען, און יעדע נייע איז רייכער פון דער פריערדיקער. אין דער דריטער אויסשטעלונג, אין יאָר 1926, האָבן אָנטיילגענומען סך־הכל 172 פירמעס, פון זיי אינלענדישע 118 און אויסלענדישע 54. אין דער אויסשטעלונג פון יאָר 1929 האָבן שוין אָנטייל גענומען 330 פירמעס, די צאָל איז, הייסט עס, געוואַקסן אויף 92 פראָצענט, און פון זיי אינלענדישע פירמעס 209 און אויסלענדישע 121.

די אַנטוויקלונג פון לאַנד ברענגט אַלזאָ צו אַ צופלוס פון אויסלענדישער פּראָדוקציע און ווענדעט אויך די אויפמערקזאַמקייט פון אויסלאַנד בכלל אויף ארץ־ישראל. פאַרגרעסערט זיך טאַקע פון יאָר צו יאָר די צאָל טוריסטן, וועלכע העלפן מיט פון זייער זייט דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג דורך דעם, וואָס זיי ברענגען אַריין געוויסע סומען אין לאַנד. די רעגירונג שאַצט אָפּ, אַז יעדער טוריסט לאָזט איבער אין לאַנד אַן ערך 10 פונט. אויב מיר וועלן וואַרפן אַ בליק אויף דער ווייטערדיקער טאַבעלע פון דער טוריסטן־באַוועגונג (טאַבעלע 14), וועלן מיר זען, אַז צוזאַמען מיט די ציוניסטישע קאָלאָניזאַציע־פאָנדן, ווי דער קרן־קימת, קרן־היסוד, פּריוואַטע געזעלשאַפטן, רעליגיעזע חברות וכדומה, האָבן די טוריסטן אין אַ געוויסער מאָס מיטגעהאָלפן צו דעקן דעם פּאַסיוון בילאַנס פון לאַנד.

טאַבעלע 14

די טוריסטן־באַוועגונג

אין	יאָר	1911	זענען	געווען	טוריסטן	5.700
„	„	1912	„	„	„	4.900
„	„	1913	„	„	„	5.900
„	„	1922	„	„	„	13.556
„	„	1923	„	„	„	15.501
„	„	1924	„	„	„	22.384
„	„	1925	„	„	„	87.666
„	„	1926	„	„	„	52.301
„	„	1927	„	„	„	59.503
„	„	1928	„	„	„	63.319

סך־הכל זענען אלזא פאר די לעצטע זיבן יאר אריינגעקומען אין לאנד 314,230 טוריסטן; דאס הייסט, אז פאר די זיבן יאר האט די טוריסטן־באוועגונג אריינגעבראכט אין לאנד העכער דריי מיליאן פונט.

און צולעצט, כדי עס זאל בולטער זיין די אנטוויקלונג פון קאפיטאליזם אין פאלעסטינע, איז כדאי צו ברענגען נאך צוויי טאבעלן, וועלכע פארגלייכן ארץ־ישראל מיט די שכנותדיקע לענדער.

טאבעלע 15 (*

די פארגלייכס־טאבעלע פון א פאר לענדער

די לענדער	באפעלקערונג	דער אויסערלע־כער האנדל אויף 1 מענטש א יאר	די רעגירונגס־הכנסות אויף איין מענטש א יאר
ארץ־ישראל	720.000	12.900	3.600
סיריע און לבנון	3.022.000	3.[illegible]00	320
איראק	3.175.000	700	1.375
עבר־הירדן	230.000		1.100
טאגאנאיקא	4.537.000	1.450	460
ראדעזיען	2.012.000	7.450	1.100
אוגאנדא	3.148.000		470
קיפר	330.000	8.400	2.000

טאבעלע 16

פארגלייכס־טאבעלע פון א פאר לענדער ביי טעלעגראף

נאמען פון לאנד	הכנסה	הוצאה	אויף איין מענטש א יאר
ארץ־ישראל	154.800	84.361	+ 210 מילים
קיפר	13.263	21.166	— 40 „
ראדעזיען	183.068	153.194	+ 90 „
טאגאנאיקא	42.528	63.644	— 10 „
אוגאנדא	43.012	44.698	— 14 „
עבר־הירדן	5.617	6.816	— 22 „

*) די לעצטע דריי טאבעלן האט אונז פריינטלעך געגעבן פון זיינע מאטעריאלן דער ח' געמיראווסקי.

די ערשטע טאַבעלע (15) פאַרגלייכט דעם אויסערלעכן האַנדל און די הכנסות פון דער רעגירונג אויף איין מענטש אין משך פון איין יאָר; די צווייטע טאַבעלע (16) פאַרגלייכט די הכנסות און די הוצאות פון טעלע-גראַף אויף איין מענטש אַ יאָר. די ציפערן זענען גענומען כמעט פון איין צייט, פון די יאָרן 1925 און 1926. דער אויסוואַל פון די לענדער ווערט דערקלערט דערמיט, וואָס אַ פּאָר פון זיי, ווי עבר-הירדן, איראַק, סיריען און לבנון ווי אויך דער נאָענטסטער שכן פון א״י איבערן ים—קיפּר, זענען ווייער ענלעך צו א״י; אַ טייל פון זיי זענען אויך קאָלאָניעס אונטער דער ענגלישער הערשאַפט. אויף א״י פאַלן אויס דער גרעסטער אויסערלע-כער האַנדל, די גרעסטע הכנסות פון דער רעגירונג בכלל און אויך די גרעססע הכנסות פון טעלעגראַף. דער ריב לענדער גיט אַ ריינעם דעפיציט פון טעלעגראַף. די טאַבעלן באַשטעטיקן, אַז א״י האָט זיך שטאַרק אַנטוויקלט ווירטשאַפטלעך נישט נאָר אין פאַרגלייך מיט די פריערדיקע יאָרן, נאָר אויך אין פאַרגלייך מיט די אַנדערע לענדער, וועלכע ווערן אגב קאָלאָניזירט אין משך פון אַ לענגערערצייט, ווי ארץ-ישראל.

מיר מיינען, אַז די פּאָר ציפערן, וואָס מיר האָבן געבראַכט אין דעם דאָזיקן קאַפּיטל, גיבן אַ בילד פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנט-וויקלונג פון לאַנד אין פאַרגלייך מיט די צושטאַנדן און באַדינגונגען, וועלכע האָבן געהערשט אין לאַנד פאַר דער יידישער איינוואַנדערונג.

דאָס בילד וואָלט אָבער נישט געווען פול, ווען מיר וואָלטן נישט געפּרוווט אַנאַליזירן די ענדערונגען, וועלכע זענען פאָרגעקומען אין אַראַבישן לעבן און ווירטשאַפט אדאַנק דעם דאָזיקן וווקס פון קאַפּיטאַ-ליזם, וועלכער איז אַ פועל-יוצא איינציק און אַליין פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע.

3. די השפעה פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג פון א״י אויף דעם אראבישן לעבן און ווירטשאפט

לכתחילה איז פאַרשטענדלעך, אַז די דאָזיקע גילע ווירטשאַפט-לעכע אַנטוויקלונג פון לאַנד האָט אַריינגעבראַכט אַן אמתע רעוואָלוציע אין די אַלטע פעאָדאַלע באַציונגען אין אַראַבישן לעבן. פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע רעוואָלוציע איז פאָרגעקומען נישט אין אַלע טיילן פון לאַנד און אויך נישט אומעטום אין אַ גלייכער מאָס.

די השפעה איז בולטער אין יענע דערפער, וועלכע זענען נאָענט צו די יידישע קאָלאָניעס, און הויפּטזעכלעך צו די פּריוואַט-ווירטשאַפט-לעכע. עס זענען נאָך דאָ דערפער, ווו די השפעה פונם קאַפּיטאַליזם איז אינגאַנצן נישט דערגאַנגען. דאָסזעלבע איז צו מערקן אין אַ קלע-נערער מאָס אין די שטעט. די שטעט מיט אַ געמישטער נאַציאָנאַלער באַפעלקערונג, ווו די יידן זענען אָבער נישט קיין אַלט-איינגעזעסענע, נאָר געקומענע מיט דעם שטראָם פון דער אימיגראַציע פאַר די לעצטע יאָרן, ווי למשל יפו, חיפה און ירושלים, טיילווייז טבריה, מאַכן דורך שנעלער דעם קאַפּיטאַליסטישן פּראָצעס. די שטעט, ווו די יידישע באַפעלקערונג איז אַן אַלט-איינגעזעסענע, פון אַלטן ישוב, זענען ווייניקער באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, ווי למשל, צפת, חברון און טיילווייז עכו. אין די אַראַבישע שטעט, ווו עס איז אינגאַנצן נישטאָ קיין יידישע באַפעלקערונג, ווי, למשל נצרת, תול-כרם, שכם, בית-שאן, ג׳ינין, בית-לחם, יריחו און אַנדערע, אָדער ווו יידן זענען דאָ זייער ווייניק, גייט די קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג אַ סך לאַנגזאַמער.

די השפעה פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג אין די שטעט האָט זיך אין דער ערשטער ריי אויסגעדריקט אינם בויען די שטעט, וועלכע זענען געווען באמת פריער אויך נישט מער, ווי דערפער. די בייגע-לייגטע טאַבעלע 17 באַווייזט אַז דער אויסבוי-פּראָצעס קומט פאָר אויך אין די אַראַבישע שטעט, אמת פּאָרלויפיק נישט אין אַזאַ גרויסן פאַרנעם:

טאַבעלע 17

די בוי-טעטיקייט אין די אראבישע שטעט (אין פונטן)

שטעט	1927	1928
בית-לחם	8.600	14.545
נצרת	7.300	25.718
אל-כרם	7.300	14.850
לוד	6.500	8.400
בית-שאן	6.000	2.428
רמלה	5.300	15.000
חברון	5.200	11.170
גינין	5.000	6.000
עכו	4.400	5.456
צפת	3.600	1.825

*) 1) מסחר ותעשיה אויגוסט 1927, 2) P. Com. Bulletin—נאָוועמבער 1929

די יידישע איינוואַנדערונג האָט קודם כל אַנטוויקלט די אינ־דוסטריע און אַריינגעפירט נייע אינדוסטריע-צווייגן. די פריער עקזיס-טירנדיקע אינדוסטריע־צווייגן האָבן באַקומען אַ גרעסערן פאַרנעם, און עס זענען אַנטשטאַנען צווייגן, וועלכע זענען פריער נישט געווען. עס האָט זיך אומגעהויער פאַרגרעסערט די אויסאַרבעטונג פון ווייַן, עס איז קאָלאָסאַל געוואַקסן דער עקספּאָרט פון מאַראַנצן. אונטער דער צייט זענען אַנטשטאַנען גרויסע דרוקערייען, פאַבריקן פון טעקסטיל, מעטאַל-אונטערנעמונגען, ווי „ברזל", עס איז געוואַקסן די פריערדיקע וואַג־נערס פאַבריק, וואָס אַרבעט אויס די מאָדערנסטע מאַשינען און אַפּאַ-ראַטן, גרויסע פּאַפּיראָסן- און שוועבעלעך-פאַבריקן, שאָקאָלאַד־פאַבריקן, צוקערלעך, שיך, גאַרבאַרניעס, ווי די גאַרבאַרניע פון חאַבאַז אין יאַ-דזשור, און עס בויט זיך אַ נייע נעבן יפו, האָלץ, שטיין, אויסאַר-בעטונג פון מאַרמאָר, די גרויסע מילן אין חיפה, גרויסע מצות-פאַב-ריקן, עס זענען אַנטשטאַנען גרויסע אונטערנעמונגען מיט הונדערטער פאַבריק - אַרבעטער, ווי די צעמענט - פאַבריק „נשר" מיט הע-כער פינפהונדערט אַרבעטער, די זייפן־פאַבריק „שמן" אין חיפה, די זאָקן-פאַבריק „לאָדזיה" און אַנדערע. די עלעקטריפיקאַציע־אונטערנע-מונג פון רוטנבערגן מיט קרוב צו פינף הונדערט אַרבעטער, וואָס גיט ליכט נישט נאָר אין די הייזער, נאָר אויך אין די אונטערנעמונ־גען, די פּרדסים זענען שוין אַריבער אויף עלעקטרישער קראַפט פאַר די מאָטאָרן. אין די יאָרן 1926—1927 זענען געווען אויף עלעקטרי 852 מאָטאָרן, אין די גאַסן 877 לאָמפּן, אין די שטובן 81.858 לאָמפּן און פאַרברויכט איז געוואָרן פאַר דעם פּעריאָד 2.134.000 מילקילאָוואַט (נעמיראָווסקי).

עס האָט זיך פאַרגרעסערט דער עקספּאָרט פון אַ זיבן הונדערט טויזנט פונט אין יאָר 1910 ביז קרוב צו צוויי מיליאָן אין די לעצטע יאָרן. עס האָט זיך אויך פאַרגרעסערט דער אינערלעכער האַנדל. אַזוי האָבן די באַנען אין יאָר 1923 איבערגעפירט 307.001 טאָן און אין יאָר 1927 — שוין 562.765 טאָן סחורות. עס זענען אויסגעבויט גע־וואָרן באַנען און שאָסייען, עס זענען איינגעפירט געוואָרן פאַרן אי־נערלעכן פאַרקער אויטאָמאָבילן, וועלכע זענען געווען אין יאָר 1926 קרוב צו צוויי טויזנט און אין די שפּעטערדיקע צוויי יאָר זענען צוגעקומען נאָך 1.583. עס איז איינגעפירט געוואָרן דער טעלעפאָן נישט נאָר פאַרן אינערלעכן שטאָטישן געברויך, נאָר דאָס גאַנצע לאַנד איז פאַרבונדן

צווישן זיך מיט טעלעפאָנען. אין די שטעט זענען אַנטשטאַנען קינאָס, וועלכע שטויסן אַרויס ביסלעכווייז די אַראַבישע קאַפייען.

ווען מיר שטעלן זיך איצט אָפּ אויף דער השפעה פון דער יידישער איינוואַנדערונג אין דאָרף, מוזן מיר לכתחילה זאָגן, אַז די השפעה איז געקומען כמעט אויסשליסלעך פון דער פּריוואַט-ווירטשאַפט-לעכער יידישער קאָלאָניזאַציע און נישט פון דער קאָלעקטיווער (קבוצה).

די ערשטע יידישע פּריוואַט-ווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס זענען גע-גרינדעט געוואָרן מיט אַ יאָר אַכט און פערציק צוריק, אין יאָר 1881 (פתח-תקוה, ראש - פנה און אַנדערע). די יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע פערמע מקוה-ישראל קאָן נישט גענומען ווערן אין באַטראַכט, הגם זי איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1871, ווייל דאָס איז דאָך געווען נאָר אַ שולע און זי האָט נישט געהאַט קיין קאָלאָניסטן. די ערשטע יידישע קאָלאָניסטן (מיר רעדן נישט וועגן די בילויער) זענען אַליין נישט געווען מסוגל צו לאַנדווירטשאַפט און צו אַרבעט בכלל. די גאַנצע אַרבעט האָט געמוזט געטאָן ווערן דורך געדונגענע הענט, און אַזעלכע זענען צוגעשטעלט געוואָרן נאָר דורך די פעלאַכן פון די שכנותדיקע דערפער. די פעלאַכן פון די אַרומיקע דערפער האָבן אויף אַזאַ אופן געפונען באַשעפטיקונג אין די יידישע קאָלאָניעס. זיי האָבן אָבער תחילת אינגאַנצן נישט איבערגעריסן מיט זייער היימישער ווירטשאַפט אין דאָרף, און מען קאָן זאָגן, אַז דער רוב פעלאַכן, וועלכע אַרבעטן אין די יידישע קאָלאָניעס, ביזן היינטיקן טאָג זענען ביי זיך אין דאָרף נאָך זעלב-שטענדיקע באַלעבאַטים, און נאָר אַ קליינער טייל פון זיי איז אַריבער מיט דער צייט אינגאַנצן אין דער קאָלאָניע, הויפטזעכלעך די בעלי-עגלות, די „אַראַבאַנדזשעס" און די שטענדיקע אַרבעטער ביים קאָלאָניסט, די „כאַראַטן". די האָבן זיך באַזעצט אין דער קאָלאָניע, און אין אַזאַ קאָלאָניע, ווי למשל, זכרון-יעקב איז אַ גרויסער טייל פון דער באַפעל-קערונג, הויפטזעכלעך פון דער אַרבעטנדיקער — אַן אַראַבישע. ביז איצט זענען נאָך אין אַ טייל פון די יידישע קאָלאָניעס נישטאָ קיין יידישע אַרבעטער ביי די קאָלאָניסטן, ווי אין זכרון-יעקב אין שומרון, ראש-פנה אין גליל העליון. אַנדערע, ווי פתח-תקוה, ראשון לציון, באַשעפטיקן יידישע אַרבעטער אין אַ קליינער מאָס. ווידער אַנדערע, ווי רחובות, חדרה וכדומה האָבן שוין דעם רוב יידישע אַרבעטער. (די פראַגע וועלן מיר באַרירן גענויער אין קאַפּיטל וועגן „יידישן סעקטאָר"). פתח-תקוה באַשעפטיקט

איצט ביז 600 אַראַבער, רחבות פון 300 ביז 600 (אין סעזאָן). דער גאַנצער גוש-השרון אין יהודה באַשעפטיקט אַ 2.000 אַראַבער, און אין סעזאָן-צייט ביז 6.000.

פאַרן פעלאַך איז דער איבערגאַנג פון עפענדי צום יידישן קאָלאָניסט געווען אַ פּאָזיטיווע ענדערונג אין זיין לעבן. פון אייביקער פאַרשקלאַפונג און זינקען אַלץ מער און מער אין די חובות, האָט ער באַקומען די מעגלעכקייט צו באַקומען דעם טעגלעכן לוין, און על פי רוב במזומנים. דער יידישער קאָלאָניסט האָט נישט-ווילנדיק געגעבן דעם פעלאַך די מעגלעכקייט אַרויסצוגיין פון דער עפענדישער יאָך. און אויב דער יידישער קאָלאָניסט עקספּלואַטירט דעם פעלאַך נישט ווייניקער ווי דער עפענדי, צאָלט ער אים דאָך כאָטש מיט געלט. און דער פעלאַך ביי זיינע אויסערסט-קליינע באַדערפנישן, הן מאַטעריעלע, הן קולטורעלע, האָט אַפילו אָנגעהויבן צו שפּאָרן געלט און פאַרגראָבן עס אין דער ערד; טיילווייז האָט ער דערמיט אַנטוויקלט זיין היימישע ווירטשאַפט אין דאָרף.

פון דער אַנדערער זייט האָט דאָס יידישע דאָרף זיך פאַרנומען נאָר מיט פּלאַנטאַציע-ווירטשאַפט, הויפּטזעכלעך דער קאָלאָניסט אין יהודה, טיילווייז אין שומרון. דער קאָלאָניסט האָט נישט שטאַרק געביטן זיין לעבנס-שטייגער. פריער אין דער אַלטער היים האָט ער געהאַנדלט מיט גאַלאַנטעריע, שיך און מאַנופאַקטור, אָדער מיט אייער אויפן מאַרק, איצט האָט ער אָנגעהויבן צו האַנדלען מיט טרויבן, מאַראַנצן און מאַנדלען — מיט דעם מער רענטאַבלען צווייג פון דער לאַנדווירטשאַפט, וואָס איז געווען אויסגערעכנט אויפן אויסלענדישן מאַרק. דער אינערלעכער מאַרק האָט אים לגמרי נישט אינטערעסירט. דעריבער האָט ער זיך נישט פאַרנומען נישט מיט אַקערבוי (אַחוץ גדרה אין יהודה, און אין גליל) און נישט מיט גרינסן. עס לוינט אים ליבער צו באַצאָלן דעם אַראַבער אַ האַלבן פּיאַסטער (צוויי און אַ האַלבן סענט) פאַר אַ ראָטל (אומגעפער דריי קילאָ) טאָמאַטן איידער זיך אַליין פאַרנעמען דערמיט. אגב האָט דער קאָלאָניסט אַליין נישט געאַרבעט אין פעלד, און גרינסן קאָנען ווייניק טראָגן, ווען מען אַרבעט מיט געדונגענע הענט. אויף אַזאַ אופן איז דער פעלאַך געוואָרן דער צושטעלער נישט נאָר פון אַרבעטס-קראַפט, נאָר אויך פון די גרינסן אין דער יידישער קאָלאָניע. עס איז כדאי אַ קוק צו געבן אין דער פרי אויפן מאַרק אין דער יידישער קאָלאָניע, בכדי

זיך צו איבערצייגן אין דעם דאָזיקן פֿאַקט. סמילאַנסקי גיט איבער, אַז רחובות, למשל, באַצאָלט די אַראַבער אויפֿן מאַרק יעדן טאָג פֿאַר גרינסן און אייער 30 — 40 פֿונט. דאָס אַראַבישע דאָרף זאַרנוגע נעבן רחובות האָט 3000 דונאַם גרינס אונטער באַוואַסערונג. און נישט נאָר פֿאַר די קאָלאָניעס האָט דער פֿעלאַך געבראַכט גרינסן. גאַנץ תּל־אָביב און די אַנדערע יידישע שטעט מיט יידישער באַפֿעלקערונג שפּייזן זיך מיט אַראַבישע גרינסן אַפֿילו היינט צו טאָג, ווען די קאָלעקטיווע יידישע קאָלאָניעס אַרבעטן שוין יאָ ביי אַקערבוי און ביי גרינסן. און ווען תּיכּף נאָך די געשעענישן האָבן די יידישע שאָוויניסטישע היץ־קעפּ געטראָטן מיט די פֿיס אַראַבישע גרינסן און אַראַבישע טרויבן פֿון חברון, איז טאַקע די שטאָט תּל־אָביב געבליבן אינגאַנצן אָן פֿרוכט און אָן גרינסן. טרויבן ווערן אין די יידישע קאָלאָניעס געפֿלאַנצט נאָר פֿאַר ווײַן, זייער ווייניק צום עסן, און דעריבער האָבן עס די יידישע סוחרים נאָך די געשעענישן אַ הויב געטון דעם פּרייז פֿון די טרויבן צום עסן אויף 12 פּיאַסטער אַ ראָטל, בשעת אין יפֿו אויפֿן מאַרק האָבן די בעסטע געקאָסט נאָר דריי פּיאַסטער.

אַ חוץ גרינסן שטעלט צו דאָס אַראַבישע דאָרף דעם יידישן ישוב קאַלך, קוילן, האָלץ צו הייצן פֿון די בערג פֿון יהודה און פֿון די בערג פֿון אפֿרים. פֿריִער האָט מען עס געמוזט שלעפּן אויף אייזלען און קעמלען; איצט זעט איר אויטאָמאָבילן, וואָס קומען פֿון עזה און באר־שבע מיט עופֿות, זעק מיט אייער, גרינסן, איילבירטן, און די באַנען זענען געפּאַקט מיט פֿאַשע פֿאַר די בהמות, מיסט פֿון דער אומגעבונג פֿון חיפֿה און בית־שאן, וואָס גייט קיין יהודה.

די יידישע לאַנדווירטשאַפֿט האָט רעוואָלוציאָניזירט די אַראַבישע. דער פֿעלאַך האָט אָנגעהויבן איבערנעמען די מעטאָדן פֿון דער יידישער אַרבעט; ער האָט זיך אויסגעלערנט צו באַנוצן מיטן אייראָפּעיִשן אַקער; ער באַנוצט איצט מיסט, נאַטירלעכע און כעמישע; ער האָט זיך אויסגעלערנט בעסער צו פֿלאַנצן; ער האָט אויך איינגעפֿירט דעם יידישן סיסטעם פֿון באַוואַסערונג. אַ יידישער ברונעם גיט אַ דאַנק די טעכנישע פֿאַרפֿאָלקומונגען פֿון 60 — 100 קוביק־מעטער וואַסער אַ שעה. און זאַרנוגע האָט איצט אַליין 20 ברונעמער. דער מצב פֿון די אַראַבישע דערפֿער אַרום די יידישע קאָלאָניעס האָט זיך געהויבן. דאָס אַראַבישע דאָרף הויבט אַפֿילו אָן צו פֿלאַנצן פּרדסים, ווי מען קאָן דאָס זען אין די דערפֿער זאַרנוגע און אגער נעבן רחובות.

„בוסתנאי" (פון 4־טן דעצעמבער 1929) שרייבט: „אין די לעצ־טע צייטן איז אונז אויסגעקומען אויסצופאָרשן די לאַגע פון איין דאָרף (מן־הסתם זאַרנוגע — נ.), א שכן פון דער גרויסער יידישער קאָלאָניע (מן־הסתם רחובות — נ.). אין דעם דאָזיקן דאָרף זענען געווען 13.000 דונאַם באָדן. אַ טייל האָט געהערט די עפענדיס און אַ טייל דעם דאָרף. פון דעם האָט די יידישע קאָלאָניע געקויפט זעקס טויזנט דונאַם — צוויי דריטל פון די עפענדיס און איין דריטל פון די פעלאַכן. און דאָס דאָזיקע דאָרף, וואָס האָט געהאַט פאַר דער מלחמה נאָר 80 דונאַם פרדס, פאַרמאָגט איצט 1.176 דונאַם פרדס, וואָס געהערן צו פער־ציק פעלאַכן. און אויך די אַקערבוי־ווירטשאַפט פון דאָרף איז געוואַקסן. מען באַמיסטיקט די פעלדער, אַפילו מיט כעמישע מיסט. זיי האָבן אויך אָנגעהויבן דאָס רוב צו זייען פ א ר די רעגנס, אַזוי ווי די יידישע קאָלאָניסטן...די אַראַבער האָבן געהאַט פריער נאָר 20 טויזנט דונאַם פרדס, וואָס האָבן געהערט בלויז צו רייכע עפענדיס, און איצט האָבן די אַראַבער ביז 45 טויזנט דונאַם פרדס און זענען גרייט צו פלאַנצן נאָך פינף טויזנט דונאַם. און דערפון געהערן אַן ערך 20 טויזנט דונאַם צו די פעלאַכן."

די זעלבע ציפערן האָט איבערגעגעבן סמילאַנסקי פאַר דער אויס־פאָרשונגס־קאָמיסיע; ער האָט נאָר צוגעגעבן, אַז די פרדסים געהערן צו 40 פעלאַכן און צוויי עפענדיס. די אַלע פאַקטן האָבן אויך באַ־שטעטיקט אַ פּאָר אַראַבישע עדות.

אין דעם פרט איז זייער כאַראַקטעריסטיש דער מעמאָראַנדום, וועלכן עס האָבן דערלאַנגט די איינוווינער פון דעם אַראַבישן דאָרף סעראַפענט־אל־חאראב נעבן נס־ציונה אין יהודה: „מיר, די איינוווינער און עלטסטע פון דאָרף סעראפענט־אל־חאראב, דערקלערן, אַז שוין פערציק יאָר לעבן מיר בשלום און אין גוטע באַציונגען מיט אונזערע יידישע שכנים פון נס ציונה און ראשון לציון. פאַר דער גאַנצער צייט האָט נישט פאַסירט קיין שלעכטס צווישן אונז. אויך איצט ווילן מיר מיט זיי לעבן גוט און בשלום. און מיר זענען מודה, אַז די יידן האָבן משפיע געווען אויף אונז און אויף אַלע איינוווינער פון די אַראַבישע דערפער צום גוטן. פון זיי האָבן מיר געלערנט, ווי צו באַאַרבעטן די פרדסים און די איבעריקע פלאַנצונגען. מיר זענען קעגן די אַלע, וואָס האָבן גורם געווען די מהומות און דעם איבעררייס פון שלום צווישן יידן און מוסולמענער, און מיר דערקלערן, אַז מיר וועלן זיך

נישט לאָזן איינרעדן פֿון די, וואָס וועלן פּרוּוון קאַליע מאַכן אונזערע באַציִונגען מיט די ייִדן."

דערמיט ווערט טאַקע דערקלערט די אַלגעמיינע דערשיינונג, וואָס אין די געשעענישן פֿון אויגוסט האָבן נישט גענומען קיין אָנטייל די דערפֿער, וועלכע לעבן אין שכנות מיט די ייִדישע פּריוואַט־ווירטשאַפֿטלעכע קאָלאָניעס — אין יהודה און אין שומרון, אין דער אומגעבונג פֿון רחובות, ראשון לציון, פּתח־תּקווה, זכרון־יעקב און חדרה איז געווען פֿאַרהעלטנישמעסיק רויִק. אמת, אין דעם פּרט זענען דאָ אויסנאַמען, ווי די אומגעבונג פֿון באר־טוביה, הר־טוב, כפר־אוריה און אַנדערע. אָבער מען מוז פֿאַרשטיין, אַז ווען עס קומען אָנגעזעענע עפֿענדיס אין דעם מופֿטיס נאָמען און הייסן גיין אין הייליקן קאַמף קעגן די ייִדן, וועלכע ווילן כלומרשט פֿאַרכאַפּן די מוסולמענישע הייליקייטן, און ווען מען זאָגט צו אומזיסטע און אומבאַשטראָפטע רויב און מען טיילט נאָך דערביי פּאַפּיראָסן און געלט, קאָנען נישט אומעטום ביישטיין די ווירטשאַפֿטלעכע באַציִונגען. די אומגעבונג פֿון פּתח־תּקווה האָט נישט געליטן פֿון די געשעענישן נאָך אַדאַנק דעם שייך איבו־קישעק, דעם הויפּט־אָנפֿאַלער אין יאָר 1921.[*] ער האָט אונטער זיין השפּעה, ווי מען זאָגט, ביז ניין טויזנט פּעלאַכן. ראש־פּנה אין גליל־העליון האָט אויך נישט געליטן פֿון אירע שכנים.

און אויך אין דעם שטרייק פֿון 16־טן אָקטאָבער, וועלכן עס האָט פּראָקלאַמירט דער אַראַבישער אויספֿיר־קאָמיטעט אַלס פּראָטעסט קעגן די פֿאַראָרדנונגען פֿון דער רעגירונג וועגן כותל־מערבי און קעגן דעם ייִדישן גענעראַל־פּראָקוראָר בענטוויטש, האָט די דאָרפֿישע באַפֿעלקערונג אין די אויבנדערמאָנטע געביטן כמעט קיין אָנטייל נישט גענומען.

ביז מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָבן די אַראַבער אין די דערפֿער געבויט די הייזער פֿון ערד מיט מיסט, און געדעקט זענען די הייזער געווען אויסשליסלעך מיט ליים. פֿון דער וויטנס האָט מען געקאָנט אונטערשיידן דעם אַראַבישן ישוב פֿון אַ ייִדישן לויט די דעכער. הייַנט בויט מען שוין אין די אַראַבישע דערפֿער הייזער פֿון שטיינער און מען דעקט זיי שוין מיט קעראַמיט. אויב פֿון שטיינער זענען די הייזער נישט אומעטום, אָבער קעראַמיט־דעכער זענען דאָ אין אַלע אַראַבישע דערפֿער, וואָס געפֿינען זיך אין שכנות מיט די ייִדישע קאָלאָניעס. אַפֿילו אין די שטעט

זענען די אַראַבישע הייזער פריער געווען קליין, היינט בויען שוין די אַראַבער פּירשטאָקיקע געביידעס לויט, דעם מוסטער פון די יידישע און נישט זעלטן מיט דער הילף פון יידישע אַרבעטער, ווי למשל די גרויסע געביידע אויף דער באסטראס גאַס אין יפו, דאָס הויז פון אַראַבישן בעק אויפן וועג קיין ירושלים.

בכדי בולטער צו מאַכן די אַנטוויקלונג פון אַראַבישן דאָרף, וועלן מיר ציטירן פון אויבנדערמאָנטן ז. ס. א באַשרייבונג פון דעם לעבן אין דאָרף זארנוגע נעבן רחובות:

„לאַנגע יאָרן האָט געלעבט דאָס דאָרף אין זיינע באַשרענקטע גרענעצן און ס'איז נישט קענטיק געווען, צי ער ברייטערט זיך אויס און צי עס קומען אין אים צו נייע הייזער. אין דער לעצטער תקופה האָט זיך געביטן דאָס אויסזען פונם דאָרף. דער שטח פון די בנינים האָט זיך פאַרגרעסערט און ס'איז צוגעקומען אַ מין נייע שכונה (קוואַר-טאַל), וואָס אַנטהאַלט נייע הייזער. אַנשטאָט די נידעריקע, ענגע און שמוציקע הייזער אָן לופט און זון־ליכט, האָט מען אָנגעהויבן בויען הייזער פון צעמענט-בלאָקן, וואָס זענען גלייך צו די הייזער פון די שטאָטישע בירגער. די נייע הייזער האָבן אייניקע צימערן מיט טירן, פענצטער און געמאָלטע לאָדנס, די דעכער זענען געדעקט לרוב מיט גרויע דאַכוואָקעס פון דער לאַנד-פּראָדוקציע. אַ דאַנק דער אויס־ברייטערונג פון שטח פון די בנינים אין דאָרף איז געשטיגן דער פּרייז פון פּלעצער פאַר בנינים, און אויב אין די פריערדיקע יאָרן האָט מען געקאָנט קויפן די בעסטע פּלעצער פאַרן פּרייז פון אַ פּאָר פונט אַ דונאַם, דערגרייכט איצט דער פּרייז פון אַ דונאַם בוי-פּלאַץ פון 35 ביז 40 פונט. פאַר דעם אָנהויב פון דער וועלט-מלחמה זענען געווען אין יעדן דאָרף פינף קראָמען, איצט איז זייער צאָל געוואַקסן מער ווי אויף טאָפּלט. פאַר דער ענגלישער אָקופּאַציע האָבן די זארנו־גער געפירט די תבואה אין די מילן אין רחובות און ראמלע, איצט געפינען זיך אין דאָרף צוויי מילן, וואָס אַרבעטן מיט נאַפט־מאָטאָרן, און די אַראַבער פון דער סביבה ברענגען אַהין זייער תבואה. ביז דער ענגלי־שער אָקופּאַציע איז נישט געווען אין קיין דאָרף אַפילו קיין איין קאַפע־הויז, איצט זענען געעפנט געוואָרן צוויי קאַפע־הייזער, וואָס ווערן בייננאַכט באַלויכטן מיט „לוקסן".

פאַר צוואַנציק יאָר איז דער שייך פון דאָרף געווען דער אייג־ציקער, וואָס האָט זיך געקויפט אַן אַלטן איינפאַכן וואָגן און אַ פּאָר

פּרדות, איצט האָבן פשוטע פּעלאַכן מער ווי צען וואָגנס. אָנשטאָט דעם באַרימטן אַראַבישן „טשוואָק", וואָס האָט זיך געשלעפּט נאָכן קעמל, אָדער וואָס אים האָבן געשלעפּט אַ קעמל מיט אַן אָקס צוזאַ־מען, האָט מען אָנגעהויבן זיך באַנוצן מיט אייראָפּעישע אַקערס, איינ־געשפּאַנט מיט אַ פּאָר גוטע פּרדות. די צאָל אייראָפּעישע אַקערס איז איצט ביי צוואַנציק, אַגב האָבן אָנגעהויבן פאַר די לעצטע יאָרן קומען די אַראַבער פון זאַרנוגע מיט זייערע בהמות און אייראָפּעישע אַקערס צו אַקערן אין די יידישע ווירטשאַפטן אין רחובות.

פּונקט ווי עס זענען בולט די גרויסע ענדערונגען אין דער ווירטשאַפט און אין די אַרבעטס־אופנים, וואָס זיי האָבן איבערגענומען פון זייערע יידישע שכנים, אַזוי זענען אויך נישט קליין די ענדע־רונגען אין זייער לעבנס־שטייגער און אין די טאָג־טעגלעכע באַדער־פעניש. אָנשטאָט דעם, וואָס אין פריערדיקן דור זענען די פעלאַכן געגאַנ־גען באָרוועס דעם גרעסטן טייל פון יאָר, און אַמאָל פלעגן זיי טראָגן רויטע סאַנדאַלן פון קעמל־לעדער, האָבן זיי אָנגעהויבן איצט צו קויפן און באַשטעלן שיך פון שוואַרצן לעדער, און מען באַנוצט אפילו זאָקן. אָנשטאָט דעם לאַנגן און מגושמדיקן העמד, האָט מען אָנגעהויבן טראָגן קורצע העמדער פון דינעם לייוונט און אויך וואַרימע העמד־לעך, ווי עס טראָגן די קאָלאָניסטן. און יום־טוב פּוצט מען זיך אויס אין קורצע רעקלעך, איינגעקויפטע אין די קראָמען אין יפו. אָנשטאָט דעם, וואָס אין פריערדיקן דור האָט מען זיך צוגעדעקט מיט די אַבאַ־יעס אָדער פעלצן, געפינען זיך איצט אין אַ סך הייזער קאָלדרעס און קישנס פון וואַטע. אין אַ פרייען טאָג איבערראַשט דיך אַ פּורמאַן אָדער אַן אַרבעטער, וואָס קומט אין דער קאָלאָניע אויסגעפּוצט אין אַ ראָק און אין ברייטע הויזן פון טשע־סו־טשאַ. און עס טרעפט, אַז דו גייסט אַריין אין הויז פון אַ פעלאַך, וואָס אַרבעט אין דער קאָלאָניע אַ לאַנגע צייט, און דו געפינסט דאָרט אַ שאַנק מיט אַ שפּיגל, טע־לער און שיסלען נישט פון ליים, ווי עס איז געווען פריער. קאָנסט דאָרט געפינען אַ ניי־מאַשין, וואָס ברענגט איין אַ גוטע הכנסה דער באַלעבאָסטע, וועלכע איז געקומען אין דאָרף פון שטאָט און קאָן נייען וועש און איינפאַכע קליידער. איצט זענען דאָ פינף ניי־מאַשינען אין גאַנצן דאָרף. ספּעציעל קאָן מען באַמערקן די אַלע ענדערונגען אויפן יונגן דור, וועלכער טוט נאָך די קאָלאָניסטן. צווישן זיי זענען שוין

דאָ פינף, וואָס פאָרן אויף ראָוועדן, וועלכע זיי האָבן געקויפט פאַר אייגן געלט...

אַ חוץ דער פאַרבעסערונג פון דער מאַטעריעלער און אַלגעמיי־נער לאַגע בכלל פון די פעלאַכן אין דאָרף, האָט זיך דער נייער דור איבערצייגט אין דעם פאָרצוג פון דער מעדיצינישער הילף און זיי באַנוצן זיך מיטן דאָקטאָר און אַפּטייק פון דער קאָלאָניע. און עס טרעפט, אַז די יונגע מאַמעס פון דאָרף טוען-נאָך די קאָלאָניסטישע פּרויען און קויפן פאַר זייערע קליינע קינדער פּושקעס פּאָספּאַ־טין און נעסטלע. ס׳האָבן זיך פאַרמערט יונגעלייט, וואָס קאָנען לעזן און שרייבן, און אויב פאַר צוואַנציק יאָר זענען געווען נאָר פינף מענטשן, וואָס האָבן געקאָנט לעזן אַראַביש, און אַז מען האָט באַקו־מען אַ צעטל פון דער רעגירונג, האָט מען געדאַרפט זוכן אַ מענטש, וואָס זאָל עס איבערלעזן, איז איצט געשטיגן די צאָל פון די, וואָס קאָנען לעזן און שרייבן, אויף צען מאָל.״

די איינוואַנדערונג פון דער קולטורעל־העכערער יידישער באַ־פעלקערונג האָט געמוזט משפּיע זיין די אָרטיקע אַנטוויקלונג אויך אין פּרט פון קולטור. מיר האָבן נישט לײדער קיין ציפערן וועגן דעם צושטאַנד פון די שולן און דער צאָל שילער אין זיי ביי דער אַראַבישער באַפעלקערונג פאַר דער מלחמה. גענוג איז צו זאָגן, אַז נאָךביים היינטיקן טאָג זענען די פעלאַכן אין דאָרף כמעט אַלע אַנאַלפאַבעטן און דער שייך לעזן פאַר די צייטונג—מיט זיינע פּירו־שים, פאַרשטייט זיך. אָבער אין די שטעט איז פאַר די לעצטע יאָרן געוואַלדיק געוואַקסן די צאָל רעגירונגס־שולן און די צאָל שילער. די אַלגעמיינע צאָל שילער אויף דער גאַנצער באַפעלקערונג איז גע־שטיגן אין משך פון זיבן יאָר (פון יאָר 1921 ביז 1928) אויף 60 פּראָצענט, בשעת די באַפעלקערונג איז געשטיגן פאַר דעם זעלבן פּעריאָד אויף 22—23 פּראָצענט. די צאָל שילער ביי יידן איז גע־שטיגן פאַר די זיבן יאָר פון 17.244 אויף 28.844; ביי די מוסולמע־נער פון 18.126 אויף 24.848; ביי די קריסטן פון 8.431 אויף 14.271.

נעמיראָווסקי גיט איבער, אַז לויט דער אויספאָרשונג פון דער רעגירונג איז דער לעבנס־אינדעקס געשטיגן פון יאָר 1913 ביזן יאָר 1922 אויף דריי מאָל, און פון יאָר 1922 ביז 1928 איז ער אַראָפּ ביז 64.5 פּראָצענט פון דעם אינדעקס פון יאָר 1922. דאָס הייסט, אַז אין פאַרגלייך מיטן יאָר 1913 איז דער אינדעקס געשטיגן אויף

אַן ערך 200 פּראָצענט. דער אַרבעטס־לוין איז געשטיגן פון יאָר 1913 ביזן יאָר 1922 אויף פיר מאָל, און פון 1922 איז ער געפאַלן אויף אַ 25 פּראָצענט; דאָס הייסט, אז דער לוין איז געשטיגן אויף 300 פּראָצענט אין פאַרגלייך מיטן יאָר 1913. היות ווי דער לעבנס־אינדעקס איז געשטיגן נאָר אויף 200 פּראָצענט, מיינט עס, אַז דער רעאַלער לוין איז איצט געשטיגן אין פאַרגלייך מיטן יאָר 1913 אויף אַ 50 פּראָצענט. סמילאַנסקי האָט טאַקע דערמאָנט אין דער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע, אַז אויב פריער האָט דער פעלאַך פאַרדינט ביים עפענדי צוויי מיט אַ האַלבן פּיאַסטער אַ טאָג, האָבן די קאָלאָניסטן גלייך אָנגעהויבן צאָלן פינף פּיאַסטער אַ טאָג, און היינט צו טאָג — ווי מיר ווייסן — באַקומט דער פעלאַך שוין אין דאָרף אַ 10—13 פּיאַסטער, דער יידישער אַרבעטער — 17 מיט אַ האַלבן פּיאַסטער אַ טאָג.

די יידישע איינוואַנדערונג האָט אַריינגעבראַכט דרענאַזש, באַוואַסערונג פון גרויסע שטחים באָדנס, זי האָט אויסגעטריקנט בלאָטעס און דערמיט געזונטער געמאַכט דעם קלימאַט. מוכאַמעד ראַריב האָט אויך באַשטעטיקט, אַז יידן, ווען זיי קומען אַרויף אויפן באָדן, טריקענען זיי קודם־כל אויס די זומפּן. חדרה איז געווען איינע פון די זומפּיקסטע געגנטן, און איצט הערשט דאָרט די מאַלאַריע אין אַ זייער קליינער מאָס (בלויז היינטיקס יאָר איז צוליב די שרעקלעכע רעגנס פון פאַריקן ווינטער די מאַלאַריע געווען שטאַרקער ווי געוויינלעך אין חדרה). פּיק״אַ טריקנט איצט אויס דעם פרוכטבאַרן באָדן אַרום ברעג פון ים נעבן זכרון - יעקב. אין עמק - יזרעאל זענען געווען אַרום און אַרום זומפּן, און היינט איז דאָרט כמעט אומעטום טרוקן און מאַלאַריע איז דאָרט פאַרהעלטנישמעסיק ווייניק.

אַדאַנק דער יידישער איינוואַנדערונג איז געוואַלדיק פאַרקלענערט געוואָרן די צאָל פון מאַלאַריע - פאַלן. אַזוי ווייסן מיר, אַז אין יאָר 1922 זענען געווען 68 פאַלן מאַלאַריע אויף הונדערט איינוווינער, אין יאָר 1923—33 פאַלן, אין יאָר 1924—15, אין יאָר 1925—10, אין יאָר 1926 — 11.

די יידן האָבן אַוועקגעשטעלט אויך די מעדיצינישע הילף אויף אַ הויך, וועגן וועלכער ארץ־ישראל האָט ביז איצט נישט געוווסט. אין יאָר 1928 זענען אין אַלע שפּיטאָלן אין לאַנד געווען 2083 בעטן, פון זיי אין יידישע שפּיטאָלן — 678. אין די יידישע שפּיטאָלן זענען געווען 16.000 קראַנקע—דער גרעסטער טייל פון די קראַנקע אין לאַנד

אין דעם יאָר. אין די יידישע פּאָליקליניקן זענען געווען 107.000 קראַנקע — 50 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל קראַנקע, און באַזוכן זענען געווען אין די יידישע קליניקעס—753.000, וואָס עס מאַכט אויס 62 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל באַזוכן אין אַלע קליניקעס. אין יידישן שפּיטאָל אין צפת זענען געווען אין יאָר 1928 - 12 פּראָצענט אַראַבער, אין טבריה — 17, אין חברון — 70. אינטערעסאַנט איז אין דעם פּרט צו באַמערקן, אַז דער בודזשעט פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אויף געזונדהייטס־צוועקן האָט באַטראָפן 124.000 פונט, בשעת דער בודזשעט פון דער רעגירונג איז געווען נאָר 92.000 (פאַרן יאָר 1926—27.*)

קלאָר, אַז דידאַקטיק גאַנצע אַנטוויקלונג, די אויסברייטערונג פון אינדוסטריע, די אַנטשטייונג פון נייע אינדוסטריע־צווייגן, די אַנטוויקלונג פון דער קאָמוניקאַציע, די אויסברייטערונג פון דער פּלאַנטאַציע־ווירטשאַפט, דעם פעלאַכס איבערגאַנג פונם עפענדי צום קאַלאָניסט, דער וווקס פון אַרבעטס־לוין, דער וווקס פון האַנדל און פון דער באַפעלקערונג, די נייע קולטורעלע און סאַניטאַרע באַדינגונגען — האָבן אַריינגעבראַכט אַן איבערקערעניש אין דער ווירטשאַפט און האָבן געענדערט די סאָציאַלע פאַרהעלטנישן אין דאָרף און אין שטאָט.

דער פעאָדאַל ווערט באַרויבט פון זיינע פריערדיקע מאָנאָפּאָליעס, ער האָט שוין נישט די אומזיסטע אַרבעטס־קראַפט, וועלכע ער האָט עקספּלואַטירט פריער, זיינע הוצאות זענען אָבער נישט פאַרקלענערט געוואָרן, נאָר פאַרקערט, זיי זענען געוואַקסן. אויך פריער האָט ער פאַרשווענדעט געלט, אָבער די השגות פון פאַרשווענדונג און די מעגלעכקייטן דערצו זענען געווען אַ סך קלענערע. דער אייראָפּעיזם, וואָס רייסט זיך אַריין אין לאַנד, מיטן קאַפּיטאַליזם, שאַפט דעם לוקסוס און די נייע מעטאָדן פון געלט־פאַרשווענדונג. די עפענדיס האָבן צו פאַר אויטאָמאָבילן. ווינטער פאָרט מען פאַרשווענדן געלט אין קאַאיראָ און זומער אין — לבנון. די יידישע ערד־קניות באַרייכערן תחילת דעם עפענדי, אָבער קיין אומזיסטע אַרבעטער האָט ער שוין נישט. דאָס מזומנע געלט גייט גיך אַוועק, און קיין נייע קוואַלן זענען נישטאָ. איז ער געצוווּנגען צו פאַרקויפן כל־זמן ס'איז נאָך דאָ, וואָס צו פאַרקויפן, און ווען עס איז נישטאָ וואָס צו פאַרקויפן, הויבט ער אָן קלערן, ווי צוריק אויפצושטעלן דעם פעאָדאַלן סיסטעם.

*) די ציפערן האָט מיר פריינטלעך געגעבן דער ח' מ. נעמיראָווסקי.

דער פעלאַך גייט ביסלעכווייז אַרויס פון זיין שטענדיקער אונ־טערדריקונג און הויבט אָן ביסלעכווייז צו באַקומען די פסיכאָלאָגיע פון געדונגענעם אַרבעטער. ער האָט פאַר זיינע אויגן דעם לעבעדיקן ביישפיל פון די יידישע אַרבעטער, וועלכע אַרבעטן, פונקט ווי ער, אָבער נאָך דער אַרבעט זענען זיי פרייע מענטשן. אמת, דער דאָזי־קער פּראָצעס איז זייער אַ לאַנגזאַמער, די דורות לאַנגע השפּעה פון דעם עפענדי און פון די גייסטלעכע קאָן אין משך פון איין־צווי דורות נישט פאַרשווינדן.

די אַנטוויקלונג פון שטאָט שאַפט פון איין זייט אַ בורזשואַזיע און פון דער אַנדערער — אַ מאָדערנעם שטאָטישן פּראָלעטאַריאַט. די סאָציאַלע דיפערענצירונג הויבט אָן ווערן שאַרפער און בולטער. די שטאָט ציט צו דעם דאָרפישן פעלאַך, אָבער אין דאָרף גופא גייט אָן דער קאַפּיטאַליזירונגס־פּראָצעס אַדאַנק די פּלאַנטאַציעס. אין געוויסע ערטער ווערט דער דאָרפישער פעלאַך אַריינגעצויגן נישט נאָר אין די פּלאַנטאַציעס, נאָר אויך אין די גרויסע קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען. אויף אַזאַ אופן הויבט ער אָן ביסלעכווייז זיך אָפּצורייסן פון דער היימישער דאָרפישער ווירטשאַפט. אַזוי אַרבעטן אין דער צעמענט־פאַבריק „נשר” אַראַבער פון שכנותדיקן דאָרף; אַזוי אַרבעטן אין דעם פאַרוואָרפענעם ווינקל פון לאַנד, אין תחנת־הירדן ביי דער רו־טענבערג־אונטערנעמונג, אַראַבער פון די אַרומיקע דערפער. דער דאָר־פישער פעלאַך ווערט, ווי דורך אַ ריר פון צויבער־שטעקל, אַריבערגע־וואָרפן פון די פעאָדאַלע באַציונגען אין דער גרויס־קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט.

אין דעם פּרט, ווי בכלל אין דער אַנטוויקלונג פון לאַנד, וועט האָבן אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג די עקספּלואַטאַציע פון ים־המלח דורך נאָוואָמייסקין. דער ים־המלח געפינט זיך דאָך, כידוע, אין דעם סאַמע וויסטן און פאַרוואָרפנסטן ווינקל פון לאַנד. אַזאַ וויסטקייט און טויטקייט אין דער לעבעדיקער נאַטור איז זעלטן ווו צו געפינען. און אַהער, אין דעם וויסטן ווינקל, ווערן עס מיט דער צייט צונויפגעצויגן די אַראַבער פון דער אומגעבונג פון צענדליקער קילאָמעטער. און אויב עס וועלן דאָרט אַרבעטן אויך אַ סך יידישע אַרבעטער, וועט דאָך דאָרט אויסוואַקסן אַ געמישטע פאַבריק־שטאָט, וואָס וועט צו־שטעלן פּאָספּאַטן און הויפּטזעכלעך פּאָטאַש נישט נאָר פאַר ארץ־ישראל און דעם אָריענט: די אונטערנעמונג וועט קאָנקורירן אין צושטעלן

פּאָטאַש פּאַרן וועלט-מאַרק מיט דייטשלאַנד, וועלכער איז ביז דער לעצטער צייט כּמעט די מאָנאָפּאָליסטין אויף דעם דאָזיקן געביט אין דער גאַנצער וועלט.

עס ווערן איצט געמאַכט דורך יידישע פאָרשער פּרוון פון אויסנוצן אַ ספּעציעלן סאָרט שטיינער, כּדי צו באַקומען פון זיי ברען-שטאָף, אייל און קאַלך. די אַנאַליזן זענען זייער גינסטיק און די אַר־בעטן אין קליינעם פאַרנעם האָבן געגעבן גוטע רעזולטאַטן. די שטיי-נער געפינען זיך אין דער אומגעבונג פון תּחנת־הירדן אין אונטערשטן גליל און אין דער געגנט פון יריחו. די עקספּלואַטאַציע פון די דאָזיקע שטיינער וועט ווידער אַריינציען די אַרומיקע אַראַבער אין קאַפּיטאַליסטישן פּראָצעס און שטאַרק העלפן דער אַנטוויקלונג פון לאַנד.

די אַלגעמיינע ווירטשאַפטלעכע אַנטוויקלונג פון לאַנד שאַפט, אַלזאָ, נישט נאָר דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט און פירט אים אַריין אין דער שווערער אינדוסטריע און אין דער אורפּראָדוקציע; זי שאַפט אויך דעם אַראַ-בישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכער איז כּמעט נישט געווען בנמצא פאַר דער יידישער איינוואַנדערונג. עס זענען נישטאָ קיין ציפערן בכלל וועגן דער גרויס פון אַראַבישן פּראָלעטאַריאַט, אָבער מען רעכנט, אַז עס זענען דאָ ביז אַ צען-צוועלף טויזנט אַראַבישע אַרבעטער *) און נאָר דער דאָזיקער מאָדערנער אַרבעטער אין שטאָט און אין דאָרף — און נישט דער אַמאָליקער בעל-מלאכה פון שטאָט און דער פעלאַך אין דאָרף — קענען זיין מסוגל צו ווערן, צוזאַמען מיטן יידישן אַרבע־טער, דער טרעגער פון דער רעוואָלוציע. סוביעקטיוו איז נאָך דער אַראַבישער אַרבעטער ווייט דערפון, אָבער אָביעקטיוו קאָן ער זיך אַנטוויקלען, ווען דער יידישער אַרבעטער וועט אָנשטאָט אים אָפּצו־שטויסן, פאַרשטיין זיין ראָל דאָ אין ארץ־ישראל און אויסשטרעקן דעם אַראַבישן אַרבעטער די האַנט פון אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט.

די אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע און האַנדל אין שטאָט

---

*) יעדנפאַלס האָבן מיר אין די אומגליקס-פאַלן ביי דער אַרבעט אין יאָר 1929 אַן אומדירעקטן באַווייז, אַז די צאָל אַראַבישע אַרבעטער אין שטאָט און דאָרף צוזאַמען איז נישט גרעסער פאַר דער צאָל יידישע אַרבעטער. אין דעם יאָר זענען געהרגעט געוואָרן ביי דער אַרבעט 9 יידן און 9 אַראַבער. סך־הכּל זענען געהרגעט געוואָרן פון יאָר 1925 ביז 1929 אין תּל־אביב 25 אַרבעטער און אין גאַנצן לאַנד 53 אַרבעטער („דבר" פון 11-טן פעברואַר 1930).

האָט אַריבערגעפירט דעם פריערדיקן האַנדל־קאַפיטאַל אין אינדוסטריעלע פאָרמען. עס הויבט אָן וואַקסן אין שטאָט אַן אייגענע מיטעלע בורזשואַזיע, וועלכע האָט אירע קלאַסן־אינטערעסן, וואָס זענען שוין איצט נישט אידענטיש מיט די אינטערעסן פונם עפענדי. עס אַנטשטייט אַן אינטעליגענץ, וועלכע דינט געוויינלעך דער בורזשואַזיע און פאַרמאָגט אָבער אויך אירע אייגענע גרופן־אינטערעסן. מיט איין וואָרט, די יידישע איינוואַנדערונג האָט סאָציאַל דיפערענצירט דאָס אַראַבישע לעבן, און די דאָזיקע דיפערענצירונג איז עס דער מקור פון דער גאַנצער אַראַבישער פאָליטיק, ווי מיר וועלן שפעטער זען.

אין אָט דער וואַקסנדיקער ווירטשאַפט ווירקן עס די פאָליטישע כוחות פון די צוויי פעלקער און דער דריטער צד — דער ענגלישער אימפעריאַליזם. צום אַנאַליז פון די דאָזיקע כוחות וועלן מיר איצט איבערגיין.

III. דער ענגלישער סעקטאָר

1. די ענגלישע אינטערעסן אין ארץ-ישראל

עס וואָלט שווער געווען זיך צו אָריענטירן אין דער פּאָליטיק פון ענגלישן אימפּעריאַליזם אין ארץ-ישראל, אויב מען זאָל זיך פריער נישט אָפּשטעלן אויף די סיבות, וועלכע האָבן באַוויגן גרויס-בריטאַניע זיך מער צו פאַרינטערעסירן מיטן נאָענטן אָריענט בכלל.

כּידוע, איז די וויכטיקסטע קאָלאָניע פון דער ענגלישער אימפּעריע — אינדיע. מען מוז פאַרשטיין דעם ברייטערן באַגריף פון אימפּעריאַליזם, בכדי צו באַנעמען, וואָס פאַרא ראָל אינדיע שפּילט אין דער ענגלישערווירטשאַפט.

אונטער אימפּעריאַליזם פאַרשטייט מען אין אַלגעמיין די שטרעבונג צו דעראָבערן פרעמדע אויסלענדישע מערק. דער דאָזיקער אינהאַלט שעפּט אייגנטלעך נישט אויס אינגאַנצן דעם דאָזיקן באַגריף. עס האַנדלט זיך דאָ נישט נאָר וועגן דעראָבערן נייע אויסלענדישע אָפּזאַץ-מערק, ווען דער אינערלעכער מאַרק נעמט שוין נישט אויף די פּראָדוקטן פון דער אינלענדישער אויסאַרבעטונג. דאָס נישט אויפנעמען די אינלענדישע פּראָדוקטן איז אגב אַ פּועל-יוצא נישט דערפון, וואָס דער אינערלעכער מאַרק איז שוין איבערגעזעטיקט מיט זיי, נאָר פון דעם, וואָס די גרויסע אַרמיי פון אַרבעטער, זיך פּראָלעטאַריזירנדיקע שיכטן און האָרעפּאַשניקעס—די מערהייט, אַלזאָ, פון פאָלק—האָט נישט קיין מעגלעכקייט, צוליב דער אָרימקייט און אַראָפּגעזעצטע אַרבעטס - לוינען, צו קאָנסומירן די אייגענע היימישע פּראָדוקטן. און דער קאַפּיטאַליזם, אַרונטערטרייבנדיק דעם אַרבעטס - לוין, פאַרקלענערט פאַר זיך אַליין די מעגלעכקייט אויסצוברייטערן זיין אָפּזאַץ-מאַרק. דאָס צווינגט אים צו זוכן אַזעלכע אָפּזאַץ-מערק אין אַנדערע לענדער. דאָס איז אפשר דער וויכטיקסטער עלעמענט פון אימפּעריאַליזם, אָבער נישט דער איינציקער. די אויסגעברייטערטע

פראָדוקציע נויטיקט זיך אַלץ מער און מער אין רוי־שטאָפן, ווען זאַפּאַס ווערט אַלץ קלענער און קלענער אין אייגענעם לאַנד. זוכט דער קאַפּיטאַליזם נייע אוצרות רוי־שטאָפן. דאָס איז דער צווייטער וויכטיקער עלעמענט פון אימפּעריאַליזם. די דאָזיקע צוויי עלעמענטן: דאָס שטרעבן צו דערוועבן נייע מערק און נייע קוואַלן פון רוי־שטאָפן — בילדן דעם אינהאַלט פון אימפּעריאַליזם. יעטוועדע נייע לאַנד, וואָס איז מסוגל צו באַפרידיקן אָט די דאָפּלטע באַשטרע־בונג פון קאַפּיטאַליזם, וועלכער גייט אַזוי אַרום איבער אין זיין ווייטערדיקער אַנטוויקלונגס־סטאַדיע — אין אימפּעריאַליזם, ווערט דערביי בער באַטראַכט ווי אַ געשמאַקער ביסן פאַר די פאַרשידענע נאַציאָנאַלע אימפּעריאַליזמען. דאָס איז דער תּוך פון דער קאָלאָניאַלער פּאָליטיק פון די אייראָפּעישע גרויסמאַכטן, און לעצטנס אויך פון די אַזיאַטישע (יאַפּאַן) און אַמעריקאַנישע (פאַרייניקטע שטאַטן). דאָס איז געווען די סיבה פון דער לעצטער וועלט־מלחמה, ווי אויך פון די פריערדיקע קאָנטינענטאַלע מלחמות צווישן פאַרשידענע אייראָפּעישע מלוכות.

אינדיע אַלס קאָלאָניע אַנטשפּרעכט אין אַ מאַקסימאַלער מאָס די דערמאָנטע ביידע עלעמענטן פון אימפּעריאַליזם. אין סוף פון ניינצנטן יאָרהונדערט האָט די בריטישע אינדיע געציילט אַ באַפעל־קערונג פון קרוב דריי הונדערט מיליאָן מענטשן אויפן שטח פון העכער פינף מיליאָן קוואַדראַט קילאָמעטער און געהאַט העכער צוויי טויזנט שטעט מיט אַ באַפעלקערונג פון העכער 27 מיליאָן. אויב אַפילו דער דאָרטיקער געברויכער איז נישט קיין קולטורעלער אייראָפּעישער עלעמענט, אָבער די קוואַליטעט ווערט דאָרט מיט אַן עודף פאַרביטן דורך דער ריזיקער קוואַנטיטעט פון די געברויכער. דעריבער איז אינדיע איינער פון די גרעסטע אויסלענדישע אָפּזאַץ־מערק פאַר דער ענגלישער פּראָדוקציע. פון דער אַנדערער זייט איז אינדיע אַזוי רייך אין רוי־שטאָפן, אַז זי איז עס דער מקור פון ענגלישן רייכטום. גאָלד, זילבער, קופּער, בליי, צינק, ניקל, קאָבאַלט, אייזן, דיאַמאַנטן, זאַלץ און דערצו זייער רייכע קוואַלן פון קוילן און פּעטראָלעום — די סאַמע נויטיקסטע פּראָדוקטן פאַר יעדער פּראָדוקציע — האָבן פון לאַנגע יאָרן געמאַכט אינדיע פאַר אַן אידעאַל, צו וועלכן עס האָבן זיך גע־צויגן די אימפּעריאַליסטן פון דער גאַנצער וועלט, ביז ענדלעך אין דער צווייטער העלפט פון אַכצנטן יאָרהונדערט, נאָך לאַנגע מלחמות

מיטן פראַנקרייך איז אינדיע געבליבן אין באַזיץ פון ענגלאַנד.

אָט דעם דאָזיקן „דימענט אין דער ענגלישער קרוין" האָט די בריטישע אימפעריע געמוזט פאַרטיידיקן נישט נאָר פאַר יעטוועדן אָנגריף אין דער קעגנוואַרט, נאָר אויך פאַרויסזעען אַלע מעגלעכע אָנגריפן אין דער אַנטוויקלונג פון דער פּאָליטישער געשיכטע און באַצייטנס זיך צוגרייטן צו זיי. אין דער ערשטער ריי האָט זי געמוזט זוכן די מעגלעכקייט צו פאַרלייכטערן די קאָמוניקאַציע מיט אינדיע, און אין דער צווייטער ריי פאַרזיכערן זיך מיט דער הערשאַפט איבער די וועגן, וואָס פירן קיין אינדיע. אין דער ערשטער תקופה האָט מען זיך פאַרזיכערט מיט דער הערשאַפט איבער דעם דרומדיקן עק פון אַפריקע (דער „מיס פון גוטער האָפנונג") און שפּעטער-צו האָט מען געזוכט אויסצוברייטערן די הערשאַפט איבערן מיטללענדישן ים, פאַרכאַפנדיק דעם וועג צו אים פון אַטלאַנטישן אָקעאַן דורכן גיבראַלטאַר. פון דעם איז געקומען צו דער באַהערשונג פונם צפונדיקן ברעג פון אַפריקע, צו דעם שטרעבן צו עגיפּטן, וועלכע איז אָקופּירט געוואָרן דורך ענגלאַנד אין־לויף פון נייַנצנטן יאָרהונדערט. תחילת האָט ענגלאַנד געשטרעבט צו פאַרנעמען אַלע וועגן קיין אינדיע, בדיעבד האָט זי אויפן וועג צו דער דאָזיקער שטרעבונג פאַרנומען אַ לאַנד, וואָס פאַר זיך האָט עס פאַרגעשטעלט נישט קיין שלעכטע קאָלאָניע—סיי אַלס אָפּזאַץ-מאַרק, ווייל עגיפּטן מיט איר נאָנט צו אַ מיליאָן קוואַדראַט קילאָמעטער און צוועלף מיליאָן באַפעלקערונג שטעלט מיט זיך נישט פאַר קיין קליינע קויפס־קראַפט פאַר די ענגלישע פּראָדוקטן, און סיי אַלס מקור פון רוי־שטאָפן, ספּעציעל אין סודאַן מיט איר גומי, עלפאַנט־ביין און בוים־וואָל. און ווען ס'איז אין יאָר 1869 דערעפנט געוואָרן דער סועץ־קאַנאַל, געבויט דורך לעסעפסן, האָט ענגלאַנד תיכף (אין יאָר 1875) אָפּגעקויפט ביים דעמאָלסטיקן עגיפּטישן קעדיוו אַלע זיינע סועץ-קאַ־נאַל־אַקציעס פאַר פיר מיליאָן פונט און אַזוי אַרום באַקומען אין אירע הענט דעם קירצסטן וועג צו איר הויפּט-קאָלאָניע אינדיע.

דערמיט דאָט ענגלאַנד פאַרענדיקט די באַהערשונג פון דעם גאַנצן וועג פון דער מעטראָפּאָליע ביז צו אינדיע, אָבער נאָר ביז צו דעם סועץ־קאַנאַל. דער צווייטער טייל פון דעם וועג איז געבליבן אין רשות פון אַנדערע מלוכות, הויפּטזעכלעך ביי טערקיי. בכדי צו באַהערשן דעם דאָזיקן טייל פון דער קאָמוניקאַציע מיט אינדיע, האָט

ענגלאַנד אָנגעהויבן פאַרוואַרפן אירע נעצן פון דער זייט פון אינדיע און האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן רוקן אין פערסיע. דאָ האָט זי אָנגעטראָפן אויפן גרויסן ווידערשטאַנד מצד דעם צאַרישן רוסלאַנד, וועלכער האָט אין זיינע אימפעריאַליסטישע שטרעבונגען אויך געזוכט דעם וועג צום אינדישן אָקעאַן. פון דאַנען שטאַמען די צוויי ווירקונגס־ספערן אין פערסיע, די רעוואָלוציע דאָרט און דער גאַנצער פלאָנטער אין אַפגאַניסטאַן פון דער לעצטער צייט. אין דערזעלבער צייט האָט ענגלאַנד זיך גענומען פאַראינטערעסירן מיטן נאָענטן אָריענט,— דעם געביט, וואָס גרענעצט האַרט מיטן סועץ־קאַנאַל. דאָ האָט שוין ענגלאַנד געפונען איר שטאַרקן קאָנקורענט, וואָס האָט פאַרכאַפּט די פּאָזיציעס פאַר איר—דייטשלאַנד האָט זינט דעם בערלינער טראַקטאַט געפירט אַ דערנענטערונגס־פּאָליטיק מיט טערקיי און ביסלעכווייז דערוואָרבן גרייסע ווירטשאַפטלעכע שטיצפונקטן אין נאָענטן אָריענט, ווי די העדזשאַס־ליניע; דערפון שטאַמען אייך די ערשטע דייטשע זידלונגען אין פּאַלעסטינע, ווי די קאָלאָניע אין חיפה, די קאָלאָניעס שרונה נעבן יפו, ווילהעלמינאַ נעבן פתח־תקווה און אַנדערע.

די וועלט־מלחמה, אין וועלכער טערקיי איז אַריינגעצויגן געוואָרן דורך דייטשלאַנד, האָט געגעבן ענגלאַנד די מעגלעכקייט מנצח צו זיין איר קאָנקורענט אויפן מזרחדיקן ברעג פון מיטללענדישן ים און אַריינשטעלן אַ פוס אויף דער צווייטער זייט פון סועץ.

דערפון קומט ענגלאַנדס פאַראינטערעסירונג מיט ארץ־ישראל אין דער מלחמה־צייט; פונדאַנען שטאַמט איר ווייטערדיקע פּאָליטיק בנוגע דעם דאָזיקן לאַנד. מען האָט זיך געדאַרפט פאַרשאַפן די סימפּאַטיעס פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג און זי אויפשטעלן קעגן טערקיי. צו דעם צוועק האָט מען אונטערהאַנדלט מיט די אַראַבישע פּני, אין ערשטער ריי מיט דעם אַראַבישן פירשט פון מעקאַ, הוסיין, דעם זון פון אַלי. דער לעצטער האָט זיך נאָך פאַר דער מלחמה געהאַט געווענדעט צום ענגלישן נציב אין קאַאיר, אָבער נישט באַקומען קיין תשובה. איצט אָבער האָבן זיך די צייטן געביטן. אַז מען דאַרף דעם גנב, נעמט מען אים פון דער תליה. האָט מען פון איין זייט געשיקט אין אַראַבישן מזרח דעם באַרימטן קאַפּיטאַן לאָרענס, וואָס האָט געשאָטן בוכשטעבלעך מיט גאָלד, בכדי משפיע צו זיין די באַזונדערע אַראַבישע שבטים און אַריינציען זיי אין מלחמה מיט טערקיי. פון דער צווייטער זייט האָט דער ענגלישער נציב אין מצרים זיך גע־

ווענדעט צו הוסיינען מיט געוויסע פֿאָרשלאַגן. הוסיין האָט תּחילת געשטעלט גאָר גרויסע פֿאָדערונגען, ווי אַ גרויסע אַראַבישע מלוכה אין די גרענעצן: אין צפֿון—פֿון מערסינע ביז צו דער פּערסישער גרענעץ; אין מזרח—ביז צו דער פּערסישער גרענעץ ביז באַצראַ; אין דרום — דער אינדישער אָקעאַן אַחוץ עדען, וואָס בלייבט אונטער דער ענגלישער הערשאַפֿט; אין מערב — דער רויטער און מיטללענדישער ים. ענגלאַנד דאַרף אויך אָנערקענען דעם אַראַבישן קאַליפֿאַט און מסכּים זיין אָפּצושאַפֿן די קאַפּיטולאַציעס.

ענגלאַנד האָט זיך געפֿונען אין אַ קלעם. פֿון איין זייט האָט זי נישט געקאָנט צוזאָגן לבנון און סיריע, אויף וועלכע עס האָט שטאַרק פּרעטענדירט פֿראַנקרייך; פֿון דער אַנדערער זייט זענען געווען אַנדערע אַראַבישע פֿירשטן, וועלכע האָבן געהאַט נישט קיין קלענערע אַפּעטיטן, ווי הוסיין,—למשל, איבן־סאַאוד, דער ראש פֿון די וואַהאַביטן און דער תּימנישער אימאַם און אַנדערע. הוסיין, ווידער, האָט אָנגעהויבן מורא קריגן פֿאַר דער דאָזיקער קאָנקורענץ און דזשעמאַל־פּאַשאַ אין דמשק האָט אָנגעהויבן אים חושד זיין אין אומלאָיאַליטעט; דאָס האָט געווירקט אויף הוסיינען, ער זאָל ווערן נאָכגיביקער, און ענגלאַנד האָט שריפֿטלעך געגעבן געוויסע הבטחות הוסיינען אין יאָר 1915 און 1916.

ווי ענגלאַנד האָט פֿאַרווירקלעכט די דאָזיקע הבטחות און וואָס איז געוואָרן פֿון דער פּאַן־אַראַבישער מלוכה, וועלן מיר זען ווייטער (אין אַראַבישן טייל). איצט האָבן מיר נאָר געוואָלט אָנווייזן אויף דער ענגלישער פּאָליטיק בנוגע די אַראַבער, וועלכע איז געווען אַ פּועל־יוצא פֿון דער ענגלישער שטרעבונג צו פֿאַרכאַפּן דעם טייל פֿון אָריענט.

נאָך דעם, ווי זי האָט זיך אויף אַזאַ אופֿן פֿאַרזיכערט מיט פֿאַרבינדעטע אין לאַנד גופֿא, האָט ענגלאַנד געזוכט ווייטערע פֿאַרבינדעטע אין און אויסער פּאַלעסטינע. חוץ דעם האָט זי שוין געזוכט צו שאַפֿן אַ קעגנווירקונג פֿאַר דער קינפֿטיקער פּאַן־אַראַבישער מלוכה. פֿאַר איר איז קלאָר געווען די סכּנה, וואָס וואָלט איר געדראָט, ווען אַזאַ מלוכה וואָלט געשאַפֿן געוואָרן. פֿונעם צווייטן זייט סועץ, אין מצרים, האָט זי שוין געהאַט אַן אַראַבישע מלוכה, אמת, פּאָרלויפֿיק אונטער איר פּראָטעקטאָראַט, — אָבער די צווייטע אַראַבישע מלוכה פֿון דער זייט סועץ קאָן ברענגען דערצו, אַז פֿון די ביידע מלוכות זאָל זיך שאַפֿן איין באמת גרויסער פּאַן־אַראַבישער פּראָנט, וועלכער וואָלט גע־

קאָנט ווערן געפּערלעך פאַר דער ענגלישער הערשאַפט. דער אַראַבי־שער קאַליפאַט קאָן אויך צוציען די מאַכמעדאַנער, וועלכע ענגלאַנד האָט אונטער זיך אין גרויסע מאַסן, ספּעציעל אין אינדיע, און דער ענין קאָן ווערן נאָך געפערלעכער. דעריבער האָט ענגלאַנד שוין לכתחילה נישט געהאַט בדעה אויסצופירן אירע הבטחות צו הוסיינען. זי האָט אָבער געוואָלט שאַפן באַדינגונגען, וועלכע זאָלן פאַר דער וועלט איר מאַכן אוממעגלעך צו דערפילן די הבטחות. פאַר דער דאָ־זיקער פּאָליטיק איז אויסגענוצט געוואָרן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. עס האָט זיך געשאַפן אַ מעגלעכקייט אריינצוזוקן אַ קליין אין דער פּאַן־אַראַבישער מלוכה און גלייכצייטיק געווינען די סימפּאַטיעס פון די יידישע באַנקירן ביים סוף פון דער מלחמה, ווען די פינאַנסן האָבן שוין שטאַרק געדריקט. אַזוי איז געקומען אויף דער וועלט די באַלפור־דעקלאַראַציע, וועלכע איז מיט אַ צוויי יאָר יינגער פון דער אַראַבישער דעקלאַראַציע.

די אַראַבישע אונטערהאַנדלונגען זענען דער בריטער וועלט נישט געווען באַוווּסט, מכּל־שכּן נישט די ציוניסטישע דיפּלאָמאַטן. און ווען אַפילו יאָ, וואָס פאַרא באַדייטונג האָט עס געקאָנט האָבן פאַר דיפּלאָמאַטן בכלל? די ציוניסטישע וועלט האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דער באַלפור־דעקלאַראַציע. ווי דאָס האָט געווירקט אויף דער וויי־טערדיקער ציוניסטישער פּאָליטיק, וועלן מיר זען אין דעם יידישן טייל. איצט איז פאַר אונז געווען וויכטיק נאָר פעסטצושטעלן, אַז לכתחילה האָט ענגלאַנד געגעבן צוויי דעקלאַראַציעס, וועלכע האָבן ווידערשפּראָכן איינע דער צווייטער, און האָבן געקענט געגעבן ווערן נאָר אין דעם פאַל, ווען מען האָט לכתחילה נישט געהאַט בדעה און נישט געוואָלט אויספירן קיין איינע פון זיי.

די ביידע הבטחות האָבן גלענצנד דערפילט זייער אויפגאַבע. און נישט נאָר בשעת מעשה, ווען פון איין זייט האָבן די אַראַבישע שבטים גענומען אַן ענערגישן אָנטייל אין דער מלחמה קעגן טערקיי, און פון דער אַנדערער זייט האָבן די יידן פון דער גאַנצער וועלט מיט לייב און לעבן זיך איינגעשפּאַנט אין דעם רייט־וואָגן פון דער אַנטאַנט און געשטיצט זי מיט געלטמיטלען און מיט מיליטער (דער יידישער לעגיאָן און זשאַבאָטינסקיס אַוואַנטורע אין גאַליפּאָלי), נאָר אויך אין משך פון לאַנגע יאָרן נאָך דעם אַזוי־גערופענעם וואָפנ־שטילשטאַנד פון 11־טן נאָוועמבער האָבן די ביידע דעקלאַראַציעס

געהאָלפן דער ענגלישער רעגירונג, איינע קעגן דער צווייטער, נישט אויסצופירן קיין איינע פון זיי. דאָס לאַווירן צווישן די אַראַבער און די ציוניסטן, אויסנוצנדיק זיי איינע קעגן די אַנדערע — דאָס איז דער אינהאַלט פון דער אימפעריאַליסטישער פּאָליטיק אין ארץ־ישראל אין די נאָך־מלחמה יאָרן.

איידער מיר וועלן אָבער איבערגיין צו דער כאַראַקטעריסטיק פון דער דאָזיקער פּאָליטיק, וואָלטן מיר געוואָלט נאָר אין קורצן אָנ־ווייזן, אַז אויב דער וועג קיין אינדיע, דער סועץ־קאַנאַל, איז געווען דער וויכטיקסטער אינטערעס, וואָס האָט געשטויסן ענגלאַנד צו פּאַ־לעסטינע און צום נאָענטן אָריענט בכלל, זענען אָבער בדיעבד צוגעקומען נאָך טעמים, וועלכע האָבן פאַרשטאַרקט די ענגלישע פאַראינטערעסי־רונג אין דאָזיקן לאַנד און געווירקט אויף איר שפּעטערדיקער פּאָלי־טיק דאָרט.

עס איז אַ גרויסער טעות, ווען מען פאַרגלייכט פּאַלעסטינע צו אַנדערע ענגלישע קאָלאָניעס און מען זעט נישט דעם גרויסן חילוק, וואָס אונטערשיידעט דאָס לאַנד פון יענע. ווי מיר האָבן פריער געזעען, דאַרף יעדע קאָלאָניע, בכדי צו זיין אַ קאָלאָניע אין אימפעריאַליס־טישן זין, באַפרידיקן צוויי פאָדערונגען: ראשית, דאַרף זי דינען פאַר אַן אָפּזאַץ־מאַרק, והשנית דאַרף זי זיין רייך אין רוי־שטאָפן. וועלכע ווערן אַרויסגעפירט פון דער קאָלאָניע אין דער מעטראָפּאָליע, דאָרט ווערן זיי איבערגעאַרבעט אין גרייטע פאַבריקאַטן און האַלב־פאַבריקאַטן, און שפּעטער ווידער אַריינגעפירט אין דער קאָלאָניע צוריק, בכדי אויסצונוצן איר קויף־קראַפט. עס איז לייכט צו זען, אַז ארץ־ישראל אַנטשפּרעכט נישט קיין איינער פון די צוויי באַדינגונגען. פּאַלעסטינע מיט איר באַפעלקערונג, וואָס איז קלענער פון אַ מיליאָן און באַ־שטייט אויף דריי פערטל פון אָפּגעשטאַנענע אומקולטורעלע עלעמענטן מיט די מינימאַלסטע מאַטעריעלע און גייסטיקע באַדערפענישן, קאָן בשום אופן נישט זיין קיין אָפּזאַץ־מאַרק פאַר דער גיגאַנטישער ענגלישער אינדוסטריע. פּאַלעסטינע פאַרמאָגט אויך נישט קיין רוי־שטאָפן און דער הויפּט־פּראָדוקט פון עקספּאָרט זענען מאַראַנצן, זייף, בוימל און אַנדערע דערנערונגס־פּראָדוקטן, ווי סומסום, אַרבוזן, וויין, מאַנדלען וכדומה. ערשט פאַר דער לעצטער צייט פאַרגרעסערט זיך דער עקספּאָרט פון פּאַרטיקע סחורות, ווי שיך, זאָקן און איבערגעאַרבעטע דערנע־רונגס־פּראָדוקטן. קיין מינעראַלן זענען אין ארץ־ישראל נישטאָ, שוין

אָפּגערעדט פון ברען־שטאָפן. די אַלע פּרוּוון, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן ביז גאָר דער לעצטער צייט, ספּעציעל אין דער אומגעבונג פון צפת, צו געפינען נאַפט, זענען נישט געלונגען. עס האָבן זיך, אמת, גינסטיק פאַרענדיקט די פּרוּוון צו פּראָדוצירן פון געוויסע שטיינער ברען־אייל, אָבער ביז איצט געפינען זיך נאָך די פּרוּוון אין געביט פון פאָרשן. ארץ־ישראל איז באמת רייך אין מאַרמאָר, אָבער דער טראַנספּאָרט אין ארץ־ישראל גופא (דער מאַרמאָר געפינט זיך אין אויבערשטן טייל פון גליל, וועלכער האָט זייער אַ שלעכטע קאָמוניקאַציע), שוין אָפּגערעדט פון עקספּאָרט אין אויסלאַנד, איז געוואַלדיק טייער. דאָס איינציקע רייכטום אין מינעראַלן זענען די פאָספאַטן און פּאָטאַש פון ים־המלח, וואָס צו זייער עקספּלואַטאַציע זענען איצט צוגעטראָטן נאָוואָמייסקי און טאַלאַק. די רוי־שטאָפן האָבן נישט געקאָנט קומען אין באַטראַכט, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן פאַרנעמען פּאַלעסטינע.

עס איז לייכט זיך צו איבערצייגן אין דעם, אַז פּאַלעסטינע שפּילט אַ גאָר נישטיקע ראָלע סיי אַלס אָפּזאַץ־מאַרק פאַר ענגלישע סחורות, סיי אַלס קוואַל פאַר רוי־שטאָפן, בעת מען פאַרגלייכט אַ פּאָר ציפערן פון פּאַלעסטינער און עגיפּטישן אימפּאָרט און עקספּאָרט. שוין מיט פערציק יאָר צוריק (אין יאָר 1891) האָט ענגלאַנד אַריינגעפירט אין עגיפּטן סחורות אויף העכער פיר מיליאָן פונט און אַרויסגעפירט אויף אַ סכום פון העכער אַכט מיליאָן פונט. אין ארץ־ישראל האָט דער אימפּאָרט און עקספּאָרט פון און קיין ענגלאַנד זיך פאָרגעשטעלט אין פאָלגנדע ציפערן:

טאַבעלע 18

עקספּאָרט און אימפּאָרט צווישן ארץ־ישראל און ענגלאַנד פאַר 6 יאָר

יאָרן	עקספּאָרט פון ארץ־ישראל	אימפּאָרט קיין ארץ־ישראל
1923	298.826 פונט	1.154.015 פונט
1924	390.113 „	1.006.549 „
1925	455.163 „	1.110.929 „
1926	522.335 „	749 192 „
1927	660.237 „	1.096.437 „
1928	550.618 „	782.766 „

דערביי איז אינטערעסאַנט, אַז פון 660 טויזנט פונט אין יאָר 1927 פון עקספּאָרט קיין ענגלאַנד האָבן מאַראַנצן אַליין אויסגעמאַכט 555 טויזנט פונט, און אין יאָר 1928 פון די 550 טויזנט פונט עקספּאָרט—מאַראַנצן פאַר 517 טויזנט פונט. פון דעם אימפּאָרט קיין ארץ־ישראל איז אין יאָר 1927 געווען 250 טויזנט פונט מזומן און פון די איבריקע רובריקן אַ 250 טויזנט פונט אין די רעגירונגס־סקלאַדן. — אַלזאָ ענגלאַנד פירט אַריין זייער ווייניק פון אירע פּראָדוקטן — אַ ביסל קוילן און בוימוואָל און פירט אַרויס נ אָ ר מאַראַנצן.

פון דעם דרינגט, אַז פּאַלעסטינע איז פאַר ענגלאַנד נישט קיין קאָלאָניע אין דעם איינפאַכן אימפּעריאַליסטישן זין, און אַז ענגלאַנדס אינטערעסן דאָ זענען נישט קיין דירעקט ווירטשאַפטלעכע, נאָר סטראַטעגישע, און פּאָליטישע, ווי מיר האָבן עס פריער געזען. אומדירעקט, פאַרשטייט זיך, האָט זי אַ ווירטשאַפטלעכע באַדייטונג, וועלכע ווערט גרעסער פאַר די לעצטע יאָרן און רופט אַרויס אַ געוויסע ענדערונג אין דער אינערלעכער פּאָליטיק פון ענגלאַנד אין ארץ־ישראל. דאָ האָבן מיר אין זינען די נאָענטקייט פון פּאַלעסטינע צו מאָסול און מעסאָפּאָטאַמיע מיט אירע רייכע נאַפט־קוואַלן, וועגן וועלכע עס גייט דער שטילער קאַמף צווישן ענגלאַנד און פראַנקרייך. אין דעם דאָזיקן קאַמף האָט געזיגט ענגלאַנד, און די נאַפט־רערן פון מאָסול וועלן גיין נישט דורך דער פראַנצויזיש־סירישער אַלעקסאַנדרעטע, נאָר דורך דער ענגליש־פּאַלעסטינער חיפה. דאָס שאַפט שוין די נויטווענדיקייט דורכצופירן די באַן־ליניע קיין חיפה און צו בויען דעם נייעם פּאָרט אין חיפה. גענויער וועלן מיר זיך נאָך דערויף אָפּשטעלן ווייטער.

דאָ דאַרפן נאָר פעסטגעשטעלט ווערן די סטראַטעגיש־פּאָליטישע אינטערעסן, וועלכע האָבן באַוויגן ענגלאַנד צו אָקופּירן — אין דער אָדער יענער פאָרם פון אינטערנאַציאָנאַלן רעכט — ארץ־ישראל. די דאָזיקע אינטערעסן ליגן אין יסוד פון דער בריטישער פּאָליטיק אין לאַנד, און דיביידע נישט דערפילטע הבטחות זענען עס דאָס ווערקצייג, מיט וועלכער די פּאָליטיק ווערט פאַרווירקלעכט.

---

2. די גרונד־שטריכן פון דער פּאָליטיק פון ענגלישן אימ־פּעריאַליזם אין פּאַלעסטינע

אויב אין דער מלחמה־צייט זענען די ביידע הבטחות געווען נאָר מיטלען, ווי צו קריגן מער פאַרבינדעטע און אַלעמען שפּעטער נאָך דער מלחמה אָפּנאַרן און דערגרייכן די אייגענע צילן, זענען די זעלבע צוויי הבטחות, ווען עס איז געקומען די צייט זיי צו פאַרווירקלעכן, אָדער אָפּזאָגן זיך פון זיי, געוואָרן די אויסגאַנגס־פּונקטן פאַר צוויי פאַרשידענע אָריענטאַציעס אין די רייען פון די ענגלישע פּאָליטיקער, אומאָפּהענגיק פון זייער פּאָליטי־שער פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט אין לאָנדאָן.

עס האָט זיך כּלל נישט געהאַנדלט וועגן דעם, וועלכע פון די קעגנזייטיקע הבטחות צו פאַרווירקלעכן צוליב יושר און גערעכטיקייט. עס האָט זיך אויך נישט געהאַנדלט וועגן דערפילן די אָדער יענע פליכט, — די עטיק פון דער דיפּלאָמאַטיע איז די געוויינלעכע עטיק פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, אַ קלאַסן־עטיק. אַלס עטיש ווערט דערקלערט דאָס, וואָס עס לוינט דעם הערשנ־דיקן קלאַס און פּאַסט צונויף מיט זיינע קלאַסן־אינטערעסן. דאָ האָט זיך מער געהאַנדלט וועגן דעם, וועלכער פון די דאָזיקע צוויי וועגן — די אָריענטאַציע אויף דער פּאַן־אַראַבישער מלוכה און קאַליפאַט, אָדער אויף דער יידישער נאַציאָנאַלער היים, ברענגט זיכערער צום אייגנטלעכן ציל: צו באַהערשן פּאַלעסטינע און זיך דאָרט פאַרפעסטיקן.

טשערטשיל און זיינע אָנהענגער, ווי לאָרענס, קלייטאָן, פילבי, קעפּטען גאַרדאָן קענינג און אַנדערע, האָבן די גאַנצע צייט געפירט זייער פּראָ־אַראַבישע פּאָליטיק אין דעם קאָלאָניאַל־אַמט, און אונטער זייער השפּעה זענען געמאַכט געוואָרן אַ סך הנחות די אַראַבער: דער פאָרשלאַג וועגן אַ באַראַטנדיקער אינסטאַנץ ביים נציב העליון אין א״י אין באַשטאַנד פון זעקס מאַכמעדאַנער, צוויי קריסטן, צוויי יידן און צען באַשטימטע פון דער רעגירונג, דער צווייטער פאָרשלאַג וועגן דער אַראַבישער אַגענץ, די הילף פאַר איבן־סאאוד און די וואַהאַביטן ביים פאַרנעמען מעקאַ מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, וכדומה.

באַלפור און זיינע אָנהענגער האָבן, פון דער צווייטער זייט, פאָרטגעזעצט זייער פּראָ־יידישע פּאָליטיק, אָבער סיי די, און סיי יענע האָבן נישט געהאַט אין זינען נישט די אינטערעסן פון די אַראַבער

און נישט פון די יידן, נאָר די אינטערעסן פון הייגטיקן ענגלאַנד, די אינטערעסן פון ענגלישן קאַפּיטאַליזם.

און די פּאָליטיק, וועלכע די ענגלישע אַדמיניסטראַציע האָט געפירט אויפן אָרט, איז געווען אַ פּועל יוצא אין ערשטער ריי פון די אינטערעסן פון ענגלאַנד, אין דער צווייטער ריי — פון דעם ייתרצו אין ענגלאַנדס פּאָליטיק גופא בנוגע דער באַפרידיקונג פון די דאָזיקע אינטערעסן. אויב הערבערט סאַמועל, דער ערשטער נציב, איז געווען דער פּראָ-יידישער, וועלכער האָט אָבער מורא געהאַט צו פיל צו בויגן אויף דער יידישער זייט, בכדי מען זאָל אים נישט באַשולדיקן אין פּאַרטייאישקייט, און דעריבער געבויגן דעם שטעקן אַלע מאָל אויף דער אַראַבישער זייט (די באַגרענצונג פון דער יידישער איינוואַנדערונג אין יאָר 1921, די באַראַטנדיקע אינסטאַנץ וכדומה), איז פּלומער, דער צווייטער נציב, געווען דער באמת נייטראַלער, מיליטערישער נציב, וועלכער האָט נישט געפירט נישט קיין פּראָ־אַראַבישע און נישט קיין פּראָ־יידישע פּאָליטיק, און בלויז געזאָרגט פאַר אָרדנונג און פאַרפעסטיקונג פון ענגלאַנד אויף דער זייט סועץ. לאָרד טשענסלאָר איז שוין געווען דער פּראָ־אַראַבישער נציב. וועל־כער האָט אין דער צייט פון דער באַגרענעצטער יידישער איינוואַנ־דערונג אַריינגעלאָזן מאַסן אַראַבער פון דרום און מדבר אינגאַנצן אָן שום קאָנטראָל.

דער צוועק איז אָבער ביי זיי אַלע געווען איינער: פאַרפעסטיקן די אָקופּאַציע, און דאָס איז דערגרייכט געוואָרן מיט די אַלטע אויסגעפּרוווטע מיטלען פון דער קאָלאָניאַלער אימפּעריאַליסטישער פּאָליטיק, וואָס איר וויכטיקסטער פּרינציפּ איז—אויפצובלאָזן אַלע מעג־לעכע נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע קאָנפליקטן צווישן דער אָרטיקער באַפעלקערונג און מאַכן זיך אויף אַזאַ אופן נויטווענדיק אין לאַנד, אַלס דעם שליש, אָן וועלכן די באַפעלקערונג וואָלט זיך אַליין אויס־געשאָכטן. דער אַלטער פאַרשריגענער פּרינציפּ פון דער רוימישער אימפּעריע: „צעטייל און הערש״—איז געבליבן נאָך צוויי טויזנט יאָר דער קלוגסטער פּרינציפּ צו באַהערשן אַ פרעמד לאַנד, און די רויבערישע וועלט־פּאָליטיק האָט פאַר דעם גאַנצן לאַנגן היסטאָרישן פּעריאָד נישט דערפונדן קיין בעסערע מעטאָדן און פּרינציפּן. ווייל דער תּוך פון דער פרעמדער הערשאַפט איז געבליבן נאָך צוויי טויזנט יאָר דער זעלבער: די אויסנוצונג פון די פרעמדע געביטן

פאַר אייגענע צוועקן. אויב מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק האָבן די קאָלאָניעס געדינט פאַר באַרייכערונג פון דער רוימישער מעטראָפּאָליע, וועלכע איז צום סוף פון דער רוימישער עפּאָכע געוואָרן אינגאַנצן אַ פּאַראַזיטישע, אויב זיי האָבן דאַן געדינט פאַר דער פּריוואַטער באַרייכערונג פון די סאַטראַפּן, וועלכע זענען געשיקט געוואָרן אין די קאָלאָניעס נאָכדעם, ווי זיי פלעגן פאַראָרעמט ווערן אין רוים, און נאָך אַ פּאָר יאָר פאַרוואַלטונג קומען צוריק מיט רויב פון די קאָלאָניעס, אויב דאָס איז געווען אַזוי מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק, — איז עס אַזוי געבליבן אויך ביזן היינטיקן טאָג, און אויב אַ היינטיקע קאָלאָניע באַרייכערט אין דער אָדער יענער פאָרם, דירעקטער, ווי אינדיע, אָדער אומדירעקטער, ווי פּאַלעסטינע, די מעטראָפּאָליע, באַרייכערן זיי אויך איינצייטיק די באַאַמטע, וועלכע הייסן שוין נישט היינט „סאַטראַפּן“, אָבער פירן די זעלבע פּאָליטיק בנוגע דער אָרטיקער באַפעלקערונג, די „נייטיווס“. אויב זיי באַראַבעווען נישט דירעקט די באַפעלקערונג, ווי דאָס איז געווען אַמאָל, באַקומען זיי דרייפאַכיקע געלטער אויפן חשבון פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג, אין בעסטן פאַל האָט זיך געביטן אין קלייניקייטן בלויז די אויסערלעכע פאָרם; דער תוך איז געבליבן אינגאַנצן דערזעלבער.

דאָס זענען די צוויי הויפּט־פּרינציפּן אין דער פּאָליטיק פון דער בריטישער רעגירונג אויפן אָרט: צעטייל און הערש, און די בטול־באַציונג צו דער גאַנצער אָרטיקער באַפעלקערונג.

יעדע פרעמדע הערשאַפט, אין דער אָדער יענער פאָרם, בלייבט אַלע מאָל פרעמד דער אָרטיקער באַפעלקערונג, וועלכע נויטיקט זיך אין דעם, אַז עס זאָלן נישט זיין קיין שום אויסערלעכע שטערונגען פאַר דער אַנטוויקלונג פון די אינערלעכע געזעלשאַפטלעכע כחות און פון די קלאַסן־קעגנזאַצן אינערהאַלב דער געזעלשאַפט. דעריבער שטרעבט יעדעס אָקופּירטע לאַנד פרייער אָדער שפּעטער זיך צו באַפרייען פון דער פרעמדער הערשאַפט, וועלכע זוכט אירע אייגענע נוצן אין לאַנד און נישט די טובה פון דער אָרטיקער געזעלשאַפט. קלאָר, אַז נישט אַלע קלאַסן פון דער אָרטיקער געזעלשאַפט זענען גלייך פאַראינטערעסירט אין דער אָפּשאַפונג פון דער פרעמדער אָקופּאַציע־מאַכט. אדרבה, אין דער געשיכטע געפינען מיר אַ סך ביישפּילן, ווען געוויסע טיילן פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג זענען דווקא פאַראינטערעסירט אין דער פרעמדער הערשאַפט. דאָס זענען

אַלעמאָל די „שפּיצן” פון דער געזעלשאַפט, די פאָרשטייער פון דער גרויס־בורזשואַזיע, פונם קלער, וועלכער שטיצט זיך אויף דער דאָזיקער בורזשואַזיע, ווי מיר האָבן עס געזען ביי די צדוקים אין דעם פעריאָד פון דער רוימישער הערשאַפט אין א״י, ביי די אַזוי־גערופענע „אוגאָדאָווצעס” אין פוילן, ביי דער „סוואראדזש”־פּאַרטיי אין אינדיע, ביי די ליבעראַלן אין מצרים און ווי מיר זעען עס איצט ביי די אַראַבישע פּ״י אין פּאַלעסטינע.

אָבער אַלע איבעריקע גרופּן: דער גרויסער המון מיטל־ביר־גערטום, קליין־בירגערטום, און הויפּטזעכלעך די פּראָלעטאַרישע שיכטן, ווען זיי דערגרייכן אַ געוויסע מדרגה פון קלאַסן־באַוווסטזיין, זיי אַלע מוזן זיין קעגן דער פרעמדער אָקופּאַציע־מאַכט. דעריבער דראָט דער אימפּעריאַליסטישער פרעמדער מאַכט כסדר די סכּנה, אַז ווען די גרויסע מאַסע פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג וועט דערגרייכן צו דער געהעריקער מדרגה פון באַוווסטזיין, וועט זי אויפשטיין קעגן דעם אָקופּאַנט. דער לעצטער מוז עס פאָרויסזען און באַצייטנס שטערן אָט די געזעלשאַפטלעכע אַנטוויקלונג. די אָקופּאַציע־מאַכט מוז אָפּווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון די מאַסן פון איר הויפּט־שונא און שאַפן אינערלעכע סכסוכים אין דער באַ־פעלקערונג גופא. דערמיט ווערט דערגרייכט דער ציל, וואָס אין דער אָרטיקער באַפעלקערונג איז נישטאָ קיין אייניקייט. אָנשטאָט צו באַקעמפן דעם אַלגעמיינעם שונא, באַקעמפט מען איינער דעם צווייטן. פאַרבייגייענדיק ווערט אָבער דערמיט דערגרייכט דער צווייטער צוועק, נעמלעך, וואָס די פרעמדע אָקופּאַציע־מאַכט טרעט אַרויס אַלס דער „נייטראַלער כוח”, וועלכער קומט שלום מאַכן צווישן די קעמפנדיקע גרופּן אין דער אָרטיקער באַפעלקערונג, און די לעצטע הויבט אָן זעען אין דער פרעמדער אָקופּאַציע־מאַכט דעם כח, וועלכער איז נויטווענדיק אין לאַנד, ווייל אָן אים וואָלטן געוועז שטענדיקע רייבונגען און קאַמפן. אויף אַזאַ אופן שאַפט דער פּרינ־ציפּ פון „צעטייל און הערש” דעם ריס אין דער אָרטיקער באַפעל־קערונג גופא און מאַכט דעם פרעמדן אָקופּאַנט פאַר אַ ווינטשנסווערטן עלעמענט אין אירע אויגן.

אַזאַ פּאָליטיק פירט די בריטישע אימפּעריאַליסטישע מאַכט אין אַלע אירע קאָלאָניעס מיט דערפאָלג. דאָרט, ווו די אָרטיקע באַפעל־קערונג איז פאַרשידן לויט איר נאַציאָנאַלן צוזאַמענשטעל, ווערן

אויפגעבלאָזן די נאַציאָנאַלע רייבונגען (פּאַלעסטינע); דאָרט, ווו דער אָרטיקער צוזאַמענשטעל פון דער באַפעלקערונג איז פאַרשידן לויט דער רעליגיע, ווערן צערייצט די רעליגיעזע מאָמענטן (אינדיע; דאָרט, ווו עס פעלן דיביידע פאַרשידנקייטן, נוצט מען אויס די סאָציאַלע קעגנזאַצן (אַפגאַניסטאַן). דאָס איז אָבער דער לעצטער מאָמענט און דער שוואַכסטער, און געלינגט נישט אַלע מאָל, בשעת די ערשטע צוויי ברענגען די גלענצנדסטע רעזולטאַטן.

דער דאָזיקער מעטאָד איז געשיכטלעך אויסגענוצט געוואָרן נישט נאָר דורך דער פרעמדער אָקופּאַציע־מאַכט, נאָר אויך דורך דער אָרטיקער מאַכט גופא, ווען זי האָט געזען די סכנה פאַר איר עקזיסטענץ. די צאַרישע רעגירונג האָט אין די רעוואָלוציאָנערע מאָמענטן אָנגערייצט די פּינצטערע באַפעלקערונג אויף די יידן אין גאַנץ רוסלאַנד, אין קאַווקאַז האָט זי פּראָוואָצירט די טאַטעריש־אַרמענישע שחיטה, די טערקישע רעגירונג האָט אויפגעהעצט די מאַקעדאָנער קעגן די אַרמענער, און אזוי ווייטער.

אין אינדיע איז דער נאַציאָנאַלער צוזאַמענשטעל פון דער באַפעלקערונג אַ איינהייטלעכער. דערפאַר זענען אָבער דאָרט פאַראַן די רעליגיעזע אונטערשידן, פּראָוואָצירט מען דאָרט רעליגיעזע מלחמות. אין אַפגאַניסטאַן איז די באַפעלקערונג נאַציאָנאַל און רעליגיעז איינהייטלעך – האָט דער באַוווסטער קאַפּיטאַן לאָרענס אויפגע־העצט די ווילדע אַפגאַניסטאַנישע שבטים קעגן דעם רוסאָ־פילישן אַמאַנוללא אויפן יסוד פון סאָציאַלע קעגנזאַצן צווישן די וואַנדערנדיקע שבטים און דער אויפקומענדיקער בורזשואַזיע. די דאָזיקע העצע איז נישט אינגאַנצן געלונגען און דער אָנפירער פון די שבטים כאַביבוללא, וואָס האָט באַזיגט אמאנוללאן, איז פּידוע געהרגעט געוואָרן דורך נאַדיר־כאַנען, וועלכער זעצט פאָר די פּאָליטיק פון אַמאַנוללא.

אין פּאַלעסטינע איז אין דעם פּרט פאַראַן זייער אַ גינסטיקער באָדן. דאָ עקזיסטירן סיי נאַציאָנאַלע אונטערשידן, סיי רעליגיעזע צווישן די ביידע פעלקער און אינערהאַלב דער אַראַבישער באַפעלקערונג גופא, דעריבער איז דאָ זייער לייכט צו פּראָוואָצירן די קעגנזייטיקע שחיטות און איינזייטיקע פּאָגראָמען.

אין פלוג איז עס אַ היסטאָריש אומפאַרשטענדלעכע דערשיינונג: פּאַלעסטינע איז געווען אונטער דער טערקישער הערשאַפט הונדער־

טער און טויזנטער יאָרן, יידן האָבן דאָרט געלעבט אין משך פון דער גאַנצער צייט. אמת, זיי זענען געווען סתּם יידן און נישט קיין ציוניסטן. אָבער אין משך פון די לעצטע פינף און דרייסיק יאָר פון דער טערקישער הערשאַפט זענען שוין אַריין אין לאַנד אַ סך יידן, וואָס האָבן פאַרמאָגט ציוניסטישע אידעאַלן, און דאָך איז פאַר דער לאַנגער טערקישער הערשאַפט נישט פאָרגעקומען קיין איין פּאָגראָם אויף יידן. און צוויי יאָר נאָך דעם אַריינמאַרש פון די ענגלישע חיילות אין לאַנד איז אונטער דער הערשאַפט פון דעם „ציוניסטישן" נציב העליון שוין פאָרגעקומען דער ערשטער פּאָגראָם אין ירושלים אין יאָר 1920, און אין משך פון צוועלף יאָר — גאַנצע דריי פּאָגראָמען.

די דאָזיקע אויפן ערשטן בליק אומפאַרשטענדלעכע דערשיינונג קאָן בשום אופן נישט דערקלערט ווערן, אויב מען זאָל נישט נעמען אין אַכט די ענגלישע אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק אין די קאָלאָניעס.

די פינצטערע, נידערגעשלאָגענע אַראַבישע מאַסע איז זייער לייכט אויפצוהעצן, ספּעציעל ווען מען האָט אַזעלכע גוטע אונטער־העלפער אין די אַראַבישע עפענדיס. ביי דער רעפלעקסיווער און אימפּולסיווער אָריענטאַלישער מאַסע קאָן מען אַלע מאָל געפינען איר שוואַכסטן פּונקט, צוגיסן בוימל צום פייער און זי אויפהויבן קעגן די אַנדערש דענקנדיקע, אַנדערש רעדנדיקע עלעמענטן, וואָס האָבן נאָך דערצו אַנדערע פּסיכאָלאָגישע אייגנשאַפטן, אַנדערע קולטורעלע באַדערפענישן און מנהגים. אין אָריענט פעלט בכלל נישט קיין ברען־שטאָף. פון די פּאָגראָמען, וואָס ווערן פּראָוואָצירט דורך דער רעגי־רונג, מאַכט מען דעם אויספיר, אַז דאָס אַראַבישע פאָלק איז נישט דערוואַקסן צו פּאָליטישער זעלבשטענדיקייט, און דעריבער מוז דער געדאַנק וועגן דער פּאַן־אַראַבישער מלוכה אָפּגעלייגט ווערן ביז דאָס פאָלק וועט ווערן קולטורעלער, וואָרום אַז נישט, וועט עס דאָך אויסשעכטן די אַנדערע נאַציאָנאַלע גרופּן. איז שוין בכן דאָ דער נויטיקער מאָטיוו צו באַרעכטיקן אין די אויגן פון דער „עפנטלעכער מיינונג" (פעלקער־ליגע), פאַרוואָס מען קען נישט האַלטן די הבטחה, וואָס מ'האָט געגעבן די אַראַבער.

מען איבערצייגט גלייכצייטיק, אַז עס איז נאָך פרי צו רעדן וועגן אַ יידישער נאַציאָנאַלער היים, כּל זמן עס עקזיסטירט די פינצטערע אַראַבישע מאַסע, וועלכע רעאַגירט אויף דער באַלפור־

יעקלאַראַציע מיט פּאָגראָמען. מען מוז אַלזאָ אָפּוואַרטן אויך מיט דער פאַרווירקלעכונג פון דער הבטחה פאַר יידן. און באמת נאָך דעם פּאָגראָם אין יפו און די אָנפאַלן אויף די יידישע קאָלאָניעס אין יאָר 1921, הגם עס איז קלאָר געווען פאַר אַלעמען, אַז די יידן זענען נאָט די נשמה שולדיק, האָט מען דאָך פאַרמשפּט יידן און איינגעפירט די גרעסטע באַגרענצונגען פאַר דער יידישער איינוואַנדערונג. און איצט, נאָך די פּאָגראָמען פון 1929 חזרט זיך דאָס איבער אין אַ גרעסערער מאָס.

ווערט אגב פאַר דער בירגערלעכער וועלט געשאַפן די פאָרשטעלונג, אַז פּאַלעסטינע איז אַ ווולקאַן, אַז דאָ לעבן אַזעלכע נאַציאָנאַל־פאַרשידענע קריגערישע עלעמענטן, וועלכע מען טאָר נישט איבערלאָזן אויג אויף אויג, וואָרום זיי וועלן אויסקוילענען איינער דעם צווייטן, און אויב אַזוי איז ווידער דער אויספיר, אַז ענגלאַנד, איר אַדמיניסטראַציע, איז נויטווענדיק אין לאַנד, אַז זי ברענגט עס אַריין אָרדנונג און אָן איר וועט דאָס גאַנצע לאַנד, חלילה, אונטערגעצונדן ווערן.

דאָס איז דער אלף און דער תיו פון דער בריטישער פּאָליטיק אין פּאַלעסטינע. דערפון שטאַמען שוין נאַטירלעכערהייט די אייגנשאַפטן פון דער אַדמיניסטראַציע. וויבאַלד די אָרטיקע באַפעלקערונג ווערט נאָר אַ מיטל צום צוועק, אַ מיטל ווי אַזוי צו באַרעכטיקן די אָקופּאַציע, האָט זי שוין פאַר זיך קיין שום ווערט נישט און די „נייטיווס" — די איינגעבוירענע — ווערן פאַררעכנט פאַר בירגער פון דער צווייטער מדרגה, בנוגע צו וועמען אַלץ איז דערלויבט. די באַפעלקערונג פון לאַנד באַשטייט אַלזאָ פון אַ קליינער גרופּע ענגלישע באַאַמטע, וועלכע גילטן ווי אמתע בירגער, הגם זיי האָבן נישט קיין פּאַלעסטינער בירגערשאַפט, און פון די איבריקע — יידן און אַראַבער, — וועלכע ווערן בלויז טאָלערירט און אויסגענוצט, הגם זייער איבערוויגנדיקע מערהייט האָט פּאַלעסטינער בירגערשאַפט. דעם אמת זאָגנדיק, איז אפילו דער ענגלישער באַאַמטער, מעג ער פאַרנעמען איינע פון די העכסטע שטעלן, קוים האָט ער דאָס אומגליק צו פאַרמאָגן יידיש בלוט אין זיינע אָדערן, מעג ער אויך זיין אַ געשרער ענגלישער בירגער פון גרויס-בריטאַניע, — ווערט ער אויך פאַררעכנט פאַר אַ „נייטיוו"...

דער דאָזיקער מאָמענט וועט נאָך בולטער אַרויסקומען, ווען מיר וועלן שפּעטער זיך אָפּשטעלן אויף דער געזעצגעבערישער טעטיקייט פון דער ענגלישער אַדמיניסטראַציע.

3. ווירטשאפטלעך-פינאנציעלע פאליטיק פון דער ענגלישער אקופאציע-מאכט.

היות ווי די בריטישע רעגירונג, ווי מיר האבן געזען פריער, האט נישט קיין דירעקטע ווירטשאפטלעכע צוועקן אין פאלעסטינע — יעדנפאלס איז עס אזוי געווען ביז פאר די לעצטע צוויי יאר — איז קלאר, אז די רעגירונג האט לחלוטין נישט געלייגט קיין אכט אויף דער ווירטשאפטלעכער אנטוויקלונג פון לאנד. איר גאנצע אויפמערקזאמקייט האט זי געווידמעט דעם שפיל פון די געזעלשאפטלעכע כחות אין דער פאליטיק, און די ווירטשאפט פון לאנד איז איבערגעלאזן געווארן פון איין זייט דער ציוניסטישער באוועגונג, וועלכע האט גוט צי שלעכט, געשטרעבט, לויט איר שכל און אינטערעסן, צו אנטוויקלען די ווירטשאפט, און פון דער אנדערער זייט — דעם נאטירלעכן גאנג פון די געשעענישן, אריינמישנדיק זיך פון צייט צו צייט גריילעך נישט לטובת דער אנטוויקלונג פון לאנד.

און, נאך מער, די רעגירונג האט נישט נאר נישט אנגעווענדעט קיין שום מאסמיטלען צו אנטוויקלען די ווירטשאפט; זי האט זיך אפילו נישט געגעבן די טרחה אפצושאפן די שטערונגען, וועלכע זענען געלעגן אויפן וועג פון דער אנטוויקלונג פון דער ווירטשאפט.

ווען איר קוקט דורך די בודזשעטן פון דער רעגירונג פאר די לעצטע צען יאר, קאנט איר זיך איבערצייגן, אז פון די מיליאניקע סומען זענען אפילו קיין פונטן נישט אויסגעגעבן געווארן אויף דער אנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע אדער לאנדווירטשאפט. אויב אין די ערשטע דריי בודזשעט-יארן (1920–21, 1921–22, 1922–23) געפינען מיר נאך קליינע סומען געווידמעט דעם האנדל און דער אינדוסטריע, ווי 15.409, 13.791, 9.591, פארשווינדן די דאזיקע רובריקן שוין לגמרי אין די שפעטערדיקע יארן. די גאנצע בודזשעטן זענען געווידמעט די אדמיניסטראטיווע אפטיילונגען, פאסט, באן און טעלעגראף, און הויפטזעכלעך דער פאליציי. עס זענען דא היבשע סומען אויף געזעלשאפטלעכע ארבעטן, וואס עס מיינט הויפטזעכלעך דורכפירן שאסייען. א ריזיקן טייל פון די בודזשעטן פארנעמען די צאלונגען פארן חוב דער צענטראלער רעגירונג, און פאר די לעצטע צוויי יאר אויך די פראצענטן פאר דער נייער הלואה, וואס אין אנטשטאנען דערפון, וואס די היגע רעגירונג האט איבערגענומען פון

דער בריטישער די באַנען, שאָסייען, וואַגאָנען און אויך דעם חלק פון דעם אַלטן טערקישן חוב, וואָס פאַלט אויף פאַלעסטינע.

די בייגעלייגטע טאַבעלע 19 ווייזט באַשיימפערלעך די פאַנאַנדערטיילונג פון די ביודזשעטן. פון דער טאַבעלע איז צו זען, ווי עס האַלטן אין איין כסדרדיקן פאַרגרעסערן זיך די רובריקן אויף באַנען, געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן (שאָסייען) און הויפּטזעכלעך אויף פאַרשידענערליי פּאָליציי. דאָס זענען טיילן פון ביודזשעט, וועלכע זענען אומדירעקט געבונדן מיט די צילן פון דער אָקופּאַציע, דאָס הייסט — גוטע קאָמוניקאַציע און אָרדנונג אין אָקופּירטן לאַנד, בכדי קיין זאַך זאָל נישט דראָען דער הערשאַפט.

ווי געזאָגט, האָט די רעגירונג לחלוטין נישט געטראַכט אָפּצוּרוימען די שטערונגען פונם וועג פון דערווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פון לאַנד. אין דעם פּרט איז ספּעציעל אינטערעסאַנט דער שטייערן-סיסטעם. ראשית, די צאָלן פון אים דער אַלטער טערקישער געזעץ באַשטימט איין אָפּצאָל פאַר אַלערליי נויטיקע לעבנס־מיטל, ווי לוקסוס-סחורות — פאַר אַלץ האָט מען געדאַרפט אָפּצאָלן עלף פּראָצענט. קלאָר, אַז אַזאַ אָפּצאָל שטערט דער אַנטוויקלונג פון דער אָרטיקער אינדוסטריע. ווען פאַר רוי - שטאָפן, וועלכע מען דאַרף האָבן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער אָרטיקער פּראָדוקציע, דאַרף מען צאָלן אַזאַ גרויסן צאָל, ווי פאַר פאַרטיקע אויסאַרבעטונגען, פאַרטייערט עס די אָרטיקע פּראָדוקטן און זיי קאָנען נישט קאָנקורירן אויפן אויסערלעכן מאַרק. אמת, פאַר די לעצטע יאָרן ווערן שוין געמאַכט אַ סך אויסנאַמען פון דער דאָזיקער אַלגעמיינער צאָל-פּאָליטיק. אָבער אין די ערשטע יאָרן האָט די דאָזיקע פּאָליטיק ממש פּאַראַליזירט די אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע.

והשנית, די עקזיסטירנדיקע שטייערן אויפן שטאָטישן און דאָרפישן באָדן, דער אַזוי גערופענער עושר, וועלכער דערגרייכט צען פּראָצענט פון דעם שניט ברוטאָ און דערציבער מאַכט ער אויס אָפּטמאָל אַ העלפט און מער פון דער גאַנצער ריינער הכנסה—אַזאַ שטייער קאָן נישט נאָר נישט העלפן זיך אָרגאַניזירן נייע ווירטשאַפטן, נאָר ער גראָבט אונטער די שוין עקזיסטירנדיקע.

ארץ ישראל איז זייער אָרעם אין וועלדער, פון וועלכע עס האָבן גאָר אַ תל געמאַכט די טערקן אין דער לעצטער מלחמה. קיין אָנשטרענגונגען מצד דער רעגירונג אויף דעם געביט ווערן נישט געמאַכט.

עס זענען נאָך דאָ אַ סך באָדנס, וואָס געהערן דער רעגירונג, דאָס איז דער אַזוי גערופענער „דזשיפטליק״־באָדן, וואָס האָט פריער געהערט דעם סולטאַן. דער באָדן ליגט פוסט, און דאַכט זיך, אַז די ערשטע אויפגאַבע פון אַ רעגירונג, וועלכע זאָרגט פאַר דער אַנטוויקלונג פון לאַנד, האָט געדאַרפט זיין — פאַרטיילן דעם באָדן צווישן יענע. וואָס ווילן אים באַאַרבעטן.

אין דעם פרט איז זייער כאַראַקטעריסטיש, אַז פאַר יידישער קאָלאָניזאַציע האָט מען איבערגעגעבן בלויז דער געזעלשאַפט „פיקא״ די קאָנצעסיע אויסצוטריקענען די בלאָטעס פון קאַבאַר נעבן זכרון, וואָס קאָסט אָפּ אַ קאָלאָסאַלע סומע.

פאַרקערט, אַ טייל אַראַבער איז יאָ איבערגעגעבן געוואָרן באָדן. לאָמיר אָבער זען, ווי אַזוי? פון דעם מיליאָן דזשיפטליק־באָדן געפינט זיך אַן ערך 600 טויזנט דונאַם אין עמק הירדן. צוליב דער גוטער באַוואָסערונג איז דער באָדן גוט פאַר אינטענסיווער ווירט־שאַפט. האָט די רעגירונג צוטיילט די באָדנס אין בית שאן כלומרשט דער אַראַבישער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג אויף זייער גינסטיקע באַדינגונגען: יעדע משפחה באַקומט נישט ווייניקער ווי הונדערט פופציק דונאַם, אַ משפחה פון העכער פינף נפשות באַקומט נאָך דרייסיק דונאַם — צו אַ פונט מיט פופציק פּיאַסטער אַ דונאַם, אויס־צוצאָלן אין משך פון פופצן יאָר, דערביי די ערשטע פינף יאָר אָן פּראָצענט און די איבעריקע צען יאָר אויף זעקס אַ האַלב פּראָצענט.

די קאָמיסיע, צוזאַמענגעשטעלט פון פאָרשטייער פון דער רעגי־רונג און פון די אַרענדאַטאָרס, די פעלאַכן, אַרבעט שוין זיבן יאָר און האָט שוין צעטיילט דעם באָדן אין אַ ערך דרייסיק דערפער. דאָ ברענגען מיר אַ פּאָר פרטים פון דער פאַנאַנדערטיילונג, ווי עס גיט זיי אָן פּ. וואָלף אין „דבר״ פון אַכטן נאָ־וועמבער 1929.

א) איין דאָרף תל־שוק, וואָס זיין שטח איז 4000 דונאַם, איז, צעטיילט געוואָרן אויף אַזאַ אופן: צלח חסן רבעים האָט באַקומען 109 דונאַם, מלכה די טאָכטער פון נירינס איללני און איר שוועסטער פון חיפה — 2081 דונאַם, יוסף כי אמין אל רום פון מצרים — 1041, אמין נוברין קרם אל רום — 347 דונאַם. צוזאַמען דריי מיטגלידער פון דער משפחה אל־רום — 3469, דער איבריקער באָדן (422 דונאַם)

איז בלאָטעס און אַלטערטימלעכקייטן, וואָס איז געבליבן אין די הענט פון די רעגירונג.

ב) דער דאָרף אשרפית גוזמה: די פרוי גוברין פון נצרת—1380 דונאַם, יוסף זמרעק פון דמשק—350, לורי ג׳ורג חרד פון ביירוט—1700, אלים אבד־אללא — 350, עבדול והב אל מחלבי — 100 דונאַם.

ג) דער דאָרף אשרפית עבדול הדי, וואָס זיין שטח זענען טויזנטער דונאַמען איז איבערגעבן געוואָרן אין גאַנצן צו רושדי עבדול הדי און אייניקע פון זיינע קרובים.

ד) דער שטח המרה, וואָס אויף אים לאַגערט אַ טייל פון שבט סגר (דער שבט, וועלכער איז אַנגעפאַלן אויף בית־אלפא בעת די לעצטע געשעענישן — נ.) איז צוטיילט געוואָרן נאָך היינטיקס יאָר און דער אָנהויב פון דער צוטיילונגס־רשימה שטעלט זיך פאָר אויף פאָלגנדן אופן: 1) דריי ווייבער און דריי קינדער פון פארשטאָרבענעם יוסף אבמן מוטלג — 1650 דונאַם. 2) דריי ווייבער און פיר קינדער פון פארשטאָרבענעם מוטלג אחסן מוטלג — 1200 דונאַם. 3) פדל אחסן מוטלג — 900. 4) פדל אחסן מוטלג — 750 דונאַם.

אמת, נישט אין אַלע דערפער איז די פאַנאַנדערטיילונג איינ־געאָרדנט געוואָרן אויף אַזאַ אופן, אָבער עס זענען נאָך דאָ אַ סך פאַלן, אויסער די וואָס איך האָב דערמאָנט, וואָס דאָרט זענען ריזיקע שטחים באָדנס פארוואַנדלט געוואָרן אין לאַטיפונדיעס פון אַ נייעם שיכט עפענדיס, וואָס האָט באַקומען דעם באָדן פון דער רעגירונג כמעט ווי אומזיסט, און אויב מיר וועלן נאָך נעמען אין באַ־טראַכט, אַז פאַר אַ ווירטשאַפט איז גענוג ביי באַוואַסערטן באָדן פון 10 — 50 דונאַם, וועט אונז נאָך מער קלאָר ווערן די גרויס פון דער גזלה, וועלכע איז פאָרגעקומען דורכן איבערגעבן הונדערטער און טויזנטער דונאַמס פון דעם רעגי־רונגס־באָדן אין רשות פון ווינציקע יחידים.

און נאָך איין זאַך זעען מיר פון די רשימות פון דער אויבנ־דערמאָנטער צעטיילונג: אַ סך פון די באַלעבאַטים פון די באָדנס זענען נישט קיין איינוווינער פון די דערפער, ווו זיי האָבן באַקומען די באָדנס, און אפילו נישט קיין ארץ־ישראלדיקע איינוווינער. און אפילו דער דאָזיקער פאַקט האָט נישט אָפגעהאַלטן די קאָמיסיע פון איבערגעבן יעדן איינעם פון זיי אַ שטח, וואָס מען קאָן אויף אים אויפשטעלן אַ סך צענדליקער באַזונדערע ווירטשאַפטן. די איבער־

ראַשנדיקע פאַרשווענדעריי קאָן מען נישט דערקלערן מיט די באַדינגונגען פון קאָנטראַקט וועגן איבערגעבן דעם דזשיפּטליק־באָדן. דער קאָנטראַקט באַשטימט, אמת, נישט דעם מאַקסימאַלן שטח, וואָס מען מעג איבערגעבן אין רשות פון אַ יחיד — פונדעסטוועגן, ווען די קאָמיסיע וואָלט זיך גערעכנט מיט דעם איינציקן פונקט אַליין, אַז מען קאָן איבערגעבן די אַרענדאַטאָרס נאָר די טיילן באָדן, וואָס זענען פאַרזייט געוואָרן מיט זומערדיקע און ווינטערדיקע תבואות אין משך פון די לעצטע צוויי יאָרן, וואָלט זי נישט געקאָנט דערגיין צו אַזאַ מאָס פאַרשווענדעריי, ווייל ווי עס זאָל נישט זיין שווער צו באַשטימען די גרויס פון פאַרזייטן שטח אין יעדן דאָרף דורך יעדן איינציקן פון די אַרענדאַטאָרס, וואָלט אָבער געווען גענוג פאַר דער קאָמיסיע צו נעמען אין אַכט די צאָל איינוווינער און אַרבעטס־בהמות אין יעדן דאָרף, און די סומען פון עושר און פאַכט־געלט, וואָס איז באַצאָלט געוואָרן דורכן דאָרף אין די לעצטע צוויי יאָר, בכדי זיך צו איבערצייגן, צי די שטחים, וואָס זי האָט בדעה צו צעטיילן, האָבן געקאָנט זיין באַאַרבעט אין די לעצטע צוויי יאָר.

די רעגירונגס־צייל׳ונג אין יאָר 1922 (די ציפערן פון די פאַריקע יאָרן זענען זיכער נישט העכער פאַר די לעצטע) ווייזט, אַז אין דאָרף תל־שוק זענען דאַן געווען פופציק נפשות (צוזאַמען מיט די זקנים און בעטלערס) און אין די ביידע דערפער אשרפית (אשרפית גוזמה און אשרפית עבדול הדי צוזאַמען) — צוואַנציק נפשות. איז קלאָר פאַר יעדן בר־דעת, אַז אַזאַ צאָל איינוווינער קאָן בשום אופן נישט באַאַרבעטן אפילו אַ העלפט פון די שטחים, וואָס זענען צעטיילט געוואָרן אין די דאָזיקע דערפער, וואָס זייער באָדן פאָדערט אַ סך אַרבעטס־הענט. נאָך מער ווען דעם פאַקט באַווייזן די סומען עושר און פאַכט־געלט, וואָס זענען אויפגעמאָנט געוואָרן פון די דאָזיקע דערפער אין משך פון די יאָרן.

דער דאָרף תל־שוק האָט אַרייַנגעטראָגן אין יאָר 1921 — פונט און אין יאָר 1922—31 פונט, דער דאָרף אשרפית גוזמה האָט אַרייַנ־געטראָגן אין יאָר 1921 — 35 פונט, און אין יאָר 1922 — 52 פונט, דער דאָרף אשרפית עבדול הדי אין יאָר 1921 — 38 פונט, און אין יאָר 1922 — 18 פונט.

די טאַבעלן פון די שטייערן פון די איבעריקע דערפער און

נחלאות אין לאַנד און אפילו אין רושיפּסליק־באָדן באַווייזן, אַז יעדע ווירטשאַפט, וואָס באַאַרבעט 150 דונאַם, טראָגט אַריין פון פינף ביז צען פּונט — דעריבער האָבן אין דאָרף תל־שוק נישט געקאָנט זיין באַאַרבעט אין די דאָזיקע יאָרן מער ווי 1200 דונאַם און צעטיילט זענען געוואָרן 3578 דונאַם. און אין די ביידע אשפריתן צוזאַמען — נישט מער ווי 2100 דונאַם!

די דאָזיקע גלענצנדיקע צעטיילונג איז געווען די איינציקע פאַר דער גאַנצער צען־יאָריקער הערשאַפט פון דער אָקופּאַציע. און דאָס איז אין דערזועלבער צייט, ווען עס קומען טויזנטער יונגע לייט, מעגן זיי זיין אפילו יידן, וואָס ווילן אַליין באַאַרבעטן באָדן. אגב, די צע־טיילונג פון בית־שאן וואָלט געקאָנט דינען פאַר אַ גוטן באַווייז פאַר די שונאי־ציון פון כלערליי מינים, וועלכע דאגהן אַזוי שטאַרק פאַר דעם „אַראָפּטרייבן" פעלאַכן פון באָדן. די צעטיילונג באַווייזט, אַז עס איז נאָך דאָ גענוג פרייער באָדן, נאָר די רעגירונג זאָרגט דערפאַר, עס זאָלן אַנטשטיין נייע עפענדיס, און די ווירטשאַפטלעכע אַנטוויקלונג פון לאַנד גייט איר אָן ווי דער פאַראַיאָריקער שניי. די עפענדיס זענען פאַר איר אימפּעריאַליסטישער הערשאַפט אַ בעסערע שטיצע ווי אַרבעטנדיקע פעלאַכן אָדער יידישע אַרבעטער אין דאָרף.

פאַר די לעצטע צוויי יאָר איז אָבער דאָך פאָרגעקומען אַ געוויסע ענדערונג אין דער ווירטשאַפטלעכער פּאָליטיק פון דער רעגירונג. די ענדערונג איז געקומען נישט פון אַ געענדערטער פּאָליטיק אין ארץ־ישראל גופא, נאָר איז אַ פועל־יוצא פון דער געענדערטער פּאָליטיק אין מצרים.

עס איז קלאָר געווען, אַז אין מצרים וועט מען מוזן גיין אויף געוויסע הנחות, און אויב די הנחות, וועלכע מיר זעען אין דעם נייעם ענגליש־עגיפּטישן הסכם, זענען מער אויסערלעכע ווי אין תוך, פונדעסטוועגן האָט שוין די ענגלישע רעגירונג זיך געמוזט פאַרטראַכטן און צוגרייטן אַ ווירטשאַפטלעכן יסוד פאַר איר זיין אין ארץ ישראל. מען האָט געמוזט צוגרייטן, אַז דאָס לאַנד זאָל קאָנען אויפנעמען אַ גרעסערע צאָל מיליטער און באַאמטע. צוליב דעם האָט מען געדאַרפט אין דער ערשטער ריי איינשטילן די סאָציאַלע רייבונגען, וועלכע זענען געווען אַ פועל יוצא פון דעם קריזיס אין דער ווירטשאַפט. דערמיט ווערט דערקלערט דאָס, וואָס די רעגירונג האָט זיך מער פאַראינטערעסירט מיט די יידישע אַרבעטסלאָזע און

באַשעפטיקט זיי ביי געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן; דערמיט ווערט אויך דערקלערט די ענדערונג פון דער צאָל־פּאָליטיק און געוויסע סומען אויף דער אַנטוויקלונג פון לאַנדווירטשאַפט און אינדוסטריע.

דאָ שפּילט אַ ראָל אויך דער מאָמענט, וועלכן מיר האָבן דערמאָנט אויבן. פּונקט ווי אין דער שטרעבונג צו באַהערשן די ים־וועגן קיין אינדיע, האָט ענגלאַנד פאַרבייגייענדיק דערוואָרבן אַ פעטן ביסן אין מצרים, אַלס קאָלאָניע פאַר זיך, אַזוי האָט זי אויך אין דער שטרעבונג צו באַהערשן די וועגן קיין אינדיע פון דער צווייטער זייט פון סועץ־קאַנאַל, דערוואָרבן פּאַלעסטינע, וועלכע איז אייגנטלעך פאַר זיך נישט קיין קאָלאָניע פאַר ענגלאַנד, נאָר אַ דערגענטערונג צו די נאַפט־קוואַלן פון מאָסול אין מעסאָפּאָ־טאַמיע (איראַק). די „טערקיש אויל קאָמפּאַניע" איז צוגעטרעטן צו עקספּלואַטירן די דאָזיקע נאַפט־קוואַלן. אָבער אין איר נעמען אָנטייל נישט נאָר די צוויי באַוווסטע ענגלישע פירמעס: „פּערסיען אויל קאָמפּאַני" און „ראָיאַל־דוטש", נאָר נאָך אַן אַמעריקאַנישע און פראַנ־צויזישע געזעלשאַפט. נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען איז דערגרייכט געוואָרן אַ הסכם צווישן די ענגלישע און נישט־ענגלישע אַקציאָנערן. פון די אַקציעס פון „טערקיש אויל קאָמפּאַניע" באַקומט יעדע פון די געזעלשאַפטן 23,75 פּראָצענט, און די איבריקע 5 פּראָצענט געהערן אַן אַרמענער גילביאַנקיאַן. דורך דער פאַרטיילונג איז פאַרקלענערט געוואָרן דער חלק פון די בריטישע געזעלשאַפטן אין דעם טרעסט, אָבער יעדנפאַלס איז ער גלייך צו די חלקים פון דער אַמעריקאַנער און פראַנצויזישער געזעלשאַפטן צוזאַמען. אין אָקטאָבער 1927 איז אויסגעבראָכן אין די נאַפט־פעלדער אין איראַק אַ ריזן־נאַפט־פאָנטאַן, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן אין די ערשטע 24 שעה — 500 טאָן. („דבר" פון 26־טן פעברואַר 1930)

דאַן איז אַנטשטאַנען די פראַגע פון טראַנספּאָרט פון נאַפט. אַרום דער פראַגע האָט אויפגעפלאַקערט אַ קאַמף צווישן די ביידע אימפּעריאַליסטישע מלוכות — ענגלאַנד און פראַנקרייך, — יעדע האָט געוואָלט באַהערשן די נאַפט־וועגן, ווייל דערמיט וואָלט זיך פאַר־שטאַרקט איר הערשאַפט איבער די קוואַלן גופא.

דערפון האָט זיך גענומען די הילף פון ענגלאַנד פאַר דעם אויפ־שטאַנד פון די דרוזן אין סיריען, און די הילף, וואָס די פראַנצויזן האָבן אומבאַמערקטערהייט געגעבן די בעדואינער פון עבר הירדן, בעת די

יעצטע געשעענישן אין ארץ־ישראל, הגם אָפיציעל האָט מען אין די ביידע פאַלן שטאַרק פאַרטיידיקט די נייטראַליטעט.

דער קאַמף אַרום מאָסול האָט זיך פאַרענדיקט מיטן זיג פון ענגלאַנד. די רערן פון די נאַפט־קוואַלן וועלן געפירט ווערן נישט דורך דער סירישער אַלעקסאַנדרעטא, נאָר דורך דער פּאַלעסטינער חיפה. צו דעם צוועק מוז מען ווירטשאַפטלעך אַנטוויקלען חיפה, זי זאָל קאָנען קאָנקורירן מיט ביירוט אין גאַנצן האַנדל מיטן אָריענט. דעריבער ווערט די באַן־ליניע געפירט פּאַראַלעל מיט די רערן צו חיפה; דער־מיט ווערט דערקלערט דאָס, וואָס די רעגירונג האָט לעצטנס אָנגע־הויבן בויען דעם האַפן אין חיפה. אמת, חיפה האָט טאַקע אַ גינ־סטיקערן אָרט פאַרן האַפן, דעם קלענעם ים־אויסגוס צווישן חיפה און עכו, אָבער לויט דער גאַנצער אַנטוויקלונג פון דער ווירטשאַפט, האָט דער האַפן געדאַרפט זיין אין יפו. יפו איז דער צענטער פון יהודה און שרון, ווו עס זענען דאָ כמעט אַלע פרדסים פון ארץ ישראל, און די מאַראַנצן זענען דאָך דער וויכטיקסטער אַרטיקל פון עקספּאָרט, אָבער צוליב די נאַפט־קוואַלן אין מאָסול האָט מען געמוזט ווענדן די אויפמערקזאַמקייט אויף חיפה.

אמת, פאַר דער אַנטוויקלונג פון חיפה איז דאָ אַ צווייטער וויכטיקער מאָמענט: ענגלאַנד זוכט אַ צווייטן וועג קיין אינדיע אַ חוץ דורכן סועץ־קאַנאַל: אַ דירעקטע באַן־ליניע פון אַ בריטישן פּאָרט אויפן מיטללענדישן ים דורך באַגדאַד ביז דעם פּערסישן ים־אויסגוס — דאָס איז אַ נייער טויער צום ווייטן מזרח און צו אינדיע. כדי צו פאַרזיכערן דעם דאָזיקן וועג און אים דורכפירן נאָר דורך ענגלישן געביט, איז אָרגאַניזירט געוואָרן אויך אַן ענערגישע פּאָלי־טישע אַקציע. נאָך אין די יאָרן 1926־1927 האָט סער גילבערט קלייטאָן געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט איבן סאאודן וועגן דער־ווערבן אַ שמאָלן פּאַס באָדן צווישן סיריען און נעדזשעד, און איבן־סאאוד האָט געדאַרפט פאַרזיכערן דאָרט די רו, ווייל דאָרט דאַרף דורכגיין די נייע אייזנבאַן, נישט אַרויסגייענדיק אפילו אויף אַ רגע פון ענגלישן געביט.

אין יאָר 1927 האָט אַ קאָמיסיע פון ענגלישע אינזשינערן מיט מאַיאָר האָלט בראש, אָנגעהויבן שטעלן סימנים אין מדבר פאַר דער נייער אייזנבאַן־ליניע פון חיפה צום פּערסישן ים־אויסגוס, וואָס וועט גיין פּאַראַלעל צו די נאַפט־רערן מאָסול־חיפה. פאַר די אַרבעטן פון

שטעלן צייכנס און מעסטן האָבן די אינזשינערן געהאַט אין ווייער רשות 20 מאַשינען און 150 אַרבעטער. נאָך דעם איז באַשטימט געוואָרן אויך די צווייטע ליניע: דער מיטללענדישער ים – רויטער ים (חיפה–עקבה). צו דעם צוועק זענען פאַרייניקט געוואָרן צום עמיראַט פון עבר הירדן אין דער צייט פון דער מלחמה צווישן הוסיינען און איבן־סאאוד (אויפגעהעצט פאַרשטייט זיך צו דעם צוועק דורך דעם ענגלישן אימפעריאַליזם — נ.) די שטאָט מען און דער קליינער האַפן אויפן ברעג פון רויטן ים — עקבה. די העדזשאַסער באַן דערגרייכט, אמת, נאָר ביז מען און פון דאָרטן ווייטער בויגט זי אָפּ גלייך אין דרום אינערהאַלב פון דער מלוכה. אָבער לויט די לעצטע ידיעות טרעט צו די בריטישע רעגירונג צו פאַראייניקן מען מיט עקבה מיט אַ באַזונדער אייזנבאַן־צווייג. („דבר“ פון 25־טן פעברואַר 1930).

אויף אַזאַ אופן ווערט חיפה דער צענטער פון ארץ ישראל, ווהין עס ווענדעט זיך די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט פון דער רע־גירונג, וועלכע הויבט אָן ווירטשאַפטלעך אַנטוויקלען די שטאָט.

די פּריוואַטע אונטערנעמער האָבן זיך אָנגעהויבן ציען נאָך דער רעגירונג. אויב די רעגירונג האָט פאַרלייגט אין חיפה די הויפּט אייזנבאַן־וואַרשטאַטן, האָבן די פּריוואַטע אונטערנעמער דאָרט געעפנט די גרויסע מילן. דער פּריוואַטער אונטערנעמער האָט דעם ריכטיקן חוש, און טאַקע אין חיפה האָט זיך איצט אַ דאַנק דער רעגירונג אָנגעהויבן אַ פיבערהאַפטע בוי־באַוועגונג, וואָס האָט אַ הויב געטאָן קאַלאָסאַל די פרייזן אויפן באָדן. אַט האָט נישט לאַנג גע־קויפט דער ציוניסט לאָרד מעלטשעט אַ צוואַנציק דונאַם באָדן אין דעם אָרט, ווו עס בויט זיך דער האַפן און באַצאָלט דערפאַר צוויי און צוואַנציק טויזנט פונט. און די רעגירונג מאַכט דערביי אויך נישט קיין שלעכטע געשעפטן: ווי מען דערציילט האָט די רעגירונג אויסגעטריקנט אַ געוויסן שטח באָדן אין מפרץ חיפה, פאַרשיט מיט שטיינער געוויסע שטחים פון ים און פאַרקויפט איצט צו עטלעכע פונט אַ פיק, דאָס הייסט צו אַ פינף טויזנט פונט אַ דונאַם און נאָך טייערער.

דער דאָזיקער מאָמענט פון די נאַפט־קוואַלן אין מאָסול האָט באַוויזן די רעגירונג צוזאַמען מיט דער נייער פּאָליטיק אין מצרים זיך פאַרנעמען מיט דער אַנטוויקלונג פון דער ווירטשאַפט אין פּאַ־

לעסטיגע, און אויך דער מאָמענט איז געוואָרן נאָך איין סטימול פאַר דער רעגירונג פאָרטצוזעצן די פּאָליטיק, וועלכע זי פירט פון אָנהויב אָקופּאַציע אָן.

אָט די ריכט-ליניע איז אויך קענטיק אין בולט אין דער געזעצ-געבערישער אַרבעט פון דער רעגירונג, צו וועלכע מיר גייען איצט איבער.

4. די געזעצגעבערישע טעטיקייט פון דער אָקופּאַציע-מאַכט

יעדעס לאַנד האָט זיינע געזעצגעבערישע אַנשטאַלטן, אָפּהענגיק פון דער לאַנד־קאָנסטיטוציע. ארץ-ישראל האָט אויך אַ קאָנסטיטוציע, וועלכע ווערט אויסגעשעפּט מיט איין וואָרט, און דאָס וואָרט איז: דער נציב-העליון. ער איז עס די העכסטע געזעצגעבערישע אינסטאַנץ מיט דער פולער דיסקרעציאָנס-מאַכט, דער פּוסק עליון אין אַלע פראַגן. ער גיט אַרויס פאַראָרדנונגען, וועלכע ווערן פריער פּובליקירט אַלס „פאָרשלאַגן", צו וועלכע באַזונדערע גרופּן פון דער באַפעל־קערונג קאָנען געבן זייערע אָנמערקונגען; די אָנמערקונגען ווערן אָבער זייער זעלטן גענומען אין באַטראַכט. מ׳קען אָנצייל׳ן נאָר איינצלנע פאַלן, ווען די מיינונג פון די פאַראינטערעסירטע קרייזן איז גענומען געוואָרן אין אַכט, ווי למשל, אין דעם געזעץ וועגן אומגליקספאַלן ביי דער אַרבעט איז די העכסטע פּענסיע פאַר אַן אַרבעטער, ווען ער האָט ביי דער אַרבעט פאַרלוירן אינגאַנצן די אַרבעטס־פעיקייט, געווען אין פאָרשלאַג פון דער רעגירונג — אָנדערטהאַלבן פונט אַ וואָך, די פאָרשטייער פון די אינדוסטריע האָבן געהאַלטן די פּענסיע פאַר איבערטריבן, און דער פאָרשלאַג איז באַשטעטיקט געוואָרן אַלס געזעץ מיט דער ענדערונג, אַז די העכסטע פּענסיע דאַרף זיין נאָר אַ פונט אַ וואָך. עס טרעפט אָבער אָפט, אַז עס ווערט אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדנונג פון דער רעגירונג, וועלכע באַקומט קראַפט פון געזעץ אין מאָמענט פון פאַרעפנטלעכונג, ווי דאָס איז, למשל, געווען מיט דעם נישט לאַנג דערשינענעם נייעם געזעץ וועגן פּאָליטישע פאַרברעכנס.

ארץ ישראל האָט געהאַט פאַר דער ענגלישער אָקופּאַציע אַ געזעצגעבונג אַן אַלטע נאָך פון די טערקישע צייטן, וועלכע האָט אין אַ גרויסן טייל באַזירט אויף די אַלטע טערקישע געזעצן און טייל־ווייז אויף דער פראַנצויזישער געזעצגעבונג, ספּעציעל אין די האַנדלס־

באַציונגען. דאָס זענען געווען די רעפאָרמען, וועלכע די טערקישע רעגירונג האָט איינגעפירט אין דער לעצטער העלפט פון ניינצטן יאָרהונדערט. דעריבער איז די האַנדלס-געזעצגעבונג מער וויניקער אַן אייראָפּעישע, ווי אויך די קרימינעלע, אָבער די ציווילע געזעצגעבונג און די באָדנס-געזעצן זענען אינגאַנצן געבליבן די אַלטע טערקישע, וואָס שטיצן זיך אויף דעם שאַריאַט — די הייליקע מוסולמענישע ביכער — און אויף די אַלטע באָדנס-פאַרהעלטנישן אין לאַנד. בנוגע צו די באָדנס-באַציונגען עקזיסטירט דאָ די צעטיילונג פון באָדן אויף צוויי גרויסע גרופּן, ווי „מולק" און „מירי". די ערשטע גרופּע בילדן די באָדנס, וועלכע געהערן פולשטענדיק דעם אייגנטימער און זיי ווערן באַטראַכט לויט אַלע געזעצן ווי באַוועגלעך אייגנטום. די צווייטע גרופּע בילדן די באָדנס, וועלכע געהערן אין פּרינציפּ דער רעגירונג, און וועלכע די רעגירונג פאַרדינגט, אַזוי צו זאָגן, דעם אייגנטימער. עס זענען דאָ אַ סך פּלוגתות וועגן דער אָפּשטאַמונג פון דער פאַנאַנדערטיילונג. אונז דאַכט זיך, אַז דאָס שטאַמט דערפון, וואָס די טערקישע רעגירונג איז אין איר צייט אַריינגעקומען אין לאַנד אַלס אַ פרעמדע מאַכט און האָט אָנערקענט דעם גאַנצן באָדן פאַר איר אייגנטום, אַזוי אַז די אַלטע אייגנטימער זענען געוואָרן פאַכטערס ביי דער רעגירונג; זי האָט אָבער פאַרטיילט אַ סך באָדנס אירע טערקישע בירגער אַלס פולן אייגנטום און די האָבן געבילדעט דעם „מולק". די דאָזיקע פאַרטיילונג האָט שוין לאַנג אָפּגעלעבט איר צייט, אָבער עד היום ווערט גאָרנישט געטאָן אָפּצושאַפן די דאָזיקע פאַרעלטערטע געזעצן.

אין דער ציווילער געזעצגעבונג הערשט די אַזוי גערופענע „מעדשזעלע", אַ קאָדעקס פול מיט פאַרעלטערטע געזעצן, אַ מישמאַש פון אַלטע מוסולמענישע געזעצן מיט פּרינציפּן פון רוימישן רעכט.

די ביידע קאָדעקסן זענען אפשר געווען צוגעפּאַסט צו אַ לאַנד פון אָפּגעשטאַנענער לאַנדווירטשאַפט אָן קיין שום שפּור פון אינדוסטריע און האַנדל, און אויב די ענגלישע מאַכט וואָלט געהאַט אויף איין מאָמענט אין זינען דאָס לאַנד און נישט אירע אימפּעריאַליסטישע אינטערעסן, וואָלט זי געזאָגט אויך פאַר רעפאָרמען אין דעם דאָזיקן געביט. די דאָזיקע געזעצן באַרירן אָבער נישט די אינטערעסן פון ענגלישן אימפּעריאַליזם און דעריבער זענען זיי געבליבן אָן ענדערונג, אַ חוץ איינציקע פאַלן.

אַלע פֿאַראָרדנונגען פֿון דער רעגירונג האָבן על פּי רוב דעם צוועק איינצוהאַלטן די הערשאַפֿט אין לאַנד און אויך ריין פֿיסקאַלע אינטערעסן. דעריבער האָבן מיר נייע געזעצן וועגן פּאַטענטן, וועגן די מינעראַלן אין דער ערד, וועגן האַנדלס־צייכנס, וועגן דער־פֿינדונגען, און נאָך אַזעלכע זאַכן, און אויסער דעם איז באמת רעאָרגאַניזירט געוואָרן דאָס קרימינעלע רעכט כּמעט אין גאַנצן, ווי אויך די קרימינעלע פּראָצעדור. לעצטנס איז אַרויסגעגעבן גע־וואָרן דער נייער געזעץ וועגן פּאָליטישע פֿאַרברעכנס, אַלס אויסרייד האָבן דעראַבייי געדינט די לעצטע געשעענישן. די רע־גירונג האָט אויסגענוצט דעם מאָמענט און איינגעפֿירט אויפֿן שטייגער פֿון דער צאַרישער געזעצגעבונג, אַ געזעץ וועגן אומלעגאַלע געזעלשאַפֿטן, וועלכע האָבן דעם צוועק צו קעמפֿן קעגן דער עקזיסטירנדיקער אָרדנונג.

אַלס אויסנאַם אפֿשר קאָן מען אָנווייזן אויף דער ענדערונג אין דער געזעצגעבונג וועגן האַנדלס-געזעלשאַפֿטן און וועגן וועקסלען. בדרך כּלל ליגט אָבער די אַנטוויקלונג פֿון האַנדל און אינדוסטריע נישט אויף דער ליניע פֿון דער אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דער רעגירונג.

אָבער אויך אין די געענדערטע קרימינעלע געזעצן זענען געבליבן און אפֿילו אַריינגעפֿירט געוואָרן אַזעלכע געזעצן, וועלכע זענען נישטאָ אין דער ענגלישער בריטישער געזעצגעבונג, ספּעציעל זענען איינגעפֿירט געוואָרן לייב־שטראָפֿן פֿאַר מינדעריעריקע פֿאַר־ברעכער און פֿאַר אַרעסטירטע אין די תּפֿיסות.

וועגן אַן אַרבעטער־געזעצגעבונג אין לאַנד, ווו צענדליקער טויזנ־טער אַרבעטער זענען באַשעפֿטיקט נישט נאָר אין דער לאַנדווירטשאַפֿט, נאָר אויך אין דער אינדוסטריע אין די שטעט, איז כּמעט נישטאָ קיין זכר.

די ווייטערדיקע טאַבעלע באַווייזט די צאָל יידישע אַרבעטער אין די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען אין די שטעט:

טאַבעלע 20

די שטעט	אין יאָר 1926	אין יאָר 1929
תּל־אביב	5.243	6.471
ירושלים	3.280	4.211
חיפה	3.729	2.929
אַנדערע שטעט	807	1.305
סך־הכּל	13.059	14,916

דאָ זענען געגעבן געוואָרן די ציפערן נאָר פון יידישע אַרבעטער, ווייל קיין סטאַטיסטיק פון די אַראַבישע אַרבעטער איז נישטאָ, און דאָס זענען די ציפערן נאָר פון די שטעט. אין די דערפער זענען דאָ נאָך אַ פּופצן טויזנט יידישע אַרבעטער, פון וועלכע דער גרעסטער טייל אַרבעט ביי אונטערנעמער. אַחוץ דעם זענען דאָך אין די דערפער אויך פאַראַן אַ סך אַראַבישע אַרבעטער. ווען די רעגירונג וואָלט געזאָרגט וועגן דער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פון לאַנד, וואָלט זי געמוזט נעמען אין אַכט דעם וווקס פון דער אַרבעטער-באַפעלקערונג פאַר די לעצטע יאָרן און פאַרזיכערן זי נישט נאָר פון אומגליקספאַלן, נאָר אויך פון אַלטקייט, קראַנקקייט א. ד. גל. אינגאַנצן זענען אָבער פאַר די צען יאָר אָקופּאַציע אַרויסגעגעבן געוואָרן דריי געזעצן: איינער וועגן אומגליקספאַלן, וועלכן מיר האָבן אויבן דערמאָנט, און וועלכער שטייט נידעריקער פון יעדער קריטיק; דער צווייטער וועגן קינדער- און פרויען-אַרבעט אין געוויסע צווייגן פון דער אינדוסטריע, וועלכער ווערט אָבער לחלוטין נישט אָפּגעהיט; און דער דריטער — וועגן שטראָפן פאַר די, וואָס וועלן שטערן שטרייקברעכער אין דער אַרבעט. דאָס איז גאָר. צו דעם אַלעמען, ווען מען נעמט נאָך אין באַטראַכט, אַז די פאַראָרדנונגען—די סאַמע פאַרשידנסטע — שיטן זיך ווי פון אַרבל, צוליב דער קאָלאָסאַלער לייכטקייט ביים אַרויסגעבן זיי, און יעדע צוויי וואָכן ווערן מיר באַגליקט מיט נייע געזעצן אויף אַלע געביטן פון אַדמיניסטראַטיון לעבן, און אַז דאָס אַלץ הערשט פאַראַלעל מיט די אַלטע טערקישע געזעצן און איז לגמרי נישט קאָדיפיצירט — וועט בולט ווערן דער געזעצגעבערישער מישמאַש, וועלכער איז זיכער קלאָר פאַר דער אימפּעריאַליסטישער מאַכט אָבער אינגאַנצן אומקלאָר אַפילו פאַר די געלערנטע יוריסטן, ווער רעדט שוין פאַר דער איינפאַכער באַפעלקערונג וועלכע איז, ספּעציעל ביי די אַראַבער, ס׳רוב אַנאַלפאַבעטיש.

רעזיומירן מיר די רעגירונגס-טעטיקייט אויף אַלע געביטן, ווערט קלאָר דער אימפּעריאַליסטישער כאַראַקטער פון דער ענגלישער מאַכט, וועלכע זאָרגט נאָר פאַר אירע אימפּעריאַליסטישע צוועקן, אָבער לגמרי נישט פאַרן לאַנד.

יעדער שריט פון דער פּאַלעסטינער רעגירונג איז אויסגערעכנט נאָר אויף צו באַפעסטיקן די ענגלישע הערשאַפט אין לאַנד. אודאי איז נישט אַלע מאָל קלאָר די דאָזיקע כוונה פון דער רעגירונג, זי איז

נישט אַלע מאָל בולט און אויבן אויף, ספּעציעל אין דערווירטשאַפט־לעכער, פינאַנסיעלער און געזעצגעבערישער פּאָליטיק. דערפאַר זענען אָבער בולט אירע כּוונות אין דער געזעלשאַפטלעכער פּאָליטיק. און אויב אין אַט דער אַרבעט פון דער רעגירונג קאָן מען נישט זען באַ־שײמפּערלעך די הענט פון דער רעגירונג אין לאַנד, איז אָבער אין איר פּאָליטיק דאָס לייכט צו מערקן. דעריבער איז די רעגירונג אײנע פון די וויכטיקסטע פאַקטאָרן פון די שטענדיקע נאַציאָנאַלע רײבונגען אין ארץ־ישראל, וועלכע זענען לעצטנס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָפענעם פּראָוואָצירטן פּאָגראָם.

VII. דער אַראַבישער סעקטאָר *)

1. די אַראַבישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג פאַר און אין דער צייט פון דער מלחמה

אייגנטלעך האָט ארץ־ישראל אין דער געשיכטע קיינמאָל נישט געשפּילט קיין ראָל פון אַן זעלבשטענדיקער אַראַבישער פּראָווינץ. נאָר אין די יאָרן 660-750, אין דער צייט פון די קאַליפן פון דער משפּחה אומיה, אין משך אַלזאָ נאָר פון נײַנציק יאָר, ווען דמשק איז געווען די הויפּטשטאָט, איז ארץ־ישראל געווען כּמעט אַ זעלבשטענדיקע אַראַבישע פּראָווינץ. פאַר דער צייט איז אָבער גאָרנישט געשאַפן געוואָרן אין לאַנד, ווייל דאָס אויסטיילן ארץ־ישראל איז נישט געקומען אַלס פּועל־יוצא פון דער אַנטוויקלונג פון די געזעלשאַפטלעכע כּוחות אין לאַנד, נאָר אַלס פּועל־יוצא פון אַן אויסערלעכן פּאָליטישן שפּיל: ווען אין אַראַבישן האַלב־אינזל מיט מעקאַ אין צענטער האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטאַרקע באַוועגונג פאַרן קאַליפאַט און קעגן די קאַליפן פון דער משפּחה אומיה, איז בײַ די לעצטע אַנטשטאַנען דער געדאַנק אַרויסצושטעלן ירושלים אַלס דעם רעליגיעזן מאַכמעדאַנישן צענטער קעגן מעקאַ, און אָפּציען די אויפמערקזאַמקייט פון די מאַכמעדאַנער פון מעקאַ. צו דעם צוועק איז אויך אויפגעבויט געוואָרן דער נײַער מעטשעט, אָמאַר־מעטשעט, אומגעפער אין יאָר 691, אויפן אָרט, וווּ ס'איז אַמאָל געשטאַנען דער בית־המקדש. אָבער דער אויפטו האָט נישט געהאָלפן, און עבד אל מלאך אין מעקאַ האָט געזיגט אין דעם קאַמף, און דאַן איז פּאַלעסטינע, אַלס זעלבשטענדיקער אַראַבישער צענטער געוואָרן אַן אומנויטיקע זאַך, און פאַרן קאַליף אין מעקאַ אַפילו אַ

---

*) אין דעם דאָזיקן קאַפּיטל נוצן מיר אויס די מאַטעריאַלן, וואָס עס האָט צונויפגעזאַמלט דער ח' מיכאל אסף (אין די „דבר"ן פון סוף 1929)

שעדלעכע זאַך. דעריבער האָט עבד אל מלאך מבטל געמאַכט אַפילו דעם צענטר פאַר שיפן, וועלכן עס האָט אויפגעשטעלט דער קאַליף פון שבט אומיה אין עכו און איבערגעפירט אים אין צור.

ארץ־ישראל איז אויף אַזאַ אופן במשך פון לאַנגע יאָרן געווען אַן אָפּגעשטאַנענער ווייטער ווינקל, וועלכן דער קאַליפאַט אין מעקאַ האָט נישט דערלאָזן צו קיין אַנטוויקלונג. דעריבער, ווען עס האָט זיך אַפילו אָנגעהויבן אַ נאַציאָנאַלע אויפלעבונג אין סיריע און לבנון, אין דער צווייטער העלפט פון נײַנצנטן יאָרהונדערט, האָט זי נישט גע־פונען קיין אָפּקלאַנג אין פאַלעסטינע. דאָ האָט ערשט די רעוואָלוציע פון די יונג־טערקן אין יאָר 1909 געגעבן דעם שטויס צו דער אַנט־שטייונג פון אַ נאַציאָנאַלער באַוועגונג. כל זמן עס האָט געהערשט אבדול האַמיד מיט זײַן פאַן-מוסולמענישער טעאָריע, זענען נישט געווען קיין באַדינגונגען פאַרן אַנטשטיין פון דער פאַן־אַראַבישער באַוועגונג. דער נאַציאָנאַליזם פון די יונג-טערקן מיט זייערע שאָוויניסטישע רע־פּרעסיעס אויף אַלץ, וואָס האָט אַנדערש געפילט. און דאָס אַראָפּזעצן אבדול האַמידן מיט זײַן פאַן־מוסולמאַניזם – האָט געשאַפן די גינסטיקע באַדינגונגען פאַר דער אַנטשטייונג פון פאַן-אַראַבישן געדאַנק.

דאָס איז געווען דער פּאָליטישער הינטערגרונט פאַר דער אַנטשטייונג פון דעם פאַן־אַראַביזם. די עקאָנאָמישע סיבה איז געווען דער ציוניזם.

אין דעם ערשטן קאַפּיטל האָבן מיר געזען, ווי ארץ־ישראל האָט אויסגעזען ווירטשאַפטלעך פאַר דער יידישער אײַנוואַנדערונג, דאָס הייסט פאַרן ציוניזם, און וועלכע ווירטשאַפטלעכע ענדערונג די יידישע אײַנוואַנדערונג האָט אַרײַנגעבראַכט אין לאַנד.

די פאַרפינצטערטע, אונטעריאָכטע, פאַרשקלאַפטע מאַסע פון פע־לאַכן און בעדואינער איז געווען פולשטענדיק אין די הענט פון דעם רייכן עפענדי און שייך. סיי די עקאָנאָמישע מאַכט, סיי די פּאָליטי־שע איז געלעגן אין האַנט פון עפענדי, פון אַ פּאָר קעמפנדיקע צווישן זיך משפחות, ווי די נאַשאַשיביס און הוסיינס. די יידישע אײַנוואַנדערונג האָט געעפנט ברייטע מעגלעכקייטן פאַרן אָרעמען פע־לאַך אין דאָרף און אין שטאָט. אָנשטאָט צו אַרבעטן כמעט אומזיסט אויפן עפענדי, האָט דער פעלאַך באַקומען די מעגלעכקייט צו אַרבעטן ביים קאָלאָניסט אויף זײַן אייגענעם חשבון. דער עפענדי איז געבליבן אָן אומזיסטע אַרבעטס-קראַפט. פון דער צווייטער זייט מוזן די גרע־

ערע באַדערפעניש ן און העכערער קולטורעלער ניוואָ פון יידישן
אַרבעטער, אַדאַנק דעם געזעץ פון סאָציאַלער דיפפוזיע, אומבאַדינגט
ווירקן אויפן אַראַבישן פעלאַך, און ער מוז ביסלעכווייז, לאַנגזאַם,
אָבער זיכער אָנהויבן אַרויסגיין פון אונטער דער פּאָליטישער השפּעה
פון עפענדי. דריטנס, דער אייראָפּעיזם, וואָס ווערט אַריינגעפירט אַ
דאַנק דער יידישער איינוואַנדערונג, פאַרגרעסערט די פאַרשווענדונגס־
באַדערפעניש ן פונם פעאָדאַל און פאַרקלענערט אָבער זיינע פאַרשווענ־
דונגס־מעגלעכקייטן. כל זמן דער פעאָדאַל קאָן, פאַרקויפט ער זיינע
ערד־שטחים. בלייבט שוין וויי ניק, און דער אַפּעטיט איז גרויס, מוז
ער זוכן אַנדערע וועגן, ווי צו באַפרידיקן די דאָזיקע באַדערפעניש ן.
בעת די יונג־טערקישע רעגירונג האָט אונטערגעשניטן די פּאָליטי־
שע השפּעה פון עפענדי, — האָט די יידישע איינוואַנדערונג אונטער־
געהאַקט זיין עקאָנאָמישע השפּעה. אין פאַן־אַראַביזם האָט דער
עפענדי און דער שייך דערזעען דעם גוטן מיטל, ווי אַזוי מיט איין
קלאַפּ צו שלאָגן צוויי האָזן. פאַן־מוסולמאַניזם פון אַבדול האַמידן
האָט צעבראָכן די פאַלעסטינער אַראַבער, וועלכע זענען אין רוב
מ :מעניש, אָבער האָבן אויך גרויסע חלקים פון קריסטן, סיי אָרטאָ־
דאָקסאַלע, סיי קאַטאָליקן. דער פאַן־אַראַביזם גיט די מעגלעכקייט צו
קאָנצענטרירן אַרום עפענדי אַלע אַראַבער פון לאַנד. ספּעציעל איז
דעם געוועזן פאַראינטערעסירט דער מער אינטעליגענטער קריסט־
לעכער טייל, וועלכער האָט אינצווישן געשאַפן און באַהערשט די פּאַ־
לעסטינער אַראַבישע פרעסע, פריער דעם „אל כרמל”, שפּעטער דעם
„פלשתין”. ביים פאַן־אַראַביזם האָט זיך פאַר דעם טייל געשאַפן די
גלענצנדיקע מעגלעכקייט צו כאַפּן פיש אין מוטנעם וואַסער. דער פאַן־
אַראַביזם איז געוועזן דער בעסטער מיטל צו קעמפן קעגן ציוניזם,
ווייל דער עפענדי האָט דאָך נישט געקאָנט אַרויסגיין מיט זיינע
אָפענע טענות קעגן ציוניזם און דערציילן, אַז ער האָקט אונטער
זיינע פעאָדאַלע מאָנאָפּאָליעס. דאַקעגן דער פאַן־אַראַביזם האָט אים
געגעבן די מעגלעכקייט אונטערן נאַציאָנאַלן שלייער צו פאַרדעקן
זיינע קלאַסן־אינטערעסן, ווי דאָס טוט די בורזשואַזיע פון אַלע פעל־
קער און לענדער. דעריבער האָט מען געמוזט פאָרשטעלן דעם ציו־
ניזם אַלס די באַוועגונג, וועלכע שטרעבט אַרויסצוטרייבן דעם אַראַ־
בער פון לאַנד. דעם אַנטיפעאָדאַלן כאַראַקטער פון ציוניזם האָט
מען פאַרביטן מיט דעם אַנטי־אַראַבישן, ווייל פעאָדאַליזם און

אַראַביע איז דאָך, לויט דער פּעאָדאַלער אויפפאַסונג, איינס און דאָסזעלבע. „די מלוכה בין איך" — דאָס איז דאָך דער לאָזונג פון אַלע הערשנדיקע קלאַסן.

דעריבער זענען עס שוין אין יאָר 1914 אַרויס די אַראַבישע קאַנדידאַטן צום טערקישן פּאַרלאַמענט קעגן ציוניזם, ווי עס ברענגט אַלמליה אין זיין בוך: „ארץ־ישראל און סיריע אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה".

אַזוי האָט געזאָגט ראַגיב נאַשאַשיבי, דער היינטיקער שטאָט־פּרעזידענט פון ירושלים: „די טערקישע רעגירונג דאַרף אָננעמען די שיטה פון ־מעניע. איך בין נישט קיין קעגנער פון אָטאָמאַנישע יידן, נאָר פון די פרעמדע אונטערטאַנען צווישן זיי, וואָס קומען מיט אונז קעמפן מיטן כלי־זין פון זייער פרעמדער אונטערטאַנערשאַפט, האַסן אונזערע קינדער און ברידער, און טרעטן אַרויס קעגן אונזערע געזעצן און געריכטן. אויב איך וועל אויסגעקליבן ווערן אין פּאַרלאַמענט, וועל איךווידמען אַלע מיינע כוחות בייטאָג און ביינאַכט, בכדי צו דערווייטערן דעם שאָדן און די סכנה, וואָס שטעקט פאַר אונז אין די ציוניסטן און ציוניזם".

סעיד אל הוסייני האָט געזאָגט: „אויב איך וועל נאָכאַמאָל אויסגעקליבן ווערן אַלס דעפּוטאַט, וועל איך זיך משתדל זיין אין די ענינים פון עושר, באָדנס, ורקא, פאָלקס־בילדונג, וואַקוף, און אין ענין פון ציוניזם. דאָס פאָלק פון לאַנד דאַרף האָבן נוצן פון לאַנד, בכדי עס זאָל נישט ליידן אין דער צוקונפט, ווי עס האָט געליטן אין דער פאַרגאַנגענהייט, און דאָס רעשטל באָדן, וואָס איז אונז געבליבן, זאָל נישט איבערגיין אין די הענט פון די ציניוסטן. ...ספּעציעל דאַרף מען שטיצן דעם פעלאַך אין זיין לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט, בכדי ער זאָל נישט אָפּגעריסן ווערן פון זיינע נחלאות, און די ציוניסטן זאָלן נישט באַקומען אין זייערע הענט אַפילו קיין איין שפּאַן באָדן פון זיי. אויב די באָדנס וועלן בלייבן אין די איצטיקע באַדינגונגען, וועט ער זיין געצוווּנגען זיי צו פאַרקויפן די ציוניסטן פאַר אַ נידעריקן פּרייז און נאָך אַ געוויסע צייט וועט ביי אים אין האַנט גאָרנישט בלייבן און ער וועט געצווּנגען זיין זיך פאַרקויפן די ציוניסטן, ווי אַ געדונגענער אַרבעטער. (אָט דאָס איז טאַקע געווען די גרעסטע דאגה פון דעם עפענדי, ווייל ער בלייבט אָן אומזיסטע אַרבעטער — נ.). מען זאָגט, אַז די סיבה, וואָס די ציוניסטן קויפן לייכט באָדן,

באַשטייט אין דעם, וואָס די דאָזיקע באַדנס זענען נישט באַאַרבעט, אָבער איך רעכן, אַז די סיבה איז די שפּעקולאַציע. די שפּעקולאַנטן האָבן געעפנט די טירן פאַר די ציוניסטן, ווי מען עפנט די טיר פון אַ זאַל, און דורך דעם, פאַרשטייט זיך, ליידט דער פעלאַך.

וואָס איז שייך דער ציוניסטישער באַוועגונג, האָב איך שוין געזאָגט, אַז אַ סכנה שטעקט אין איר פאַר דער מדינה, סיי פון פּאָליטישן, סיי פון עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט. און ווען איך בין נאָך געווען אַ דעפּוטאַט דעם לעצטן מאָל, בין איך אַרויסגעטראָטן קעגן איר אין פּאַרלאַמענט. איך וווּנדער זיך זייער, וואָס די רעגירונג גייט פאַרביי מיט שווייגן די דאָזיקע באַוועגונג. היות די ציוניסטן זענען אונטערן שוץ פון פרעמדער אונטערטאַנערשאַפט, דעריבער דאַרף די רעגירונג זיך אויפכאַפּן און אויפוועקן זיך פון איר דרימל און ויסן, וואָס זי האָט צו טון."

די דאָזיקע קאַנדידאַטן זענען טאַקע אויסגעקליבן געוואָרן אין טערקישן פּאַרלאַמענט פאַר דער מלחמה.

אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה האָט זיך געשאַפן אַ גינסטיקע סיטואַציע פאַר דער פּאַן־אַראַבישער באַוועגונג. ענגלאַנד, ווי מיר האָבן געזען אין ערשטן קאַפּיטל, איז געווען פאַראינטערעסירט צו שאַפן זיך פאַרבינדעטע אין לאַנד קעגן דער טערקישער אָנפירונג, און דאָס האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט די עפענדיס צו שטעלן גרויסע פאָדערונגען; ווידער אַמאָל איז זיי געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט אַרויסצוטרעטן קעגן די יונג־טערקן און צו באַקומען נאָך דערפאַר אַ גרויסע באַלוינונג. האָט זיך נישט געלאָזט באַקומען גאָר אַ פעטן ביסן, איז הוסיין, דער זון פון אלי, איינגעגאַנגען אויף די באַדינגונגען, וועלכע עס האָט אים פאָרגעשלאָגן ענגלאַנד: מערסינע און אַלעקסאַנדרעטאַ און די נאָענטסטע צו זיי געגנטן גייען נישט אַריין אין אָפּמאַך, ווייל זייער באַפעלקערונג איז נישט קיין ריין אַראַבישע. ענגלאַנד שטעלט אַ באַדינג, אַז דער אָפּמאַך אירער מיט הוסיינען זאָל נישט אָנרירן די אָפּמאַכן מיט אַנדערע אַראַבישע פירשטן און די פאָדערונגען פון פראַנקרייך. אויך אין די ווילאַיעטן פון באַגדאַד און בצרה וועט מען מוזן האָבן אַ ספּעציעלע איינאָרדנונג. וואָס איז שייך דער רעגירונגס־פאָרם, איז געזאָגט אין דער ענגלישער דעקלאַראַציע, „אַז עס וועט קומען די מעגלעכקייט, וועט בריטאַניע געבן אַן עצה די אַראַבער און וועט זיי העלפן שאַפן אַזעלכע רעגירונגס־

פאָרמען, וואָס וועלן זיין די פּאַסיקסטע אין די פאַרשידענע לענדער". הוסיין האָט תחילת נישט געוואָלט אָננעמען די באַדינגונגען, ער איז אָבער שפּעטער ווייכער געוואָרן, ער האָט נאָר דערקלערט, אַז קיין אַנדער שותף אַחוץ בריטאַניע וויל ער נישט. אויף דעם האָט ענגלאַנד דערקלערט, אַז זי האָט נישט בדעה צו שליסן מיט וועמען נישט איז אַ בונד, וועלכער זאָל זיך נישט שטיצן אויף דעם יסוד פון דער פרייהייט פון די אַראַבישע פעלקער, וועלכע ווערן באַפרייט פון אונטער דער דייטשער און ענגלישער הערשאַפט.

קלאָר, אַז ענגלאַנד דאָט באַלד געפּרוּווט אָנווענדן אַלע מיטלען, בכדי צו מאַכן אוממעגלעך די פאַרווירקלעכונג פון דער פּאַן־אַראַבישער מלוכה. זי האָט אויפגעשטעלט קעגן הוסיינען די אַראַבישע פּריצים מיט איבן סאַאודן בראש, און זיי האָבן פּראָטעסטירט קעגן הוסיינס קאַליפאַט. זיי האָבן אים איבערגעלאָזן נאָר דאָס קעניגרייך פון העדזשאַס. דאַן האָט לאָרענס אויפגעשטעלט אַנדערע טיילן פון די אַראַבישע פּני, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן ביי הוסיינס זון, ווי דעם קעניג פייזול, וועלכער האָט דערקלערט דמשק אַלס זיין רעזידענץ־שטאָט. די אַלע אינטריגעס האָבן פונאַנדערגעבונדן די הענט פון ענגלאַנד, וועלכע האָט געמאַכט די צוטיילונג, ווי איר האָט שוין געלוינט. סיריע און לבנון זענען איבערגעגעבן געוואָרן פראַנקרייך, איראַק און פּאַלעסטינע—ענגלאַנד. די פּאַן־אַראַבישע הבטחות זענען געבליבן אויפן פּאַפּיר.

די אַראַבישע עפענדיס מיט פייזולן בראש, האָבן פאַרשטאַנען אַז מען האָט זיי אָפּגענאַרט. אַלס רעאַלע פּאָליטיקער האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז אויב מען קאָן נישט אַריבער, מוז מען אַרונטער, אַז אויף אַ פרידלעכן וועג וועט מען פון דער דאָזיקער לאַגע, נאָך עפּעס קאָנען געווינען פאַר זיך, לכל־הפחות אַ שטיקל אַראַבישע מדינה און הויכע שטעלן אין די איבריקע טיילן. מען איז אין דער רעאַלער פּאָליטיק געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז צוליב די פּאָליטישע הנחות האָט מען מקריב געווען אַפילו די עקאָנאָמישע אינטערעסן אויף אַ געוויסן מאָמענט, בכדי אַריבערגיין צו זייער פאַרטיידיקונג, ווען עס וועט קומען די פּאַסיקע צייט דערצו. דעריבער האָט עס פייזול, דער פאָרשטייער פון דער אַראַבישער דעלעגאַציע אין ווערסאַל, אַפילו מסכים געווען צו דער באַלפור־דעקלאַראַציע, און וויפל עס זאָלן נישט טענהן די אַראַבישע אַדוואָקאַטן, אַז פייזול האָט נישט געקאָנט לעזן, וואָס ער האָט אונטערגעשריבן—ווייל זיי ווילן דאָך נישט מודה זיין, אַז זיי האָבן

אויף איין מאָמענט אָפּילו אויפגעגעבן דעם קאַמף קעגן ציוניזם,—וועט עס נישט העלפן, ווייל היסטאָרישע דאָקומענטן קאָן מען נישט פאַר־ניכטן, ווי מען פאַרניכטעט זיי אָפּט אין אייגענעם זכרון.

מיר האַלטן פאַר נויטיק צו ברענגען דעם היסטאָרישן דאָקומענט אין גאַנצן, בכדי צו איבערצייגן די לעזער, אַז די יורידישע טענה, אַז מיט דער באַלפור-דעקלאַראַציע האָט מען אָפּגענאַרט די עפּענדיס, איז נישט קיין ריכטיקע, ווייל זיי האָבן געוווּסט פון איר און געגעבן ווייער הסכמה צו איר. כידוע, זאָגט דער יורידישער פרינציפּ, אַז אויב איינער איז אויף עפּעס מסכים, קאָן ער שפּעטער קיין טענות נישט האָבן.

אָט איז דער דאָקומענט:

„די העדזשאַסער דעלעגאַציע

פּאַריז, ד. 1-טן מערץ 1919

טייערער הער פראַנקפורטער!

„איך וויל אויסנוצן מיין ערשטע באַגעגעניש מיט די אַמע־ריקאַנער ציוניסטן, בכדי צו זאָגן אייך, וואָס איך האָב שטענ־דיק געזאָגט ד״ר וויצמאַנען אין אַראַביע און אין אייראָפּע.

מיר פילן, אַז אַראַבער און יידן זענען קרובים לויט דער אָפּשטאַמונג און האָבן צוזאַמען געליטן פון פחד פאַר זייערע אונטערדריקער און פון דעם דרוק פון די רעגירונגען, וואָס זענען געווען שטאַרקער פאַר זיי. און אַז אַ דאַנק אַ גליקלעכן צופאַל האָבן זיי געקאָנט האַנט ביי האַנט מאַכן די ערשטע שריט צו פאַרווירקלעכן זייער נאַציאָנאַלע שטרעבונג.

„מיר אַראַבער, ספּעציעל אונזער אינטעליגענץ, באַציען זיך מיט זייער אַ טיפער סימפּאַטיע צום ציוניזם. אונזער דע־לעגאַציע אין פּאַריז ווייס גוט וועגן די תביעות, וועלכע עס האָט נעכטן דערלאַנגט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע צו דער שלום-קאָנפערענץ, און מיר מיינען, אַז זיי זענען מעסיקע און באַרעכטיקטע. מיר וועלן טון אַלץ, וואָס מיר זענען בכוח, אויף וויפל די זאַך ווענדעט זיך אָן אונז, אַז די דאָזיקע תביעות זאָל האָבן דערפאָלג, און פון די טיפענישן פון אונזער האַרץ וועלן מיר אויפנעמען מיט אַ ברכה די יידן, וואָס קערן זיך אום אין זייער לאַנד.

„מיר שטייען און מיר וועלן ווייטער שטיין אין זייער

פריינטלעכער פאַרבינדונגען מיט די פירער פון זייער באַוועגונג — ספּעציעל מיט ד״ר ווייצמאַן. ער האָט אַ סך מיטגעהאָלפן צו אונזער אויפטו, און איך בעט גאָט, אַז עס זאָל איינגיכן געלינגען די אַראַבער צו באַצאָלן די יידן פאַר זייער טובה. מיר אַרבעטן האַנט ביי האַנט פאַרן באַנייטן אָריענט, וואָס איז רעסטאַוורירט און שטייט אויף צו אויפלעבונג. אונזערע ביידע באַוועגונגען דערגאַנצן איינע די צווייטע. די יידישע באַוועגונג איז אַ נאַציאָנאַלע, אָבער נישט קיין אימפּעריאַליסטישע, און ס׳איז דאָ פּלאַץ אין סיריע פאַר אונז ביידן. און איך טראַכט טאַקע, אַז קיינער פון אונז קאָן דאָרט נישט מצליח זיין, ווי ס׳באַדאַרף צו זיין, אָן דעם צווייטן.

„מענטשן, וואָס דער צושטאַנד פון זייערע ידיעות און דער געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט זענען קלענער פאַר די פון אונזערע און אייערע פירער; מענטשן, וואָס פילן נישט די באַדערפעניש פון דער בשותּפותדיקער אַרבעט צווישן די אַראַבער און ציוניסטן, האָבן געפּרוווט אויסנוצן די אָרטיקע שוועריקייטן, וועלכע אַנטשטייען נויטווענדיקערהייט אין ארץ־ישראל אין אָנהויב פון אונזער באַוועגונג. איך האָב מורא, אַז אייניקע פון זיי האָבן פאַרדרייט אייערע שטרעבונגען אין די אויגן פון די אַראַבישע פּויערים, און אונזערע — אין די אויגן פון די יידישע פּויערים, און דער סוף איז געווען, אַז די פאַראינטערעסירטע צדדים האָבן געהאַט נוצן פאַר זיך אַליין דערפון, וואָס זיי רופן אָן אַלס אונזערע חילוקי־דעות.

„איך וויל אויסדריקן מיין טיפע איבערצייגונג, אַז דידאָזיקע חילוקי־דעות זענען נישט שייך צו די עיקר־פראַגן, נאָר צו פּרטים, וואָס מען קאָן זיי נישט אויסמיידן אין יעדע אונטערהאַנדלונגען צווישן צוויי שכנותדיקע פעלקער. דער גוטער קעגנזייטיקער ווילן וועט ברענגען צו אַ פולשטענדיקן הסכּם, און ווען די ענינים וועלן ווערן מער אויפגעקלערט, וועלן זיכער כּמעט אַלע חילוקי דעות בטל ווערן.

„מיינע אויגן, און די אויגן פון מיין פאָלק מיט מיר, זענען געווענדעט צו דער צוקונפט. ווען מיר וועלן קומען צו אייך צו הילף און איר אונז צו הילף, בכדי די לענדער, וואָס מיר זענען ביידע צוגעבונדן צו זיי, זאָלן ווידער פאַרנעמען

זייער אָרט אין דער געמיינשאַפט פון די אינטעליגענטע פעלקער פון דער וועלט.״

אַזוי האָט פייזול, דער פאָרשטייער פון דער אַראַבישער דעלעגאַציע, בעת די ווערסיילער שלום־אונטערהאַנדלונגען, געשריבן צום פאָרשטייער פון די ציוניסטן!

ווען עס איז שוין אָבער געווען נאָך אַלעמען, און אויך די דאָזיקע פּאָליטיק האָט נישט געהאָלפן, האָט מען געוואָלט ראַטעווען די פאַן־אַראַבישע מלוכה און מען איז שוין אָפן אַרויסגעטראָטן קעגן דער באַלפור־דעקלאַראַציע, טאַקע דערזעלביקער פייזול, אינגאַנצן מיט איין יאָר שפּעטער.

אין 1920 האָט זיך צונויפגעקליבן אין דמשק דער סיריש־פּאַלעסטינישער קאָנגרעס אונטער דער אָנפירונג פון פייזולן, וועלכער איז צו יענער צייט געווען שטאַרק פּאָפּולער אין גאַנץ אַראַביע. די אַראַבישע נוצרים האָבן אויך מיטגעהאָלפן אין די רעזאָלוציעס קעגן ענגלאַנד און פראַנקרייך און קעגן דער באַלפור־דעקלאַראַציע, הגם זיי זענען נישט געווען אינגאַנצן זיכער מיט זייער לאַגע, ווי די קריסטן.

די בריטישע רעגירונג איז געווען שטאַרק צופרידן פון דער אָפענער אָפּעזיציע אויף דער באַלפור־דעקלאַראַציע, ווייל דאָ האָט זי שוין אויף אַזאַ אופן געהאַט די מעגלעכקייט אויסצונוצן די פאַן־אַראַבישע באַוועגונג קעגן די ציוניסטן — ווי זי האָט פריער אויסגענוצט די ציוניסטן קעגן דער פאַן־אַראַבישער באַוועגונג. מען האָט צוגעזאָגט שטיצע און פרייען קאַמף קעגן די ציוניסטן, און דאָס האָט שוין געבראַכן דעם פריער געאייניקטן אַראַבישן פראָנט. פריער זענען אָפּגעשטאַנען די קריסטן, וועלכע האָבן אין דעם קריסטלעכן מאַנדאַט דערזען אַ זיכערע אונטערשטיצונג פאַר זיך, און דאַן אויך די מוסולמענער. די רעגירונג האָט אַריינגעהאַקט אַ קליין צווישן די מוסולמענער גופא, אויסקלייבנדיק די משפחה הוסיינס. זיי האָט מען אָפּגעגעבן דעם פעטערן ביינדל: דעם אויבערשטן מוסולמענישן ראַט, וואָס קריגט אַריין אַ הונדערט טויזנט פונט הכנסות פון וואַקוף אַ יאָר. דעריבער זענען די נאַשאַשיביס אַריין אין דער מוסולמענישער אָפּאָזיציע, הגם זיי האָט מען צוגעוואָרפן דאָס צווייטע, נישט אַזאַ פעט ביינדל — די שטאָט־פאַרוואַלטונגען.

אויף אַזאַ אופן איז געשאַפן געוואָרן די הייסע אַטמאָספער אין פּאַלעסטינע אויף לאַנגע יאָרן.

2. די נאַציאָנאַל־אַראַבישע באַוועגונג פון נאָך דער מלחמה אָן

פאַר דער צייט זענען צוגעקומען נאָך אַנדערע מאָמענטן, וועלכע האָבן פאַרשאַרפט די פּאָזיציעס פון דעם קעמפנדיקן עפּענדי צווישן די דאָזיקע מאָמענטן רעכנט מיכאל אסף אַלס דעם ערשטן—דעם קאָמינטערן. דאָס איז אַ פאַלשער שטות, וועלכער איז נויטווענדיק אַ רעפאָרמיסט, כדי אָנצוהענגען אויפן קאָמינטערן אַלע הינט. דער אמת איז, אַז דער קאָמינטערן האָט געוואָלט העלפן דעם עפענדי דורך זיינע חברים אין פּאַלעסטינע, דורך דער אַזוי־גערופענער פּ. ק. פּ., אַרויס־גייענדיק פון די נישט ריכטיקע טעזיסן אין דער קאָלאָניאַלער פראַגע פון צווייטן קאָנגרעס. אָבער די פּ. ק. פּ. איז אַזוי נישטיק. אַז האַלטן די דאָזיקע שטיצע פאַר אַ וואָגיקן מאָמענט, דאַרף מען זיין אַ טפש, אָדער אַ ליגנער. ווען עס איז דאָ אַ חמדי אל הוסייני, דער סעקרעטאַר פון דער אַנטי־אימפּעריאַליסטישע ליגע, איז עס נישט קיין באַווייז, אַז די ליגע טוט עפּעס אויף; דאָס איז נאָר אַ באַווייז, אַז דער חמדי אל הוסייני איז שוין גאָר נישט קיין טפש און נוצט אויס די פירמע פון דער ליגע פאַר זיינע עפענדישע צוועקן. מער נישט, דער וויכטיקסטער פאַקטאָר פאַר די יאָרן איז געווען באמת די אַנטוויקלונג פון דער ווירטשאַפט. דער פעלאַך איז נישט נאָר פאַר די יאָרן אַריין אַרבעטן צום יידישן קאָלאָניסט, ער איז אַריינגעצויגן געוואָרן אויך אין דער אַרבעט אין שטאָט. נאָך מער, דער קאַפּיטאַליזם האָט זיך שוין אַריינגעריסן אין אַראַבישן דאָרף, און צוזאַמען מיטן קאַפּיטאַליזם איז פאָרגעקומען די פּראָלעטאַריזירונג פון פעלאַך און זיין רעוואָלוציאָני־זירונג. דיביידע מאָמענטן זענען נישט אַזוי שטאַרק, זיי זאָלן שוין קאָ־נען האָבן אַ ווירקונג אין לאַנד, אָבער זיי זענען גענוג, אַז דער עפענדי זאָל בולטער דערזען די סכנה, וואָס דראָט אים און ווערט פון טאָג צו טאָג גרעסער.

עס וואַקסט אויך פון טאָג צו טאָג דער קאַדר אַראַבישע אינטע־ליגענץ. ווי מיר האָבן געזען פון די ציפערן אין ערשטן קאַפּיטל, איז געוואַקסן די צאָל שילער אין די אַראַבישע שולן פון 25 טויזנט אין יאָר 1921 ביז 39 טויזנט אין יאָר 1928.מ ען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז אין דער אַראַבישער געזעלשאַפט קומט פאָר פונקט דער פאַרקער־טער פּראָצעס, ווי אין יידישן: די יידישע אינטעליגענץ קומט צוליב אַ גאַנצע ריי היסטאָרישע טעמים צו דעם פּראָדוקטיוויזירונגס־פּראָצעס,

און פאר איר איז דער איבערגאנג צו לאנדווירטשאפט א ווינטשנס־ווערטער. אין דער אראבישער געזעלשאפט שטרעבט די מיטעלע שיכט צו אינטעליגענטיזירן זיך, ווער רעדט שוין וועגן עפענדי. אין משך פון די לעצטע צען יאר זענען געשיקט געווארן אין די אויסלענדישע אוניווערזיטעטן הונדערטער און טויזנטער אראבער, און אין לאנד גופא ענדיקן די שולן טויזנטער שילער.

די אינטעליגענץ, כידוע, שטעלט מיט זיך נישט פאר קיין זעלבשטענדיקן קלאס, נאר דינט דעם בירגערטום, און שטרעבט אלעמאל דינען דעם רייכסטן טייל פון דעם בירגערטום. עס איז אלעמאל בעסער צו האבן א רייכן באלעבאס איבער זיך, איידער א קבצן. די גרויסע בורזשואזיע הויבט זיך ערשט איצט אן אויסצובילדן אין ארץ־ישראל, זי איז נאך אייגנטלעך נישטא; דער רייכסטער קלאס איז דא איצט אין דער אראבישער געזעלשאפטלעכקייט דער עפענדי, דעריבער שטעלט זיך די אינטעליגענץ אים צו דינסט. די אלע עוני עבד אל האדי, מוגנס אל מוגנס, דזשארזש צלח, סובחי חדרא און אלע אנדערע אדוואקאטן דינען דעם אראבישן אויספירקאמיטעט; דערצו דארף מען נעמען אין אכט, אז די רעגירונג דארף נישט האבן אזויפיל באאמטע, וויפל עס גיבן ארויס די אראבישע רעגירונגס־שולן אלע יאר. היות די אינטעליגענטן האבן נישט פאר זיך קיין וועג, ווערן זיי די שטארקסטע אנהענגער פון אראבישן קאמיטעט און קעגנער פון דער ציוניסטישער באוועגונג, ווייל זיי ווייסן דאך זייער געגנוי, אז ביי א זעלבשטענדיקער פאלעסטינע וועלן זיי פארנעמען אלע רעגירונגס־שטעלעס, וועלכע וועלן ווערן געשאפן אין די צענדליקער טויזנטער, פונקט ווי דאס איז געווען אין פוילן און אין ליטע, ווען דיביידע לענדער האבן זיך אומגעקערט צו פאליטישער זעלבשטענדיקייט: נעפאטיזם און ביוראקראטיזם אלט רעזולטאט פון אויפשטעלן פון רעגירונגס־אפאראט כאראקטעריזירט די נייע מלוכות. אט די אינטעליגענץ ווערט עס איצט דער ווארטזאגער און פירער פון דער נאציאנאלער אראביש־עפענדישער באוועגונג. זי טוט עס אין דער פארטיידיקונג פון אירע קלאסן־אינטערעסן און פון די קלאסן־אינטערעסן פון דעם שיכט, מיט וועלכן זי האט פארבונדן איר גורל—דעם עפענדי.

אין דער זעלביקער צייט האט די קאפיטאליזירונג פון לאנד א דאנק דער יידישער איינוואנדערונג ארייגעבראכט א געוויסע סאציאלע דיפערענצירונג אין די שטעט, וועגן וועלכע מיר האבן שוין טיילוויז דערמאנט פריער. עס האט זיך אנגעהויבן אויסבילדן א שיכט

פון אַ שטאָטישער מיטעלער בורזשואַזיע, וועלכע שטיצט זיך אויסשליסלעך אויף דעם אינערלעכן געברויך. זי קאָן נאָך נישט זיין אימפּעריאַליסטיש, ווייל פאַר איר שטעלט נאָך פאָר דער אינערלעכער מאַרק אַ גרויסן געביט, וועלכן זי דאַרף דעראָבערן. זי איז אָבער קעגן פעאָדאַליזם, ווייל דער לעצטער שטערט דער אַנטוויקלונג פון אינערלעכן מאַרק, האַלט אָפּ די פאַרהעלטנישמעסיקע אומאָפּהענגיקייט פון פעלאַך. אַלץ, וואָס העלפט מיט דער אַנטוויקלונג פון אינערלעכן מאַרק, ליגט אין די אינטערעסן פון דעם וואַקסנדיקן שיכט און דעריבער איז די יידישע איינוואַנדערונג, וועלכע פאַרגרעסערט די קויפּ־קראַפט פון לאַנד גופא, לגמרי נישט שלעכט אין די אויגן פון דעם דאָזיקן שיכט.

די אויסברייטערונג פון אינערלעכן מאַרק העלפט מיט די אויסברייטערונג פון דער נאַציאָנאַלער קולטור — דער פאַרטיידיקונגס־פונקט פון דער בורזשואַזיע, ווי דאָס דערווייזט באַראָכאָוו אין זיינע „קלאַסן־אינטערעסן און די נאַציאָנאַלע פראַגע”. אויף אַזאַ אופן קומט דער דאָזיקער שיכט אין אַ סתירה: פון איין זייט דאַרף ער זיין פ אַ ר דער יידישער איינוואַנדערונג, פון דער צווייטער זייט דאַרף ער האַלטן מיט דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. היות אָבער, ווי די נאַציאָנאַלע באַוועגונג פון די עפענדיס האָט אין זינען נאָר זייער אייגענעם קלאַסן־אינטערעס און די נאַציאָנאַלע קולטור שטייט אויפן צווייטן פלאַן, היות, ווי דער אלף און תיו פון דער דאָזיקער נאַציאָנאַלער באַוועגונג איז דער קאַמף מיטן ציוניזם, דערפאַר הויבט אָן דאָס מיטעלע אַראַבישע שטאָט־בירגערטום אָפּצושטיין פון דער אַראַבישער באַוועגונג פון די עפענדיס. אין דער לעצטער קעמפן, כידוע, צוויי משפּחות, די הוסיינס און די אַזוי גערופענע אָפּאָזיציע. די צוויי גרופּן שטעלן מיט זיך נישט פאָר קיין סאָציאַל פאַרשידענע שיכטן, נאָר איין עפענדישער שיכט און צוויי משפּחות, וואָס קעמפן פאַר פּריאָריטעט. דאַקעגן האָט די נוצרישע אָפּאָזיציע, וועלכע האָט די ערשטע פאַרראַטן די פאַן־אַראַבישע באַוועגונג צוליבן קריסטלעכן מאַנדאַט און הויפּזעכלעך צוליב די גרויסע צאָל רעגירונגס־שטעלן, וואָס זי האָט באַקומען, געקאָנט ווערן דער געזעלשאַפטלעכער כוח, אָן וועלכן עס האָט זיך געקאָנט אָנשפּאַרן דאָס מיטעלע שטאָטישע בירגערטום, וואָס באַשטייט טאַקע אין אַ גרויסן טייל פון קריסטלעכע סוחרים.

אַזאַ לאַגע האָט זיך געשאַפן אין משך פון די פאָר יאָר, וואָס זײַנען אַוועק זייט דעם זעקסטן אַראַבישן קאָנגרעס אין יאָר 1923. די השפּעה

פון די הוסיינס איז געפאַלן, אויך דער אויבערשטער מוסולמענישער ראַט האָט פאַרלוירן זיין פּרעסטיזש. אין משך פון יאָרן האָט מען נישט גע־קאָנט צוליב די אינערלעכע דרייפאַכע סיכסוכים (הוסיינס, מוסולמענישע אָפּאָזיציע און די נוצרים) צונויפזאַמלען דעם זיבטן אַראַבישן קאָנגרעס. דאָ זענען די הוסיינס געפאַלן אויף אַן אַלטן אויסגעפּרוווטן מיטל: אויפ־צוהעצן די רעליגיעזע שטימונגען אין דער מאַסע, און אויף אַזאַ אופן הייבן זייער פּרעסטיזש. ווען ס׳האָט אין אָנהויב 1928 געדאַרפט צונויפקומען זיך דער קאָנגרעס פון די מיסיאָנערן אין ירושלים, איז דאָס געווען אַ מציאה פאַר די הוסיינס, וועלכע האָבן אין דעם ענין דערזען אַן „אצבע אלהים" — מען האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם קאָנגרעס, בכדי צו הייבן דעם געפאַלענעם פּרעסטיזש. מען האָט דערקלערט אַ שטרייק אין ירו־שלים און אַפילו אַרויסגערופן אַ מאַסן־דעמאָנסטראַציע אין עזה, וועל־כע איז דערשטיקט געוואָרן דורך דער פּאָליציי, וואָס האָט געשאָסן אין המון. דערמיט האָט מען פאַרמאַכט דעם מויל דער מוסולמענישער אָפּאָזיציע, ווייל די הוסיינס זענען דאָ אַרויסגעטראָטן אַלס די קעמפער פאַר דער רעליגיע, און שטיל געמאַכט די קריסטלעכע אָפּאָזיציע, וועלכע האָט מורא געהאַט צו זאָגן אַ וואָרט, זיי האָבן זיך דערשראָקן פאַר דער אָרגאַניזירונג פון די מוסולמענער, און דער אַראַבישער אויספיר־קאָמיטעט האָט אויסגענוצט די סיטואַציע, בכדי צונויפצורופן דעם זיבטן אַראַבישן קאָנגרעס. מען דאַרף דאָך נישט פאַרגעסן, אַז די הוסיינס האָבן באַהערשט סיי דעם אויספיר־קאָמיטעט, וועמענס פּאָרזי־צער ס׳איז מוסאַ קאַזים פּאַשאַ אל הוסייני, און אויך דעם אויבערשטן מוסולמענישן ראַט, וועמענס פּאָרזיצער איז דער מופטי, האַדזשאַ אַמין אל הוסייני. דער סעקרעטאַר פון אויבערשטן מוסולמענישן ראַט איז דזשעמאַל אל הוסייני, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן אויך דער סעקרעטאַר פון אויספיר־קאָמיטעט, און וועלכער געפינט זיך איצט אין לאָנדאָן, אַלס שליח פון אַראַבישן קאָמיטעט.

די מוסולמענישע אָפּאָזיציע האָט תחילת נישט געוואָלט אָנטייל־נעמען אין קאָנגרעס, ווייל ער האָט זיך געדאַרפט פאַרנעמען בלויז מיט דער פראַגע פון אַ פּאַרלאַמענט און ציוניזם, און לגמרי נישט באַרירן די פראַגע פון דעם אויבערשטן מוסולמענישן ראַט און די פראַגע, ווער עס זאָל זיין זיין פּאָרזיצער. די קריסטלעכע אָפּאָזיציע האָט באַשלאָסן פריער צו אָרגאַניזירן זיך אין לאַנד־מאַסשטאַב, ווייל די געשיכטע מיט דעם קאָנגרעס פון די מיסיאָנערן האָט זי פאַררוקט אין אַ ווינקל.

דערווייל האָט מען אָנגעהויבן פירן אונטערהאַנדלונגען מיט דעם רעגירונגס-סעקרעטאַר מילס, וועלכער האָט פאַרזיכערט, אַז מען וועט קאָנען דערגרייכן אַ פאַרלאַמענט. די רעגירונג האָט געדאַרפט האָבן דעם קאָנגרעס, בכדי צו אָרגאַניזירן דעם כוח קעגן דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט צו יענער צייט אָנגעהויבן שטעלן גרעסערע פאָדערונגען דער רעגירונג בנוגע דער איינוואַנדערונג. דער קריזיס אין לאַנד איז שוין אַריבער און די אַרבעטסלאָזיקייט איז פאַרשוווּנדן. די הבטחות פון דער רעגירונג האָט משפיע געווען, און מען מאַכט אַ גיכן שלום. מען גיט געוויסע הנחות די נאַשאַשיביס, און דערמיט ברעכט מען די מוסולמענישע אָפּאָזיציע. די נוצרים האָבן געמוזט צושטיין, ווייל אַחוץ עלעמען האָט מען אויך זיי געגעבן הנחות, ווי אַ דריטל דעלעגאַטן. אָבער די פראַגע פון מוסולמענישן אויבער-ראַט האָט נישט געדאַרפט באַרירט ווערן. אויף אַזאַ אופן איז זיך צונויפגעקומען דער זיבעטער אַראַבישער קאָנגרעס דעם 20-טן יוני 1928. דעם דאָזיקן קאָנגרעס פון די עפענדיס האָט עס באַגריסט אַ גרופּע אַרויסגעטראָטענע פון דער פּ. ק. פּ. יידישע אַרבעטער — 53 אין צאָל, די גרופּע איז געקומען צום קאָנגרעס. און ד פּ. ק. פּ. האָט זיך באַגנוגנט דערמיט, וואָס זי האָט באַגריסט דעם קאָנגרעס בלויז אין דער פּרעסע.

נאָכן קאָנגרעס, ווען דער שטעקן אויף דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איז שוין געווען, האָט די רעגירונג, פאַרשטייט זיך, חרטה געקריגן אויף אירע הבטחות און אמערי אין ענגלישן פאַרלאַמענט האָט דערקלערט, אַז וועגן אַ פאַרלאַמענט אין ארץ-ישראל איז נישטאָ וואָס צו רעדן. אַוודאי איז די דערקלערונג נישט געווען אַזוי קלאָר און קאַטעגאָריש, אָבער דאָס איז געווען איר אייגנטלעכער זין.

דאָס האָט ווידער געשטעלט אין קלעם די הוסיינס. די רעגירונג, וועלכע האָט ביז דער לעצטער צייט געשטיצט די הוסיינס קעגן דער מוסולמענישער אָפּאָזיציע, האָט אין דעם פאַל פאַרשטאַנען נישט צו גיין ווייטער, און אין דער עיקר-פראַגע — וועגן די תקנות פון אויבערשטן מוסולמענישן ראַט, און צי וועט חאַדזשאַ אמין אל הוסייני זיין ווייטער פאָרזיצער אויפן גאַנצן לעבן, צי נישט, — האָט די רעגירונג נישט אונטערגעהאַלטן די הוסיינס. אין זייער קלעם, האָבן זיך די הוסיינס געווענדעט צום אויסגעפּרוּווטן מיטל, צו דער פאַרטיידיקונג פון דער מוסולמענישער רעליגיע, און זיי האָבן אָרגאַניזירט דעם יום-טוב פון חנוכת מסגד אל אקצא, וועלכן מען האָט פאַרריכט אין משך פון

פיר יאָר און דערביי, פאַרשטייט זיך, פאַרדינט דרייסיק טויזנט פונט (עס איז צונויפגעקליבן געוואָרן אויף דעם פאַרריכטן אַן ערך 95 טויזנט און אויסגעגעבן געוואָרן איז לויט די אָפיציעלע חשבונות אַן ערך 67 טויזנט פונט). אויף דעם טאַקע האָט געשלאָגן די אָפּאָזיציע. „די קריסטן און די קריסטלעכע צייטונגען זענען נישט איינגעלאַדן געוואָרן פון אויסלאַנד איז נאָר געקומען דער עמיר אַבדאַללאַ. אָבער די אָפּאָזיציע האָט פאַרוואַנדלט דעם יום-טוב אין אַ קאַנצן־יאָמער" „און האָט טיטולירט דעם פּאַרזיצנדן פון מוסולמענישן ראַט, אַלס מחלל פון הייליקייטן און פאַרשווענדער פון מוסולמענישע געלטער... אָבער די סכנה איז נאָך גרעסער געוואָרן דורך דעם, וואָס עס האָט זיך אַריינגעמישט די אָריענט-אַגענטור אין קאַאיר, וואָס געפינט זיך אונטער דער השפעה פון עמיר מישעל לופט-אללא, דעם פיינט פון די הוסיינס. אַלע צייטונגען אין אָריענט און אין דרום-אַפריקע באַקומען ידיעות פון דער דאָזיקער אַגענץ, די איינציקע לעת עתה אין דער אַראַבישער וועלט. דעריבער איז עס אויך געווען אַ סכנה פאַר אמין אל הוסיינען צו פאַרלירן זיין גוטן נאָמען אין דער אַראַבישער און מוסולמענישער וועלט אויסער ארץ-ישראל".*)

אין דעמדאָזיקן קלעם האָט די רעגירונג אונטערגערוקט די הוסיינס אַלע אַ רעטונגס-מיטל, דעם ענין מיטן כותל-מערבי, אָן וועלכן די הוסיינס האָבן זיך אָנגעכאַפּט, בכדי צו ראַטעווען זייער לאַגע און פאַרלאָרענעם פּרעסטיזש.

פון דעם אַלעמען דאַרף קלאָר ווערן פאַר יעדן אָביעקטיוון פאָרשער, אַז די אַזוי-גערופענע אַראַבישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג האָט קיין שום שייכות נישט מיט דעם קאַמף קעגן אימפּעריאַליזם, וואָס עס ווילן אין איר אַריינרעדן די אָפיציעלע קאָמוניסטישע אינסטאַנצן. אין משך פון דער גאַנצער צייט, און נישט ווי עס שרייבט די פּ. ק. פּ. אין איינער פון אירע אויסגאַבן „פּאַרויס", זינט פאַר די אויגוסט-געשעענישן, איז זי קיינמאָל נישט געווען קעגן דער ענגלישער אימפּעריאַליסטישער רעגירונג. פון אָנהייב האָט דער קעניג הוסיין געוואָלט באַקומען פון ענגלאַנד אַ פּאַן-אַראַבישע מלוכה אונטערן ענגלישן פּראָטעקטאָריאַט, דער קעניג פייזול איז אַפילו געגאַנגען אויף גרויסע קאָמפּראָמיסן ביז דער אָנערקענונג פון דער באַלפור-דעקלאַראַציע, בכדי צו

*) מ. אסף — „דבר" פון 5 — 10 דעצעמבער 1929

באַקומען פון די ענגלישע הענט אַ קלענערע אַראַבישע מלוכה. די הוסיינס האָבן שפּעטער-צו שוין אויסגעטוישט די קלענערע אַראַבישע מלוכה אויף אַ פּאַרלאַמענט פאַר זיך, די קריסטלעכע אָפּאָזיציע האָט זי פאַרביטן מיט הויכע שטעלעס, אָבער אַלע צוזאַמען האָבן זיך אָנגעהאַנגען אָן דעם רייטוואָגן פון ענגלישן אימפּעריאַליזם. און דווקא פאַרקערט, די עפענדיס, וועלכע קעמפן קעגן דעם קאַפּיטאַליזם, האָבן לעצטנס געמוזט אָנהויבן מיטהעלפן דעם פּאָליטישן קאַמף מיט עקאָנאָמישע מיטלען, און זיי הויבן איצט אָן איבערצוגיין אויף קאַפּיטאַליסטישע יסודות, דאָס הייסט צופּאַסן זיך עקאָנאָמיש צום קאַפּיטאַליזם. דערפון נעמט זיך דער דראַנג פון דעם אויבערשטן מוסולמענישן ראַט צו קויפן באָדנס און פלאַנצן פּרדסים. פאַר די עפענדיס, וועלכע האָבן שוין גרויסע פּרדסים, איז דער בונד מיט ענגלאַנד, און דעריבער דער מאַנדאַט א לעבנס-פראַגע. ענגלאַנד איז דער הויפּט אָפּזאַץ־מאַרק פאַר די פּאַלעסטינער מאַראַנצן, און דאָס גרויס-בירגערטום שטרעבט אומעטום אַרויסצוטרעטן אין דער וועלט אויף די אויסערלעכע מערק אונטער דער בעסטער פירמע. די בעסטע פירמע אויף די אויסלענדישע מערק איז אָן ספק די אויסלענדישע. דער אַראַבישער גרויסער קאַפּיטאַל, וואָס בילדעט זיך איצט אויס, דעקט זיך אין אויסלאַנד אונטער דער בריטישער פירמע. דאָס אַלץ צווינגט די אַראַבישע עפענדיס זיך האַלטן אָן ענגלאַנד און זיין דער געהאָרכזאַמסטער משרת פון ענגלישן אימפּעריאַליזם.

אויף וויפל ער קאָן אָבער אין לאַנד גופא אויסנוצן די בריטישע מאַכט, טוט ער עס, דער עפענדי. ער וויל דעריבער האָבן דעם פּאַרלאַמענט, כדי צו זיין דער באַלעבאָס ביי זיך אין לאַנד און האָבן די אָפיציעלע פאָרשטייערשאַפט פון גאַנצן אַראַבישן פאָלק, די פעלאַכן און בעדויאינער אַריינגערעכנט, אין וועמענס נאָמען ער רעדט איצט אייגנטלעך אָן אַ פולמאַכט. ער וויל אויך אָפּשטעלן די יידישע איינוואַנדערונג, וועלכע רעוואָלוציאָניזירט די ווירטשאַפט און די אַרבעטנדיקע פינצטערע מאַסן. דעריבער איז ער אימפּעריאַליסטיש און אַנטי־ציוניסטיש.

3 די אַראַבישע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס

ווי מיר זעען פון דעם, וואָס איז ביז איצט געזאָגט געוואָרן וועגן דעם אַראַבישן סעקטאָר, ווערט די פּאָליטיק פון דער נאַציאָנאַ-

לער אַראַבישער באַוועגונג אָנגעפירט אויסשליסלעך דורך דער עפענ־דישער קליקע מיט דער הילף פון דער אינטעליגענץ. די אַראַבישע האָ־רעפּאַשנע מאַסן נעמען נישט קיין שום אָנטייל אין דער אָנפירונג פון דער דאָזיקער פּאָליטיק, הגם זיי ווערן אויסגענוצט אַלס אַקטיווער מאַ־טעריאַל דאַן, ווען די עפענדיס דאַרפן זיי האָבן צו אינסצעניזירן די פאָלקס־מיינונג און דעם פאָלקס־צאָרן.

די אַראַבישע האָרעפּאַשנע מאַסע, די פעלאַכן און שטאָטישע אַרבעטער געפינען זיך נאָך אויף אַ זייער נידעריקער מדרגה פון באַ־ווּסטזיין. אָבער אויך ביי איר הויבט זיך שוין אָן דער פּראָצעס פון אָרגאַניזירונג, הגם זייער לאַנגזאַם, אונטער דער אומדירעקטער השפעה פון די יידישע אַרבעטער.

עס זענען נישטאָ קיין סטאַטיסטישע ציפערן וועגן דער צאָל פון אַראַבישע אַרבעטער. דער פאָרזיצער פון דער אַראַבישער אַרבעטער־קאָנפערענץ אין חיפה דעם 11־טן יאַנואַר 1930 האָט דערקלערט, אַז אַראַבישע אַרבעטער זענען דאָ אין לאַנד ביז פופציק טויזנט, און יידישע נאָר צוואַנציק טויזנט. די ציפער זענען אויסגעזויגן פון פינגער, הגם זיי ווערן דערמאָנט אויך אין אויסגאַבן פון פּראָפינטערן. לויט די אַלע לפי־ערכדיקע אויסרעכענונגען קאָן מען אָננעמען, אַז שטאָטישע אַראַבישע אַרבעטער זענען דאָ נישט מער, ווי צוועלף טויזנט; וואָס שייך די דאָרפישע פעלאַכן, קאָן מען נישט אַלע פאַררעכענען צו דער קאַטעגאָריע אַרבעטער, ווייל דאָס רוב פון זיי זענען באַלעבאַטים ביי זיך אין דאָרף, און נאָר אין געוויסע צייטן אין יאָר קומען זיי אַרבעטן אין דער יידישער קאָלאָניע. אמתע לאַנדווירטשאַפטלעכע אַר־בעטער אָן אייגענערווירטשאַפט, וועלכע לעבן ווירקלעך פון אַרבעטס־לוין, איז נישט פאַראַן קיין סך און מען קאָן זיי רעכענען נאָר אויף אַ פּאָר טויזנט. דערונטער ווערן אויך נישט אַריינגערעכנט די פרויען און קינדער, וועלכע קומען אין סעזאָן־צייט אַרבעטן ביים קטיף פון די מאַנדלען און בציר פון די טרויבן. אַרום און אַרום קאָן מען רעכענען, אַז דער אַראַבישער פּראָלעטאַריאַט אין שטאָט און אין דאָרף איז זיכער נישט גרעסער פאַרן יידישן שטאָטישן און דאָרפישן פּראָלעטאַריאַט — דאָס הייסט בערך דרייסיק טויזנט.

אָרגאַניזירט צוזאַמען מיט יידישע אַרבעטער זענען נאָר אַ קליינע גרופּע פון אייזנבאַן־אַרבעטער אין ירושלים און אין חיפה, יפו, אָבער אַפילו די זענען נאָך די געשעענישן אין גרעסטן טייל אַרויס

פון פאַריין. אויך איז פאַראַן אַ קליינע גרופּע בעקער אין תּל־אביב־יפו און אין ירושלים. מיט אַ פּאָר יאָר צוריק איז דער אייזנבאַן־אַרבעטער־פאַריין אין חיפה געשפּאָלטן געוואָרן און די אַראַבישע אייזנבאַן־אַרבעטער זענען אָרגאַניזירט געוואָרן אין א מוסולמענישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אין חיפה, וועלכע האָט, אגב, גענומען אויף זיך די איניציאַטיוו צונויפצורופן דעם 11־טן יאַנואַר די אַראַבישע אַרבעטער־קאָנפערענץ אין חיפה. מיט דער צייט זענען דאָרט אַריין אויך אייניקע קריסטלעכע אַראַבער. אָבער וועגן דער טעטיקייט פון דער אָרגאַניזאַציע האָט מען גאָרנישט געהערט ביז דער קאָנפערענץ. דער קלוב איז דאָרט געווען שטענדיק געשלאָסן.

מיט אַ דריי יאָר צוריק האָט זיך געשאַפן אין יפו אַן אָרגאַניזאַציע פון קריסטלעכע אַרבעטער, וועלכע האָט אָבער אַרומגענומען מער באַלעבאַטים, ווי אַרבעטער. די גרופּע אַראַבישע אַרבעטער, וואָס שטייט אין פאַרבינדונג מיט די לינקע פּועלי־ציון, איז אויך אַריין אין דער אָרגאַניזאַציע. די אָרגאַניזאַציע האָט תּחילת געציילט ביז אַ דריי טויזנט מאַן, פון וועלכע היינט צו טאָג זענען געבליבן אינגאַנצן נישט מער, ווי אַ דריי הונדערט. קיין טעטיקייט אויפן פּראָפעסיאָנעלן געביט האָט די אָרגאַניזאַציע נישט געפירט, און אין דער לעצטער קאָנפערענץ האָט זי אָפיציעל אַלס גאַנצע, קיין אָנטייל נישט גענומען,

אין יפו עקזיסטירט נאָך אַן אָרגאַניזאַציע פון יונגע מוסולמענער, וועלכע פירט אַריינציען אַרבעטער, אָבער זי האָט קיין שום שייכות נישט צו דער אַרבעטער־באַוועגונג. אָט די אָרגאַניזאַציע איז עס די צושטעלערין פון אַלע אַגיטאַטאָרן פאַרן בויקאָט אויף יידישע קראָמען. דאָס איז אַ ריין פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז זיך נוקם און נוטר אָן יעדן אַרבעטער, וואָס גייט פון איר אַרויס און פּרוּווט זיך דערנענטערן צו די יידישע אַרבעטער. עס זענען געווען פאַלן, ווען אירע מיטגלידער האָבן אַפילו געשאָסן אויף די, וואָס זענען פון איר אַרויס. לעצטנס האָט די רעגירונג פאַרמאַכט די אָרגאַניזאַציע אויף דעם סמך, וואָס זי האָט זיך נישט געדאַרפט פאַרנעמען מיט פּאָליטיק און דאָרט זענען געהאַלטן געוואָרן פּאָליטישע דרשות, צווישן זיי אויך פון חמדי אַל הוסייני, דעם סעקרעטאַר פון דער אָפּטיילונג פון דער אַנטי־אימפּעריאַליסטישער ליגע אין מזרח. לויט דער שתּדלנות פון אַראַבישן אויספיר־קאָמיטעט איז די אָרגאַניזאַציע צוריק געעפנט געוואָרן דורך דער רעגירונג.

אין שכם עקזיסטירט שוין אין משך פֿון עטלעכע יאָר אַ ריינע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, — שכם איז דער צענטער פֿון דער זייף־אויסאַרבעטונג, און ציילט ביז טויזנט אַראַבישע אַרבעטער, דער רוב מוסולמענער, נאָר זייער פֿירער איז נישט קיין אַרבעטער, דאָס איז חפוז נימר, וועלכער פֿירט אָבער די אָרגאַניזאַציע אויפֿן ריין פּראָפֿעסיאָנעלן געביט. מיר האָבן לײדער גאַנץ קנאַפּע ידיעות וועגן דער אַרבעט פֿון דער אָרגאַניזאַציע. אין דער לעצטער קאָנפֿערענץ האָבן זיי קיין אָנטייל נישט גענומען.

קיין פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע פֿון אַראַבישע אַרבעטער איז דערווייל נישט בנמצא. עס זענען דאָ איינציקע אַרבעטער, וואָס גייען אַריין אין די לינקע פּועלי־ציון און אין דער פּ. ק. פּ. וועגן זיי וועלן מיר רעדן, ווען מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אין „יידישן סעקטאָר" אויף די ביידע פּאַרטייען, ווייל די פּאַרטייען זענען אינגאַנצן יידישע. עס זענען פֿאַראַן איינציקע אַראַבישע אינטעליגענטן, וועלכע הויבן אָן פֿאַרשטיין, ווהין עס פֿירט די פּאָליטיק פֿון אַראַבישן אויספֿיר־קאָמיטעט, און זיי פּרוּוון זיך דערנענטערן צו לינקס. אָבער די נאַציאָנאַלע רייבונגען פֿירן זיי אַראָפּ פֿון וועג, ווי דאָס איז געשען מיט דעם אַראַבישן אינטעליגענט טובאַסי, וועלכער איז מיט צוויי יאָר צוריק געשטאַנען נאָענט צו פּועלי־ציון און צום מאַרקסיזם בכלל, אָבער דער „אַנטי־אימפּעריאַליסטישער" קאַמף פֿון דער פּ. ק. פּ., וועלכע האָט זיך אויסגעדריקט אין אונטערהאַלטן די אַראַבישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג און דעם אַראַבישן אויספֿיר־קאָמיטעט, האָט אים אַראָפּגעפֿירט פֿון וועג, און אין דער פֿאַרזאַמלונג פֿון 25־טן אויגוסט אין מעטשעט אין יפֿו איז ער, טובאַסי, געווען דער הויפּט־רעדנער פֿאַר אַרויסטרעטן קעגן יידן אין תּל־אביב.

די דאָזיקע אַלע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס און יחידים האָבן קיין שום השפּעה נישט אויף דער נאַציאָנאַל־אַראַבישער פּאָליטיק. נאָך מער: זיי נעמען נישט אין איר קיין שום אָנטייל, און הויבן זיי נישט אָן צו פֿאַרשטיין. דער נאַציאָנאַלער מאָמענט און אָפּטמאָל אויך דער רעליגיעזער שפּילט ביי זיי די הויפּט־ראָל, און היות ווי די יידישע אַרבעטערשאַפֿט, אין אַלגעמיין גענומען, האָט כמעט גאָרנישט געטון, בכדי מיטצוהעלפֿן דעם אַראַבישן אַרבעטער אין זיין אָרגאַניזירונגס־פּראָצעס, און אָפֿט אַפֿילו געטון דעם היפּוך דערפֿון, איז דער אַראַבישער אַרבעטער און פֿעלאַך אויסגעליפֿערט גע־

וואָרן אײַנגאַנצן דעם עפּענדי, װעלכער נוצט אויך אויס דעם מאָמענט, בכדי צו פאַרגרעסערן זײַן השפּעה אויף דער מאַסע. װען מיר רעדן דעריבער און אַנאַליזירן די פּאָליטיק פון דער נאַציאָנאַל־אַראַבישער באַװעגונג, קומט אונז אויס אויסשליסלעך אָפּצושטעלן זיך אויף דער פּאָליטיק פון די עפּענדיס און נאָר אויף זייערע קלאַסן־אינטערעסן, װעלכע באַשטימען די דאָזיקע פּאָליטיק.

V. דער יידישער סעקטאָר

עס איז גאַנץ קלאָר, אַז אין ערשטן קאַפּיטל איז גאַנץ גענוי באַהאַנדלט געוואָרן די ראָל פון דער יידישער איינוואַנדערונג אין דער אַנטוויקלונג פון דער פּאַלעסטינערווירטשאַפט. נישט קיין קלע־נערע ראָל שפּילט דער יידישער סעקטאָר, דאָס הייסט דער יידישער ישוב און די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און אויך די ציוניסטישע באַ־וועגונג, אַלס גאַנצע, אין דער פּאָליטיק פון פּאַלעסטינע. בכדי אָבער צו פאַרשטיין גענוי דעם אָנטייל פון דעם יידישן סעקטאָר אין דער פּאָליטיק אין לאַנד, מוז מען אויפבלעטערן אַ בלאַט געשיכטע. מען מוז אַנאַליזירן די אַלע כוחות אין יידישן לעבן, וועלכע האָבן זיך אַנטפּלעקט אין דעם פּראָצעס, וואָס ווערט אָנגערופן „בנין הארץ", מען מוז אויך אָנווייזן די אַנטוויקלונג פון דער ציוניסטישער פּאָלי־טיק אין משך פון די לעצטע דרייסיק יאָר. דערפאַר וועלן מיר זיך אָפּשטעלן באַזונדער אויף די פאַרשידענע קלאַסן אין יידישן פאָלק, אויף וויפל זיי האָבן גענומען אַן אָנטייל אין ציוניסטישן פּראָצעס.

1. די יידישע בורזשואַזיע

אין ארץ ישראל זוכט דאָס יידישע בירגערטום אַן עיר מקלט, ווו עס זאָל נישט ווערן אַרויסגעשטויסן פונם פּראָדוקציע־פּראָצעס דורך דער הערשנדיקער בורזשואַזיע אַ דאַנק דער נאַציאָנאַלער קאָנ־קורענץ, אַן עיר מקלט, ווו עס זאָל אַליין זיין דער שאַלטער און וואַלטער פון דער ווירטשאַפט. מיט איין וואָרט, דאָס יידישע בירגער־טום שטרעבט צו ווערן אַ טעריטאָריאַלע בורזשואַזיע. דאָס איז דער בולטער נאַקעטער קלאַסן־אינטערעס פון דער יידישער בורזשואַזיע אין ציוניזם, וועלכער ווערט אָבער, ווי אומעטום ביי אַלע אומות העולם דורכן בירגערטום פאַרשלייערט מיט נאַציאָנאַלע כלל־ישראל פראַזן און פּאָליטיק — אַנדערש וואָלט די בורזשואַזיע נישט געהאַט קיין מעג

לעבקייט נאָכגושלעפּן נאָך זיך דעם המון, וועלכער דערזעט נישט זיין קלאַסן-לאַגע אַ דאַנק דעם נאַציאָנאַלן דרוק. זעענדיק נאָר דעם נאַציאָנאַלן דרוק, לאָזט זיך די מאַסע פירן דורך דער בורזשואַזיע צוליב איר נאַציאָנאַלער פּסיכאָלאָגיע, און פאַרשטייט נישט איר קלאַסן-תוך.

דאָס יידישע בירגערטום איז אויך נישט איינהייטלעך. עס באַשטייט אין דער גרעסטער טייל פון קליינבירגערטום, טיילווייז פון דער מיטלער בורזשואַזיע, און נאָר אין גאָר אַ קליינער מאָס פון דער גרויס-בורזשואַזיע. אויב פון דער נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ ליידט דאָס יידישע קליינבירגערטום און מיטל-בורזשואַזיע, זענען אָבער די אויסערלעכע פאָרמען פון דעם אַרויסשטויסונגס-פּראָצעס נישט דיזעלבע ביי די צוויי טיילן פון דער יידישער בורזשואַזיע: אַ דאַנק דער נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ ווערט דאָס יידישע מיטל-בירגערטום אַרויסגעשטויסן פון אינדוסטריע-פּראָצעס, און דאָס יידישע קליינבירגערטום ווערט אַהין גאָרנישט צוגעלאָזן. איז אויב דער אידעאַל פון ביידע טיילן פון יידישן בירגערטום איז איינער און דערזעלבער, „די עפּנטלעך-רעכטלעך געזיכערטע היים אין פאַלעסטינע”, ווייל דאָס איז דער קעגנזאַץ צו דער איצטיקער לאַגע, — זענען אָבער די וועגן, מיט וועלכע די ביידע טיילן פון יידישן בירגערטום ווילן דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל, גאַנץ פאַרשידן. די פאַרשידנהייט שטאַמט פון דער סאָציאַלער נישט גלייכער לאַגע פון אָט די טיילן. דאָס יידישע מיטלבירגערטום ווערט אַרויסגעשטויסן פון אינדוסטריע-פּראָצעס, אָבער דער אַרויסשטויסונגס-פּראָצעס איז דאָך אַ פּ ר אָ צ ע ס, דאָס הייסט, ער דויערט לאַנג. דאָס איז נישט קיין מאָמענטאַלע דערשיינונג, נאָר אַ פּליסנדיקע, וועלכע דאַרף פאַרענדיקט ווערן מיטן אַרויסשטויסן די יידישע מיטל-בורזשואַזיע פון דער פּראָדוקציע אינגאַנצן. אין משך פון דעם דאָזיקן פּראָצעס געפינט זיך אָבער נאָך די יידישע מיטלבורזשואַזיע אין דער פּראָדוקציע; אמת, זי פילט זיך דאָרט נישט זיכער, אָבער די „געזיכערטע היים” איז פאַר איר נישט אַ פראַגע פון מ אָ מ ע נ ט, נאָר פון אַ היסטאָרישער תקופה. דעריבער האָט זי מער סאָציאַלן געדולד און וויל שאַפן פאַר איר קינפטיקער ווירטשאַפטלעכער און דערפאַר אויך פּאָליטישער הערשאַפט אין פאַלעסטינע די נויטווענדיקע באַדינגונגען. אַנדערש איז עס ביי דער יידישער קליין-בורזשואַזיע: זי ווערט דאָך לכתחילה גאָרנישט צוגעלאָזן צום

פראָדוקציע־פּראָצעס; קעגן זיך זעט זי נישט בלויז דעם אָרטיקן נישט יידישן קליינבירגער, נאָר אויך די יידישע און נישט־יידישע מיטל־בורזשואַזיע. די יידישע קליין־בורזשואַזיע האָט דעריבער נישט קיין צייט אויף צו־טראַכטן פאַר זיך די נויטווענדיקע באַדינגונגען פאַר דער „גע־זיכערטער היים". זי איז סאָציאַל אומגעדולדיקער.

דאָס איז געווען דער זין פון דעם אַלטן קאַמף אין דער ציו־ניסטישער אָרגאַניזאַציע צווישן דעם חובבי־ציוניזם און דעם אַזוי־גע־רופענעם פּאָליטישן ציוניזם. דאָס קליין־בירגערטום איז אומגעדולדיק, האָט נישט קיין צייט, און דערפאַר האָט עס געשריגן: טון, וואָס מען קאָן, אַפילו זיך אַריינגנבענען אין לאַנד, אַבי שוין עפּעס טון ממשותדיקעס. דערפון האָט זיך געגומען די קליין קאָלאָניזאַציע, וועלכע איז דורך די ציוניסטן פאַרשריגן געוואָרן אַלס חיבת ציון.

די יידישע מיטל־בורזשואַזיע — זי איז געווען די טרעגערין פון פּאָליטישן ציוניזם, און זי האָט געבויט די „געזיכערטע היים" לויט איר בירגערלעכן באַגריף.

הגם די בורזשואַזיע איז מאַטעריאַליסטיש אינם וווּלגאַרן זין פון וואָרט, ווייל איר אידעאַל איז מאַמאָן — דער גאָט פון געלט, איז זי אָבער ווייט נישט מאַטעריאַליסטיש אין פילאָזאָפישן זין פון וואָרט. זי באַזירט נישט אויף דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג — אויף דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו־כוחות — אין דעם פאַל וואָלט זי געקומען צום סאָציאַליזם — דער היסטאָריש־נויטווענדיקער פאַזע פון עקאָנאָמישן לעבן פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. זי איז אין דער היסטאָרישער פאַזע נישט נאָר נישט פאַראינטערעסירט; דווקא פאַר־קערט, די פאַזע איז קעגן אירע קלאַסן־אינטערעסן. דערפאַר נעמט זי אָן די פילאָזאָפישע שיטה, וועלכע אַנטשפּרעכט יאָ אירע קלאַסן־אינטערעסן — זי ווערט אידעאַליסטיש אין וויסנשאַפטלעכן זין פון וואָרט. זי האַלט פון דער אַנטוויקלונג פון דער אידעע, לאָזנדיק די עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן אין סטאַטוס־קוואָ. אין עקאָנאָמישן לעבן איז דאָס בירגערטום קאָנסערוואַטיוו, ווייל יעטוועדע ענדערונג אויף דעם געביט קאָן נאָר פאַרערגערן איר לאַגע, ווערט איר לאָזונג אין עקאָנאָמישן לעבן: „שמש בגבעון דום". זי זוכט פאַרבעסערן איר עקאָנאָמישע לאַגע, ווען זי געפינט עס נישט פאַר מאָסגעבנד נאָר דורך אידעאָלאָגישע מאָסנאַמען.

און ווען די יידישע בורזשואַזיע האָט זיך דערפילט ספּעציעל

אין די לעצטע יאָרן אומהיימלעך, איז איר אומצופרידנהייט נישט גע־
גאַנגען קעגן קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם, ווייל אין תוך איז זי דאָך
געווען פון אים צופרידן. איר איז נאָר נישט געפעלן געוואָרן דאָס,
וואָס זי מוז זיך באַגנוגענען מיט די קאַפּיטאַליסטישע שיריים. כדי צו
ענדערן דידאָזיקע לאַגע, וויל זי אַ „נאַציאָנאַלע היים" אין פּאַלע־
סטינע. דעמדאָזיקן ציל וויל זי אָבער דערגרייכן מיט אידעאַליסטי־
שע מעטאָדן. פון זיי איז דער ערשטער, דער קולטורעלער מעטאָד —
ווערט די אויסברייטערונג פון די קולטורעל־נאַציאָנאַלע פאָרמען דער
ערשטער קאַמפּס־פּראָנט פון יעטוועדער בורזשואַזיע, ווען זי שטרעבט
אויסצובּרייטערן די ראַמען פון אינערלעכן מאַרק. דערפאַר איז אויך
דער קולטוריזם געוואָרן די ערשטע שיטה, מיט וועלכער די יידישע בור־
זשואַזיע איז געגאַנגען בויען איר „נאַציאָנאַלע היים". דער העברעיזם איז
געוואָרן דער לאָזונג פון דער ציוניסטישער בורזשואַזיע. דעריבער
האָט עס ארץ־ישראל געדאַרפט ווערן אין דער ערשטער ריי דער
קולטור־צענטער (אחד העמיזם), — כי מציון תצא תורה. דעריבער
האָט מען עס דאָס יידיש לאַנד אָנגעהויבן בויען פון אַ שולע (די
לאַנדווירטשאַפטלעכע שולע אין מקוה ישראל אין יאָר 1771), און די
ערשטע יידישע שטאָט — תל־אביב — פון דער גימנאַזיע „הרי
צליה" — דאָס איז דער אַלטער אויסגעפּרוּווטער מעטאָד בכלל, און
ביי דער יידישער בורזשואַזיע האָט ער נאָך הינטער זיך די היסטאָ־
רישע באַרעכטיקונג — אין יוחנן בן זכאיס פּאָליטיק (דער בונדישער
קליינבירגער האָט איבערגענומען דעם דאָזיקן מעטאָד פון יוחנן בן
זכאי פולשטענדיק, מער נישט, ער האָט אים באַפּוצט מיט אַ מאַטע־
ריאַליסטישער פראַזעאָלאָגיע).

אין דער קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע קומט־צו צו דעמדאָזיקן
קולטור־מעטאָד נאָך איינער, וועלכער דרינגט אַרויס פון דעם מהות
פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. דאָ געהערט דאָס אייגנטום
נישט צו דעם, וועלכער אַרבעט אויף אים, נאָר צו דעם, וועלכער האָט
די נויטיקע מאַטעריעלע מיטלען צו קויפן פרעמדע אַרבעט. דאָס קויפן
ווערט פאַרפיקסירט דורך געוויסע פּראָצעדורן און פאַרענדיקט זיך
מיט דאָקומענטן. געהערט אַלזאָ דאָס אייגנטום צו דעם, וועלכער האָט
אין קעשענע דעם דאָקומענט—די „קופּטשאַיא קריעפּאָסט", דעם קושאַן.
כל־זמן די בורזשואַזיע האָט נישט דעם דאָקומענט, הויבט זי נישט אָן
צו בויען אויפן באָדן. דעריבער האָט די יידישע בורזשואַזיע, די מי־

טעלע, געהאַלטן פאַר דער נויטיקער פאָרבאַדינגונג אויף צוטרעטן צו אַרבעטן ווירטשאַפטלעך אין ארץ־ישראל, די דערגרייכונג פון קושאן. פריער האָט דאָס געהייסן „טשאַרטער", שפּעטער האָט עס באַקומען דעם נאָמען „מאַנדאַט" און „באַלפור־דעקלאַראַציע". דערפון שטאַמט דער פּאָליטישער ציוניזם.

דאָס יידישע קליינבירגערטום האָט נישט געהאַט קיין צייט אויף דעמדאָזיקן לאַנגן וועג פון קולטורעלן און פּאָליטישן ציוניזם,—דערי־בער איז די קליין־בורזשואַזיע געוועזן די יעניקע, וואָס האָט אַליין אָנגעהויבן גיין אין ארץ־ישראל מיט כמעט פופציק יאָר צוריק, בשעת דאָס יידישע מיטל־בירגערטום איז געבליבן נאָך אויף לאַנגע יאָרן אָן אַ זייט פון דעם אימיגראַציע־שטראָם, און האָט זיך באַגנוגנט מיטן דיריזשירן מיט דער גאַנצער פּאָליטיק פון דער ציוניסטישער אָרגאַ־ניזאַציע. דאָס קליין־בירגערטום איז אויף אַזאַ אופן געוואָרן דער פּיאָנער, דער חלוץ פון דער יידישער מיטל־בורזשואַזיע. עס האָט אָבער געהאָרכזאַם אויסגעפירט די אָנווייזונגען פון דער מיטעלער בור־זשואַזיע, וועלכע האָט געגעבן די ריכטליניע די ציוניסטישע קאָנגרעסן.

דאָס קליין־בירגערטום קוקט אַלעמאָל אַרויף צו דער מיטעלער און גרויסער בורזשואַזיע, הגם געשיכטלעך איז עס פּאַראורטיילט אַראָפּצולאָזן זיך אונטן, צו די זיך פּראָלעטאַריזירנדיקע שיכטן. אָב־יעקטיוו פּאַראורטיילט צום טויט, שטרעבט דאָס קליין־בירגערטום צום לעבן. די מיטעלע און גרויסע בורזשואַזיע ווערט פאַר איר סוביעקטיוו דער אידעאַל, צו וועלכן זי שטרעבט. דעריבער ווערן זיי פאַר איר די וואָרטזאָגער און וועגווייזער, הגם עקאָנאָמיש און אָביעקטיוו ליידט זי פון זייער קאָנקורענץ. אַריבערקומענדיק קיין ארץ־ישראל, קוקט די יידישע קליין־בורזשואַזיע אויף צוריק, אויף די בירגערלעכע שיכטן, וועמענס פּיאָנער זי איז געשיכטלעך דאָ, און וועמענס דיריזשאָר־שטע־קעלע זי מוז פאָלגן. אגב מוז דאָך דאָס יידישע בירגערטום, וואָס איז געבליבן אין חוץ־לארץ, שאַפן די מאַטעריעלע מיטלען פאַר דער ווירטשאַפטלעכער אַרבעט אין לאַנד, — וואָגט דעריבער נישט דאָס יידישע קליינבירגערטום אין ארץ־ישראל צו מאַכן קיין אַטענ־טאַט אויף די פּאַרצוגס־אַקציעס פון יידישן מיטל־בירגערטום אין דער ציוניסטישער אונטערנעמונג.

דעריבער האָט דאָס קליינבירגערטום געהאָרכזאַם אויסגעפירט דאָס פּראָגראַם אין ארץ־ישראל און געשאַפן די אַלט־נייע קולטור־

סביבה, געשאַפן די נעבעכדיקע העברעיִסטישע קולטור, אין דער צייט, ווען די מיטעלע בורזשואַזיע האָט אויסגעפירט אין חוץ־לארץ די פונקציע צו שאַפן דעם קושאַן, דאָס הייסט פאַרנומען זיך מיט דער הויך־דיפלאָמאַטיע פון פּאָליטישן ציוניזם.

די יידישע בורזשואַזיע האָט תחילת פאַרשטאַנען, אַז אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט ווערט קיין זאַך נישט געגעבן אומזיסט: זי האַלט נישט, כּידוע, אַז מען דאַרף געבן אייגענע אַרבעט, אָבער פרעמדע פאַרגליווערטע אַרבעט אין פאָרם פון קאַפּיטאַל, פאַרשטייט זי, מוז מען באַצאָלן פאַר קושאַן־אַרבעט. דעריבער האָט דער נאַאיוו־ערלעכער סירקין, וועלכער האָט זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון די באַגריפן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, הגם אין דער נשמה איז ער געווען אַ רעוואָלוציאָנער און בונטאַר, אַרומגעטראָגן זיך מיט פלענער וועגן פאָרן צום סולטאַן און אָפּקויפן ביי אים ארץ־ישראל. די יידישע בורזשואַזיע האָט געוואָלט פרווון פאַרבייטן געלט, וועלכע זי האָט נישט געהאַט און נישט געוואָלט געבן, מיט הויך־דיפלאָמאַטיע און גוטע הבטחות. די בירגערלעכע וועלט ווייס ווי אָפּצושאַצן הבטחות, וועלכע האָבן נישט קיין גאַראַנטיעס. ווען עס איז געקומען דער היסטאָרישער מאָמענט נאָך דער מלחמה, ווען די אונטערדריקטע פעלקער, אין וועמענס נאָמען עס האָט זיך כּלומרשט געפירט די אימפּעריאַליסטישע וועלט־מלחמה, האָבן געשטעלט זייערע פאָדערונגען און באַדאַרפט באַקומען זייער באַפרידיקונג, האָט די יידישע בורזשואַזיע „נישט געהאַט וואָס פאָרצווייזן“. און דער סוף איז געווען, אַז דער טשאַרטער פאַרן יידישן פאָלק אין ארץ־ישראל האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ מאַנדאַט פון דער ענגלישער רעגירונג אויף פּאַלעסטינע מיט התחייבותן, אָן קיין שום גאַראַנטיעס: דער ענגלישער געניטער פּאָליטיקער האָט אָפּגענאַרט דעם יידישן דיפלאָמאַט פון פינסק. דער פאַרקויפער, דער פעלקער־בונד, נישט באַקומענדיק קיין פרייז פון קויפער, פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, האָט אָנשטאָט אַ קושאַן געגעבן אַ התחייבות אויפן קושאַן, איבערלאָזנדיק דעם קושאַן אין די הענט פון דעם שליש, וועלכער האָט באַשטעטיקט די התחייבותן פון דער פעלקער־ליגע אין דער פאָרם פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע. און ווי דער שטייגער פון אַלע שלישים אין דער גאַנצער וועלט, פאַרוואַלטעט ער איבער דעם, וואָס איז אים פאַרטרויט געוואָרן, ווי זיין האַרץ גלוסט און צו זיין אייגענעם נוצן.

די יידישע בורזשואַזיע האָט געמאַכט צו דעם בייזן שפּיל אַ גוטע מינע. זי האָט גענומען פאַר גוט די התחייבותן אָן גאַראַנטיעס, און האָט זיך אָנגעהויבן נוהג זיין, אינערלעך פאַר זיך, אַזוי ווי זי וואָלט שוין דעם קושאַן געהאַט אין קעשענע. אגב האָט זי דאָך נאָך געהאַלטן ביים פּאַרפּעסטיקן די קולטור־פּאָזיציעס אין לאַנד; צו דעם צוועק האָט זיכער נישט געשאַדט דאָס, וואָס דאָס בירגערטום האָט נאָך נישט געהאַט קיין טשאַרטער, און נאָר אַ באַלפור־דעקלאַראַציע.

דערביי איז אָבער דער גאַנצער חשבון געמאַכט געוואָרן אָן דעם באַלעבאָס. עס האָט זיך גלייך אַרויסגעוויזן, אַז אַחוץ דעם פאַרקויפער און דעם קויפער איז נאָך דאָ אַ דריטער צד, דער אַראַבישער עפענדי, דער פאַקטישער אייגנטימער פון אָביעקט פון דער מכירה. דער פאַרקויפער, די פעלקער־ליגע, האָט אים איגנאָרירט, ווייל זי האָט זיך געשטיצט אויף דעם שליש, וועלכער — ווי זי האָט גוט פאַרשטאַנען — וועט זיך שוין מיט אים געבן אַן עצה. דער קויפער אָבער — די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע — האָט זיך נישט געהאַט אויף וואָס צו שטיצן, און דעריבער האָט זי פאַרמאַכט די אויגן, אויסגענוצט טיילווייז די שטרויס־פּאָליטיק, און טיילווייז געוואָלט איינרעדן זיך און אַנדערע, אַז אויב דער שליש דאַרף אים איבערגעבן דאָס לאַנד, וועט ער עס שוין אויך באַשיצן. דעריבער האָט זי, די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, דאָס רעכט צו האַנדלען, ווי איר האַרץ גלוסט, און אינגאַנצן זיך נישט רעכענען מיט דער אָרטיקער אַראַבישער באַפעלקערונג. אויב ענגלאַנד האָט אַזוי געהאַנדלט, איז עס געווען היסטאָריש באַרעכטיקט, ווייל זי האָט געהאַט דעם כוח דערצו. אויב די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט אַזוי געהאַנדלט, איז עס געווען אַ כלעס־טאַקאָו־פּאָליטיק, וועלכע האָט געבראַכט צו די רעזולטאַטן, וועלכע זענען אומפאַרשטענדלעך אַפילו פאַרן יידישן בירגערטום אַליין.

דאָס יידישע בירגערטום האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, אַז זיין איינפאַכער אַריינדרינגען אין לאַנד איז קעגן די אינטערעסן פון דער פעאָדאַלער אַריסטאָקראַטיע און אין די אינטערעסן פון לאַנד — דעריבער אויך אין די אינטערעסן פון דער אָרטיקער אָרעמער האָרעפאַשנער באַפעלקערונג. אין דער געשיכטע איז כמעט אַ כלל, אַז די נאַציאָנאַל אונטערדריקטע גרופּן מוזן אַ געוויסע צייט גיין מיט די סאָציאַל אונטערדריקטע שיכטן פון דער הערשנדיקער נאַציע.

אַזוי איז אויך געווען דער פֿאַל ביי דער קאָלאָניזאַציע פֿון פּאַלעסטינע. אָנשטאָט צו דערקלערן אַן אָפֿענעם קאַמף דער פֿעאָדאַלער אַריסטאָקראַטיע און זוכן אַ דערנענטערונג מיט די אָרעמע שיכטן פֿון דער אַראַבישער באַפֿעלקערונג, האָט דאָס יידישע בירגערטום געזוכט אַ דיפּלאָמאַטישע דערנענטערונג מיט די אַריסטאָקראַטן, און איגנאָרירט און אָפּטמאָל געשעדיקט די אַראַבישע האָרעפּאַשנע מאַסן. דאָס יידישע בירגערטום האָט פֿולשטענדיק נאָכגעמאַכט אין דעם פֿאַל די ענגלישע רעגירונג, נישט פֿאַרשטייענדיק דעם אימפּעריאַליסטישן אינטערעס פֿון ענגלאַנד און נישט דעם קלאַסן־אינטערעס פֿון אַראַבישן עפֿענדי. דעריבער האָט דער לעצטער געקאָנט אויסנוצן די איגנאָרירטע און אָפּט פֿון אָנהייב באַעוולטע אַראַבישע מאַסע אין קאַמף פֿאַר זיינע קלאַסן־אינטערעסן קעגן דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

די נעגאַטיווע באַציונג, אָדער ריכטיקער פֿולשטענדיקע איגנאָרירונג פֿון די אַראַבישע האָרעפּאַשנע מאַסן מצד דעם ציוניסטישן בירגערטום האָט געהאַט אַ געוויסן גרונט: אויב אין דער אַלטער היים האָט דאָס יידישע בירגערטום נישט איינמאָל אויסגענוצט דעם וועג פֿון אָריענטירן זיך אויף די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פֿון דער הערשנדיקער נאַציע, ווי דאָס איז געווען דער פֿאַל מיטן אויסקלייבן אַלס דעפּוטאַט אין דער דריטער דומע אין יאָר 1911 דעם סאָציאַליסט יאַגעללאָ אין וואַרשע און ד. גל. — איז אָבער דאָ, אין דער אַלט־נייער היים די לאַגע געווען אַנדערש. דאָס יידישע בירגערטום איז געווען אינגאַנצן פֿרעמד די אַראַבישע מאַסן, און דער קולטורעלער ניוואָ פֿון די מאַסן איז געווען אַזאַ, אַז דאָס בירגערטום האָט אים נישט געקאָנט נעמען אין אַכט. און, לסוף, די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָט צופֿיל אָנגעשראָקן דאָס יידישע בירגערטום, עס זאָל קאָנען אַפֿילו טראַכטן וועגן דער אָריענטאַציע אויף אַרבעטער־מאַסן, דערצו נאָך — פֿון אַ פֿרעמדער נאַציאָנאַליטעט. דעריבער איז דער יסוד פֿון דער אויסערלעכער אַזוי צו זאָגן פּאָליטיק פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע געווען די אָריענטאַציע אויפֿן אימפּעריאַליסטישן ענגלאַנד און עווענטועל קאָקעטירן מיטן אַראַבישן אַריסטאָקראַט.

אין דער אינערלעכער פּאָליטיק, כּלפּי פּנים, איז די אָריענטאַציע פֿון יידישן בירגערטום תּחילת געווען דווקא אויף דער יידישער אַרבעטערשאַפֿט. אין דער ערשטער ריי איז דאָ נישט געווען דער פּחד, ווייל דאָס איז געווען אַן אייגן־נאַציאָנאַלע אַרבעטערשאַפֿט, און

דערצו נאָך טאַקע פון דער בירגערלעכער אָפּשטאַמונג: די אַרבע-
טערשאַפט איז געווען אַ משלנודיקע. דערצו איז אויך געווען אַ וויכ־
טיקערע און טיפערע סיבה. די ליידן פון דער נאַציאָנאַלער קאָנקו-
רענץ האָבן נאָך גרעסער געמאַכט אין די אויגן פון יידישן בירגער-
טום די סכנה פון נאַציאָנאַלע רעוואָלוציעס: פאַר די אויגן שטייט
דער לעבעדיקער בײַשפּיל פון עסטאָניע, ווו די קלאַסן־דיפערענצירונג
איז געגאַנגען אויף דער ליניע פון דער נאַציאָנאַלער צעטיילונג. דע־
ריבער האָבן דאָרט די נאַציאָנאַלע רייבונגען געמוזט אָננעמען אַ סאָ־
ציאַלן כאַראַקטער: דער עסטאָנישער פּאַראָבעק (לאַנדווירטשאַפטלעכער
אַרבעטער) האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם גרויסן גוט-באַזיצער, דעם דייטשן
באַראָן, אַלס דייטש. אויטאָמאַטיש איז ער אָבער פּטור געוואָרן פון
פּריץ. אין זיין פּחד פאַרן אַראַבישן פעלאַך, ער זאָל נישט אויפשטיין
קעגן יידישן באַלעבאָס אַלס ייד, און אַראָפּוואַרפן אים אַלס באַלעבאָס,
האָט דאָס יידישע בירגערטום געמוזט שטרעבן צו באַזעצן אין ארץ-
ישראל דעם יידישן אַרבעטער. די קאָלאָניזאַציע איז געפירט געוואָרן
אין אַ קליינעם מאָסשטאַב, און מען האָט געמוזט נאָר באַנען דעם
וועג ווירטשאַפטלעך אין דער קולטורעלער און פּאָליטישער תקופה
פון ציוניזם. אַנדערש איז געוואָרן די לאַגע זייט די 15 — 13 ציוי-
ניסטישע קאָנגרעסן, ווען דער בירגערלעכער ציוניזם איז אַריבער צו
דער תקופה פון „עת־לבנות". פאַר דער תקופה זענען נויטיק געווען
גרויסע קאַפּיטאַלן, וועלכע מען האָט געמוזט זוכן אויסער די ראַמען
פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. ביי דער פאַרגרעסערטער ווירט-
שאַפטלעכער אַרבעט האָט מען שוין נישט געקענט פאַרטרויען די
ראָל פון פּיאָנערן פון בירגערטום דעם קליינבירגערטום, נאָר מען
האָט אַליין געמוזט אַריבערקומען, אָדער לכל-הפחות אַנידערשטעלן די
עקספּלואַטאַציע פון די קאַפּיטאַלן אויף געזונטע קאָמערציעלע יסודות.
דערפון שטאַמט די יידישע אַגענץ. ביי דער לאַגע האָט זיך געמוזט
בייטן אויך די אָריענטאַציע—פון אַ פּאָזיטיווער באַציונג לגבי דעם יידישן
יידישן אַרבעטער, האָט זי זיך געמוזט פאַרוואַנדלען אין אַ נעגאַטיווער.
ווייל דער נישט ציוניסטישער בורזשואַ פון דער אַגענץ האָט נישט
קיין ווייטע פּערספּעקטיוון, און זיין אידעאַל איז מאָמענטאַלע רענ־
טאַבלע ביזנעס. אויב אויפן לעצטן 15-טן קאָנגרעס האָט ווידער די
דאָזיקע אַנטי־אַרבעטער ליניע געמאַכט אַ זיג-זאַג, איז שולדיק אין
דעם אַ זייטיקע דערשיינונג פאַרן ציוניסטישן בירגערטום — די ליי־

באַר־רעגירונג אין לאָנדאָן. דאָס איז אָבער נאָר אַ מאָמענטאַלער זיגזאַג אין דער פּאָליטיק, וועלכע האָט געמוזט געענדערט ווערן אין די לעצטע יאָרן.

מיר וועלן ווייטער זען, ווי די אַרבעטערשאַפט האָט רעאַגירט אויף דער פּאָליטיק, און פאַרוואָס. דאָ מוז אָבער פעסטגעשטעלט ווערן דער פאַקט, אַז פאַר די לעצטע יאָרן האָט זיך אָנגעהויבן רייסן דער שלום־בית צווישן יידישן בירגערטום און אַרבעטערשאַפט. דאָס יידישע בירגערטום האָט געהאַט אַן אינטערעס נישט צו דערלאָזן, אַז די יידישע אַרבעטערשאַפט זאָל אַרויסגיין פון אונטער איר השפּעה, הגם ווירטשאַפטלעך האָט דאָס בירגערטום דערצו אַליין געשטויסן. די ווירט־שאַפטלעכע הילף דער יידישער אַרבעטערשאַפט פון פּאָליטישן פּעריאָד האָט דאָס בירגערטום געוואָלט פאַרבייטן מיט פּאָליטישע קאָמבינאַציעס אין דעם נייעם ווירטשאַפטלעכן פּעריאָד פון דעם בירגערלעכן ציו־ניזם; דאָ ליגט די דערקלערונג פון דעם שפּיל, וואָס דאָס יידישע בירגערטום האָט אויפגעשפּילט אַרום דעם כותל־מערבי.

2. די יידישע אַרבעטערשאַפט

די איבערוויגנדיקע מערהייט פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ ישראל איז פון אַ בירגערלעכער, אין גרויסער מאָס, אינ־טעליגענטישער אָפּשטאַמונג. בכדי צו פאַרשטיין די אידעאָלאָגיע און די פּאָליטיק פון דער אַרבעטערשאַפט אין לאַנד, מוז מען דעריבער אויפדעקן די סיבות, וועלכע שטויסן דעם יידישן אַרבעטער אין גאָר דער וועלט צום פּאַלעסטיניזם, די סיבות, וועלכע שטויסן די יידישע קליינבירגערלעכע אינטעליגענץ צום יידישן פּראָלעטאַריאַט, און הויפּט־זעכלעך דעם אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פון דער אינטעליגענטיש־יידישער אידעאָלאָגיע. דער דאָזיקער אַנאַליז וועט אפשר אויף אַ מאָמענט נויטן אונדז אָפּטרעטן אָן אַ זייט. מיר טוען עס אָבער אין דער איבערצייגונג, אַז אָן אים מוז לגמרי אומפאַרשטענדלעך זיין דער וועג פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ ישראל; די אין פלוג מערקווירדיקע דערשיינונג, וועלכע איז אונדז ביז איצט נישט באַקאַנט געווען ביי אַנדערע אומות העולם: אָנשטאָט דער שטרעבונג פון אונטן, פון די אָרימע שיכטן צום בירגערטום און הויפּטזעכלעך צו דער אינטעליגענץ, מערקן מיר אין יידישן לעבן אַ פאַרקערטע שטרעבונג—פון דער אינטעליגענץ צום פּראָלעטאַריאַט.

מיר האָבן שוין געפּרוּווט אין אַן אַנדער אָרט (זשורנאַל „צווייי" דער אַרטיקל „וועגן „דער אינטעליגענץ און דער מאַסע") דערווייזן, אַז די אינטעליגענץ בכלל איז לויט איר סאָציאַלן מהות קליינבירגערלעך. זי דינט אָבער דער בורזשואַזיע, און אָפט צוליב איר קאָמפּליצירטער אידעאָלאָגיע, גייט זי מיטן פּראָלעטאַריאַט פּאָליטיש, ווידער טאַקע אויך נאָר ביז אַ געוויסער גרענעץ.

אַזוי איז די לאַגע, ווען די סאָציאַלע פאַרהעלטנישן ווערן נישט קאָמפּליצירט דורך נאַציאָנאַלע קאָנפליקטן. די לעצטע פאַרטושן די קלאָרקייט און בולטקייט פון די קלאַסן־באַציונגען און קלאַסן-אינטערעסן. דעריבער איז די אידעאָלאָגיע פון דער יידישער אינטעליגענץ, דער אינטעליגענץ פון אַן אונטערדריקטער נאַציע, אַ סך קאָמפּליצירטער און אייגנאַרטיקער, און דאָס איז די סיבה פון דער אויבן דערמאָנטער מערקווירדיקער דערשיינונג.

דאָס גאַנצע היסטאָרישע לעבן פון יידישן פאָלק גייט אונטער דעם צייכן פון דעם אומאויפהערלעכן קאַמף צווישן דער שטרעבונג זיך צוצופּאַסן צו די באַדינגונגען פונם אַרומיקן נישט־יידישן לעבן— דער אַ ס י מ י ל אַ צ י ע ־ פאַקטאָר, און דער אוממעגלעכקייט אַריינצודרינגען אין דעם דאָזיקן נישט־יידישן לעבן — דער א י ז אָ ל אַ צ י ע־פאַקטאָר, וואָס איז אַ פועל־יוצא פון דער נעגאַטיווער באַציונג מצד יעדן נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם צו יעדער פרעמדער קערפּערשאַפט, וועלכער פּרוּווט אין אים אַריינדרינגען און אונטערשיידעט זיך פון אים מיט דער שפּראַך, קולטור — פּסיכאָלאָגישע־אייגנשאַפטן, מנהגים וכדומה. אויף דעם דאָזיקן גרונט וואַקסט אויס די נאַציאָנאַלע קאָנקורענץ.

איז די פרעמדע נאַציע סאָציאַל־איינהייטלעך, דאַן טראָגט די נאַציאָנאַלע קאָנקורענץ דעם כאַראַקטער פון אַ נאַציאָנאַל-איינהייטלעכן קאַמף.

דער געשיכטלעכער פּראָצעס פון אינערלעכער צערזעצונג אויפן סאָציאַלן געביט, ספּעציעל אין דער תקופה פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, ווירקט אויף דער נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ אין דער ריכטונג, אַז ביי געוויסע סאָציאַלע קלאַסן שטאַרקט זיך דער נאַציאָנאַלער אַנטאַגאָניזם. ביי אַנדערע ווערט ער שוואַכער, און ביי אַנדערע ווידער פאַרשווינדט ער כמעט לגמרי· די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג ברעקלט

דאָס נאַציאָנאַלע פּראָבלעם לויט די קלאַסן, און ביי יעדן קלאַס באַקומט דאָס נאַציאָנאַלע פּראָבלעם אַן אַנדער פאָרם און אינהאַלט.

פון דער נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ ליידט אַם מערסטן די נאַציאָנאַל־פרעמדע און דעריבער שוואַכערע נאַציאָנאַליטעט, און דאָס ווירקט אויף די אַנטשפּרעכנדיקע סאָציאַלע שיכטן־קלאַסן פון דער פרעמדער נאַציאָנאַליטעט.

אין יידישן פאָלק ליידן פון דער נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ ניט אַלע קלאַסן גלייך: דעריבער זענען די נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען ביי יעדן קלאַס פון יידישן פאָלק פאַרשידן.

די פאַרהעלטנישמעסיק קליינע אין צאָל יידישע גרויס־בורזשואַזיע ליידט כמעט אינגאַנצן נישט פון דער נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ מצד דעם אַנטשפּרעכנדיקן נישט־יידישן אָרטיקן שיכט: דער גרויס קאַפּיטאַל איז אָפּגעריסן פון זיין טרעגער, און היות ווי נאָר דער טרעגער פון קאַפּיטאַל איז נאַציאָנאַל, אָבער דער קאַפּיטאַל גופא, אָפּגעריסן פון זיין טרעגער, איז אין נאַציאָנאַלן זין אַנאָנים, — פאַרשווינדט דאָרט אין דער סביבה פון גרויסן קאַפּיטאַל די נאַציאָנאַלע קאָנקורענץ.

זייער שטאַרק ליידט פון דער נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ די יידישע מיטעלע בורזשואַזיע, ווי מיר האָבן עס שוין אויבן דערמאָנט, ווייל זי ווערט אַרויסגעשטויסן פון פּראָדוקציע־פּראָצעס דורך דער אָרטיקער בורזשואַזיע; זי איז דאָך נישט אָפּגעריסן פון איר קאַפּיטאַלן. נאָך שטאַרקער איז דער רושם פון דער נאַציאָנאַלע קאָנקורענץ אויפן יידישן קליינבירגערטום, וועלכער ווערט צום פּראָדוקציע־פּראָצעס נישט צוגעלאָזן, און וועמען עס קומט אויס צו קעמפן, ווי מיר האָבן געזען, אויף צוויי פראָנטן.

עטוואָס שוואַכער ווי ביים קליינבירגערטום, איז די השפעה פון דער נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ אויף די זיך פּראָלעטאַריזירנדיקע שיכטן, וועלכע קעמפן פאַרן אַריינדרינגען אין דעם אינדוסטריע־פּראָצעס, פאַר אַן אַרבעטס־פּלאַץ. דער קאַמף איז דאָ, אמת, זייער אַ שאַרפער, ווייל עס האַנדלט זיך דאָך וועגן דער עקזיסטענץ־מעגלעכקייט, אָבער ער גייט נאָר אויף איין פראָנט: פאַרטיידיקן זיך קעגן די אָנגריפן פון די זיך פּראָלעטאַריזירנדיקע שיכטן פון אָרטיקן הערשנדיקן פאָלק.

אַ סך שוואַכער ווירקט די נאַציאָנאַלע קאָנקורענץ אין די

רייען פון פראָלעטאַריאַט, און ביי אַ געוויסער מדרגה פון באַוווּסט־זיניקייט פאַרשווינדט זי דאָ לגמרי, ווייל יעדער אַרבעטער מוז זען אין דעם צווייטן נישט קיין קאָנקורענט, נאָר אַ מיטקעמפּער קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, וועלכע דריקט דאָך אַלע אַרבעטער אָן אונטערשיד פון נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקייט. דער פּראָלעטאַריאַט אָבער פון דער אונטערדריקטער נאַציע ליידט אומדירעקט פון דער נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ. די נאַציאָנאַלע קאָנקורענץ אין די רייען פון די זיך פּראָלעטאַריזירנדיקע שיכטן שוואַכט אָפּ דעם צופלוס צום פּראָלעטאַריאַט,— דעריבער ווערט ער שוואַכער אין קאַמף מיטן קאַפּיטאַליזם און זוכט אויסצו־ברייטערן די ראַמען פון זיין קלאַסן־קאַמף—די סטראַטעגישע באַזע.

די אינטעליגענץ געפינט זיך בנוגע צו דער נאַציאָנאַלער קאָנ־קורענץ אין דער לאַגע פון קליינבירגערטום, צו וועמען זי געהערט לויט איר סאָציאַלן מהות. אויף דעם אינטעליגענט פון דער אונטער־דריקטער נאַציע ווירקן, ראשית, די רעזולטאַטן פון דער נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ ביי דער יידישער מיטעלער בורזשואַזיע און קליין-ביר־גערטום, וועמען די אינטעליגענץ דינט; והשנית, קומט אויס דער אינטעליגענץ אויסצושטיין די קאָנקורענץ מצד דער אינטעליגענץ פון דער הערשנדיקער נאַציע, וועלכע זעט אין דער יידישער אינטעליגענץ ווייער אַ געפערלעכן קעגנער, ספּעציעל צוליב די ספּעציפישע גייסטיקע פעיקייטן פון יידן בכלל און פון דער יידישער אינטעליגענץ בפרט.

די יידישע אינטעליגענץ שטרעבט נאַטירלעך צו דינען דער נישט־יידישער בורזשואַזיע, ווייל דער סאָציאַלער מצב פון דער לעצטער איז נישט אָן ערך פעסטער. דעריבער ווערט די יידישע אינטעליגענץ אַ ס י מ י ל אַ ט אָ ר י ש געשטימט: זי וויל אינגאַנצן זיין ענלעך צו דער נישט-יידישער בורזשואַזיע, בכדי עס זאָל זיך נישט מערקן איר יידישע אָפּשטאַמונג. זי שטרעבט דעריבער זיך צוצופּאַסן אין קלייניקייטן צו דער נישט־יידישער סביבה. די נישט־יידישע אינטעליגענץ וויל בשום אופן נישט דערלאָזן דעם מסוכּענעם קאָנקו־רענט צו איר באַלעבאָס — דער נישט־יידישער בורזשואַזיע. דעריבער ווענדעט זי אָן אין קאַמף קעגן דער יידישער אינטעליגענץ אַלע מיטלען, וועלכע זי איז נאָר אימשטאַנד צו געברויכן. דאָס איז דער סאָציאַלער גרונט פון דער פּראָצענט־נאָרמע, פון נומערוס קלאַוזוס, און פון די אַלע איבעריקע געזעצלעכע און אומגעזעצלעכע באַגרענ־צונגען, כדומה. אין דער סביבה פון דער יידישער אינטעליגענץ

האָבן אַלזאָ געווירקט די צוויי היסטאָרישע יידישע פאַקטאָרן – דער אַסימילאַציע און איזאָלאַציע־פאַקטאָר גאָר אין אַ גרויסער מאָס.

דער דאָזיקער קאַמף צווישן דעם אַסימילאַציע־פאַקטאָר פון אינעווייניק און דעם איזאָלאַציע־פאַקטאָר פון אויסנווייניק שפּאַלט די יידישע אינטעליגענץ אויף צוויי נישט גלייכע אין צאָל גרופּן. פון איין זייט געפינט זיך די גרופּע, ביי וועלכער דער אַסימילאַציע־פאַקטאָר האָט גובר געווען אַלע מניעות און דראָט־פאַרצוימונגען פון דעם איזאָלאַציע־פאַקטאָר. די גרופּע, וועלכער עס איז געלונגען אַ דאַנק געלט, פּראָטעקציע און ספּעציעלע פעיקייטן, מיט גרויס אָנשטרענגונג דאָך אַריבער־רייסן זיך איבער די דראָט־פאַרצוימונגען אויף יענער זייט צום שונא– דאָס איז די קלענערע אין צאָל גרופּע פון דער דיפּלאָמירטער יידישער אינטעליגענץ, וועלכע איז דורך און דורך אַסימילאַטאָריש געשטימט און קאָן בשום אופן נישט פאַרטראָגן, ווען עמיצער אָדער עפּעס דערמאָנט איר וועגן איר יידישער אָפּשטאַמונג; דאָס איז די גרופּע פון דייטשן, פראַנצויזן, פּאָליאַקן און אפילו אַראַבער פון משה רבינוס גלויבן, (אַראַבער פון משה רבינוס גלויבן זענען אויך דאָ, אמת, אין גאָר אַ קליינער צאָל. זיי פאַרשווינדן אַלץ מער און מער צוליב דער אַנטוויקלונג פון דערווירטשאַפט, וועלכע געפינט זיך על פּי רוב אין יידישע הענט, ווי מיר האָבן עס געזען).

די צווייטע גרופּע פון דער יידישער אינטעליגענץ איז די, ביי וועלכער עס האָט גובר געווען דער איזאָלאַציע־פאַקטאָר. דאָס הייסט, אַ דאַנק דער נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ איז זי נישט דערלאָזן צו דיפּלאָמען, און אויף אַזאַ אופן האָט זי נישט די מעגלעכקייט צו דינען דער בורזשואַזיע בכלל און דער נישט־יידישער בפרט. די דאָזיקע גרופּע איז זייער צאָלרייך. זי, די נישט־דיפּלאָמירטע יידישע אינטעליגענץ, (נישט־געענדיקטע גימנאַזיסטן און סטודענטן, בוכהאַלטערס, קאָרעספּאָנדענטן, יידישע און העברעישע לערער, עקסטערנעס, סתּם ישיבה־בחורים, פאַרסמטע פון דער השכלה־באַוועגונג וכדומה) בלייבט אויף אַזאַ אופן פון דער זייט באַריער פון דער נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ און מוז זוכן פאַר זיך אַן אויסוועג.

איר אומגליק איז די נאַציאָנאַלע קאָנקורענץ, פון דאָרט קומען אַלע אירע צרות. דעריבער מוז זי זוכן דעם אויסוועג אין דער ריכטונג, ווו די נאַציאָנאַלע קאָנקורענץ הויבט אָן צו פאַרשווינדן

י אָס הייסט, אין דער ריכטונג פֿון דעם סאָציאַלן קלאַס, ווו עס מערקט זיך דער אָנהויב פֿון פֿאַרשווינדן פֿון דער נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ — ביים פּראָלעטאַריאַט. דער לעצטער מוז אין זיין קלאַסן־אינטערעס אומעטום אַרויסטרעטן אַלס פּאַרטיידיקער פֿון אַלע אונטערדריקטע און אונטעריאָכטע. אַלע באַעוולטע דורך דער עקזיסטירנדיקער אָרדנונג זענען זיינע נאַטירלעכע פֿאַרבינדעטע אין קאַמף קעגן דער דאָזיקער אָרדנונג. איז גאַנץ נאַטירלעך און פֿאַרשטענדלעך, אַז דער טייל פֿון דער נישט־דיפּלאָמירטער אינטעליגענץ זוכט שוץ ביי דעם דאָזיקן קלאַס, זייענדיק באַעוולט דורך דער עקזיסטירנדיקער אָרדנונג און ווערנדיק פֿול מיט שנאה צו איר. אויף אַזאַ אופֿן ווערט דער טייל אינטעליגענץ ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש געשטימט. ביי אים זענען נאָך געבליבן די אַסימילאַטאָרישע טענדענצן — די שטרעבונג זיך צוצופּאַסן צו דער אַרומיקער נישט־יידישער סביבה, מיט וועלכן ער האָט געוואָלט דורכברעכן די וואַנט פֿון דער נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ. און אגב איז דער נישט־יידישער פּראָלעטאַריאַט פֿריער אַרויס אויף דער פּאָליטישער אַרענע, פֿאַר דעם יידישן, און אַפֿילו דאַן, ווען דער יידישער פּראָלעטאַריאַט טרעט שוין יאָ אַרויס פּאָליטיש, איז זיין השפּעה שטאַרק באַשרענקט אין פּאָליטישן אוןווירטשאַפֿטלעכן זין, ווייל ער געפֿינט זיך אין דער קליינער פּראָדוקציע און אין דער אינדוסטריע פֿון געברויכס־מיטלען. אָט די אַלע מאָמענטן — די אַסימילאַטאָרישע שטימונגען פֿון דער אינטעליגענץ פֿון דער פֿריערדיקער תקופֿה, דער פּרימאַט פֿון נישט־יידישן פּראָלעטאַריאַט כראָנאָלאָגיש און הויפּטזעכלעך די ברייטערע האָריזאָנטן און מעגלעכקייטן זיינע פֿון קאַמף — דאָס אַלץ ברענגט דערצו, אַז די נישט־דיפּלאָמירטע אינטעליגענץ גייט תּחילת צום נישט־יידישן פּראָלעטאַריאַט: זי ענדערט נאָר איר ס אָ צ י אַ ל ע וועלט־אָנשויונג און נישט די נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע: זי איז ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש - אַ ס י מ י ל אַ ט אָ ר י ש.

מיר האָבן פֿריער געזאָגט, אַז אין פּראָלעטאַריאַט הויבט אָן פֿאַרשווינדן די נאַציאָנאַלע קאָנקורענץ; זי איז אָבער נאָך נישט אינגאַנצן פֿאַרשוונדן. אין דער צוקונפֿט, אין פּאָטענץ איז דער קלאַס פֿריי פֿון דער נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ, אין דער קעגנוואַרט איז אָבער נאָך די לאַגע עטוואָס אַנדערש. דער נישט־יידישער פּראָלעטאַריאַט רעקרוטירט זיך פֿון צוויי עלעמענטן: פֿון אויבן, פֿון די זיך פּראָלעטאַריזירנדיקע שיכטן פֿון שטאָטישן קליינבירגערלעכן עלעמענט, און

פֿון אונטן—פֿון דעם זיך פּראָלעטאַריזירנדיקן פּויערטום. דער פּויער איז על־פּי־רוב אַנטיסעמיטיש געשטימט. ער האָט געהאַט פֿאַר זיך געשיכטלעך נאָר דעם ייִד, דעם שענקער, די רעכטע האַנט פֿון דעם עקספּלואַטאָר, דעם פּריץ. דעריבער זעט דער פּויער, ווען ער קומט אַריבער אין שטאָט, אין יעדן ייִד דעם עקספּלואַטאָר. דאָס איז אגב געווען אַ מאָטיוו, וועלכן עס האָבן געוואָלט אויסנוצן די רוסישע רעוואָלוציאָנערן פֿון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", ווען זיי האָבן אַרויסגעלאָזט די באַרימטע פּראָקלאַמאַציע צו מאַכן פּאָגראָמען אויף ייִדן: זיי האָבן געהאַלטן, אַז אָנהייבנדיק פֿון דעם עקספּלואַטאָר דעם ייִד, וועט דער פּויער אַריבערגיין צו זיינע אייגענע עקספּלואַטאָרן.

פֿון דער צווייטער זייט האָבן זיך די זיך־פּראָלעטאַריזירנדיקע שיכטן פֿון דער הערשנדיקער נאַציע גוט אָנגעלייטן איידער זיי זענען אַריין אין ווירטשאַפֿטלעכן פּראָצעס און באַקומען אַ שטענדיקן אָרט אין דער פּראָדוקציע. אגב איז דאָך דער איבערגאַנג פֿון די זיך־פּראָלע־טאַריזנדיקע שיכטן צום פּראָלעטאַריאַט נישט קיין מאָמענטאַלער; די איבערגאַנגס־צייט דויערט גענוג לאַנג. אין דער דאָזיקער איבערגאַנגס־צייט פֿירן די זיך־פּראָלעטאַריזירנדיקע שיכטן אַ שווערן קאַמף פֿאַרן אַרבעטס־פּלאַץ מיט דעם אַנטשפּרעכנדיקן ייִדישן שיכט. זיי זענען אַרויס פֿון דעם קאַמף ווי זיגער, ווייל זיי האָבן זיך געשטיצט אויף דער הערשנדיקער נאַציאָנאַלער קולטור אין ברייטן זין פֿון וואָרט. אָבער פֿון דעם דאָזיקן אַזוי גליקלעך פֿאַר זיי געענדיקטן קאַמף האָבן זיי געבראַכט מיט זיך אין די רייען פֿון פּראָלעטאַריאַט די אַנטיסע־מיטישע שטימונגען.

אָט אָ דידאָזיקע אַנטיסעמיטישע שטימונגען פֿון פּויערטום און פֿון די זיך־פּראָלעטאַריזירנדיקע שיכטן ווערן אַריינגעפֿירט אויף אַזאַ אופֿן אין פּראָלעטאַריאַט און ווירקן דאָרט ווייטער ערשטנס אַדאַנק דער אי־נערלעכער אינערץ, — די פּסיכאָלאָגיע בייט זיך אַ סך פּאַמעלעכער ווי די סאָציאַלע לאַגע; והשנית, גייט דאָך אַלץ ווייטער דער שטראָם פֿון אונטן און פֿון אויבן צום פּראָלעטאַריאַט און עס קומען אַלץ אַריין נייע עלעמענטן, ביי וועלכע די אַנטיסעמיטישע שטימונגען זע־נען נאָך זייער פֿריש, און זיי האַלטן אונטער נאָך ווייטער דיזעלבע שטימונגען אין די גרופּן, ביי וועלכע זיי וואָלטן זיך שוין אויסגעוועבט—ווען נישט דער נייער צופֿלוס. דידאָזיקע אַנטיסעמיטישע שטימונגען אין דעם פּראָלעטאַריאַט בילדן עס די קעגן־מאַכט, וועלכע דערלאָזט נישט

צו זיך אַ צו גרויסן שטראָם פון דער יידישער נישט־דיפּלאָמירטער אינטעליגענץ. און ווען דער דאָזיקער שטראָם ווערט שוין צו גרויס, דאַן הויבן זיך אָן צו אַנטפּלעקן די פריער דערמאָנטע אַנטיסעמיטי־שע שטימונגען, וואָס האָבן געלעבט אין דער פּסיכאָלאָגיע און זיך נישט ארויסגעוויזן. דער נישט יידישער פּראָלעטאַריאַט ווערט, לאָמיר זאָגן, איבערזעטיקט מיט דעם יידישן אינטעליגענטישן עלעמענט, און דאָס זענען די סיבות פון די דערשיינונגען, וועלכע מיר זעען איצט אַפילו אין סאָוועט־רוסלאַנד, שוין אָפּגערעדט וועגן דעם נישט־יידישן פּראָלעטאַריאַט, וואָס לעבט נישט אין סאָוויעט־באַדינגונגען.

דער אַנטיסעמיטיזם אין די רייען פון נישט־יידישן פּראָלעטאַ־ריאַט רופט אַרויס אַ נייע דיפערענצירונג אין דער אידעאָלאָגיע פון דער יידישער נישט־דיפּלאָמירטער אינטעליגענץ. איין טייל, וואָס איז שוין איינגעפונדעוועט אין די רייען פון נישט־יידישן פּראָלעטאַריאַט, אָדער וואָס איז בעסער צוגעפּאַסט צו אים אַדאַנק דעם אויסערלעכן אויסזען און אינערלעכער אַסימילירטקייט (קענטניש פון שפּראַך, קול־טור, מנהגים וכדומה) — דער בלייבט שוין דאָרט. דער צווייטער טייל, אַסך אַ גרעסערער אין צאָל, באַקומט נישט קיין צוטריט צום נישט־יידישן פּראָלעטאַריאַט, אָדער ווערט פון דאָרט אַרויסגעשטויסן און מוז זוכן נייע וועגן. ער האָט שוין דעם פּראָלעטאַרישן געדאַנקן־גאַנג, צו־ליב זיין סאָציאַליזם, ער איז שוין רעוואָלוציאָנער, צוליב זיין אומצו־פרידנקייט מיט זיין לאַגע, ער ווערט אָבער אַרויסגעשטויסן פון דעם נישט־יידישן פּראָלעטאַריאַט, מוז ער בעל־כרחך אויף אַ נאַטירלעכן וועג ווענדן זיינע אויגן צום יידישן פּראָלעטאַריאַט.

דער יידישער פּראָלעטאַריאַט איז אָבער מסוגל אויפצונעמען די יידישע אינטעליגענץ נאָר אין אַ סך אַ קלענערער מאָס, ווי דער נישט־יידישער. ער איז קליין אין צאָל, און שוואַך סאָציאַל צוליב די באַגרענעצטע מעגלעכקייטן צו פירן דעם קלאַסן־קאַמף אין די ראַמען פון דער געברויכס־אינדוסטריע. דעריבער איז ער נישט אימשטאַנד אויפצונעמען צו זיך אין דינסט די צאָלרייכע גרופּע פון דער יידי־שער אינטעליגענץ. אגב האָט ער נישט פאַר איר קיין אַרבעט אין די פירערישע פונקציעס צוליב די קלענערע ראַמען פון זיין פּאָליטישער און ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט.

ביי אַזאַ לאַגע מוז די נישט־דיפּלאָמירטע יידישע אינטעליגענץ זוכן אַן אַנדער אויסוועג, ווי ווערן לויטער פירער אין דער יידישער

סאָציאַליסטישער באַוועגונג. זי מוז דעריבער אַריינגיין אין יידישן פּראָלעטאַריאַט פּשוטו כמשמעו, דאָס הייסט שטעלן זיך מיט אים האַנט ביי האַנט ביי דער אַרבעט — מיט אַנדערע ווערטער, איבערגיין צו פּראָדוקטיווער אַרבעט. פון דער אַנדערער זייט, זענען דאָך די ראַמען פון דער אַרבעט פון יידישן פּראָלעטאַריאַט שמאָל — מוז די אינטעליגענץ אָנהויבן שטרעבן אויסצוברייטערן די דאָזיקע ראַמען פון קלאַסן־קאַמף, און דאָס קאָן דערגרייכט ווערן נאָר דורכן וווּקס אין צאָל פון יידישן פּראָלעטאַריאַט און דורך דעם איבערגאַנג צו די העכערע פּראָדוקציע־צווייגן, דאָס הייסט דורך דער אומשיכטונג. אויף אַזאַ אופן באַקומט זיך ביי דער אינטעליגענץ די שטרעבונג צו פּראָדוקטיוויזירונג. וועלכע טרעפט זיך צונויף ביים יידישן פּראָלעטאַריאַט מיט דער שטרעבונג צו אומשיכטונג.

דער יידישער פּראָלעטאַריאַט נעמט־אויף מיט אָפענע אָרעמס די דאָזיקע אינטעליגענטישע שיכטן, וועלכע פאַרגרעסערן זיין צאָל, און וועלכע ווערן זיינע פאַרבינדעטע אין קאַמף פאַר דער אומשיכטונג. די קלאַסן־באַדערפעניש אין אומשיכטונג און צוציִונג פון נייע כוחות דורך פּראָדוקטיוויזירונג שטויסט דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט צום פּאַלעסטיניזם, צו דער שטרעבונג צו שאַפן אין ארץ־ישראל אַ יידישן טעריטאָריאַלן אַרבעטס־צענטער. דערפאַר ווערט אויך פּאַלעסטיניש־געשטימט די אינטעליגענטישע גרופּע, וועלכע איז געוואָרן נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטיש. איר פּאַלעסטיניזם איז אָבער אינגאַנצן אַן אַנדערער, ווי דער פּאַלעסטיניזם פון פּראָלעטאַריאַט. די סאָציאַלע לאַגע פון פּראָלעטאַריאַט דערלאָזט אים נישט צום זומפּ פון בירגערלעכן ציוניזם. דאַקעגן שטייט אָבער די אינטעליגענטישע גרופּע פּאָרלויפיק, לויט איר סאָציאַלער לאַגע, נאָך נישט איז קאַמף מיטן בירגערטום, והשנית, איז זי דאָך אַליין פון דער בירגערלעכער אָפּשטאַמונג. אדרבה, דאָס דערנענטערט זי צום בירגערטום. מיט טאָ דעם פאַקט ווערט דערקלערט די גאַנצע אידעאָלאָגיע פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל, וועלכע איז לרוב פון דער אינטעליגענטישער גרופּע.

מיר האָבן אויבן דערמאָנט, אַז די סאָציאַלע לאַגע איז לייכטער צו ענדערן, ווי די פּסיכאָלאָגיע. דער יידישער אינטעליגענט האָט געביטן אין ארץ־ישראל זיין סאָציאַלן מצב, ער איז אַריבער סאָציאַל צום פּראָלעטאַריאַט. אינדיווידועל ווענדעט זיך דער פאַקט פון אייגענעם ווילן פון מענטש. ענדערן די פּסיכאָלאָגיע, דאָס הייסט, אויס־

וואָרצלען בײ זיך די פריערדיקע בירגערלעכע השגות און אײנפּלאַנצן נײַע, פּראָלעטאַרישע — דאָס איז נישט אָפּהענגיק פון אינדיווידועלן ווילן פון מענטש: די ענדערונג פון דער פּסיכאָלאָגיע איז אַ פּראָצעס, וואָס ליגט אונטערן באַוווסטזײַן. דעריבער קאָן די ארץ־ישׂראלדיקע אַרבעטערשאַפט זײַן פּראָלעטאַריש לויט איר לאַגע און בירגערלעך לויט איר פּסיכאָלאָגיע. אין דעם באַשטײט אויך דער אונטערשיד צווישן דער ייִדישער אַרבעטערשאַפט אין דער גאַנצער וועלט און אין ארץ־ישׂראל. אין דער גאַנצער וועלט איז דער ייִדישער פּראָלעטאַריאַט ווירטשאַפטלעך שוואַך, אָבער געשטימט רעוואָלוציאָנער; אין ארץ־ישׂראל איז ער ווירטשאַפטלעך שטאַרק, אָבער געשטימט ווײַט נישט רעוואָלוציאָנער, נאָר על־פּי־רוב בירגערלעך.

די ארץ־ישׂראלדיקע אַרבעטערשאַפט, אַדאַנק איר אינטעליגענטיש־בירגערלעכער אָפּשטאַמונג, האָט אַלע אײגנשאַפטן פון דער אינטעליגענץ, וועלכע ווערן נאָך פאַרשטאַרקט אַדאַנק איר איבערגאַנג צו פּראָדוקטיווער אַרבעט.

די אינטעליגענץ, אַלס די מאָנאָפּאָליסטין פון גײַסט, באַקומט זײַער אַ הויכע מײנונג וועגן זיך אַלײן. זי קוקט אויף זיך, ווי אויף דעם בעסטן עלעמענט פון דער געזעלשאַפט. די דאָזיקע אײגנשאַפט ווערט נאָך פיל פאַרגרעסערט בײ דער פּאַלעסטינער אַרבעטערשאַפט, וועלכע פאַרײניקט מיט דער אינטעליגענץ די פּראָדוקטיווע אַרבעט. זי, די אינטעליגענץ, האָט גענומען דעם פּיאָש אין האַנט, — דערײַבער איז זי דאָס אויבערשטע פון שטײסל. די אינטעליגענץ באַציט זיך בכלל מיט ביטול צו דער מאַסע. אין ארץ־ישׂראל ברענגט אָט די אײגנשאַפט פון דער אינטעליגענץ צום פולשטענדיקן ביטול לגבי דעם ייִדישן אַרבעטער אין חוץ־לארץ און צום געדאַנק וועגן דיקטירן אים דעם אײגענעם ווילן. און נישט נאָר אין די ארץ־ישׂראל־פראַגן האַלט דער פּאַלעסטינער אַרבעטער, אַז ער איז דער באַרופענער אַלץ צו לעזן; נײַן, ער האַלט אויך, אַז ער איז באַרופן צו לערנען דער ייִדישער אַרבעטערשאַפט אין חוץ־לארץ, ווי זי דאַרף שאַפן איר לעבן. נאָר דערפאַר האָט געקאָנט אַנטשטײן אין קאָפּ פון אַ צעירי־ציוניק, ווי שפּרינצאַק, דער ווילן צו העברעיזירן דעם גלות!

און נישט נאָר דאָס: דער פּאַלעסטינער אַרבעטער, דער געוועזענער אינטעליגענט, באַציט זיך מיט ביטול צום פּאַלעסטינער אַרבעטער, וועלכער האָט זיך נישט פּראָדוקטיוויזירט ערשט דאָ, נאָר

וועלכער איז געווען אַן אַרבעטער שוין דאָרט, אין דער אַלטער היים. די סטאָלאַרעס, שניידער, שוסטער ווערן אין ארץ־ישראל פאַררעכנט דורכן אינטעליגענטן ערד־אַרבעטער פאַרן פּלעבס, ווייל ער איז דער אַריסטאָקראַט אין דער אַרבעטערשאַפט. יענע זענען ביי אים לויטער שרייקע־מאַכערס", ווי בכלל די גאַנצע אַרבעטערשאַפט אין חוץ־לארץ.

דער אינטעליגענט, כּידוע, איז פול מיט פּראָבלעמען, אָבער אַלע מאָל לייזט ער די פּראָבלעמען פאַר זיך, אויף אַ ריין־יחידישן אופן, ווי דאָס האָבן אַמאָל געטאָן די ערלעכע קריסטן, אַוועקגייענדיק פון דער וועלט אין מדבר. זיי דאגהן נישט פאַר דער מאַסע, אבי צו זיין בשלום מיט זיך, „ערלעך מיט זיך" און זוכן אין בעסטן פאַל פאַר זיך א תיקון־הנפש. אויף דעם בויט זיך די באַרימטע אינטעליגענטישע ביישפּיל־טעאָריע, אַז ווען מיר אַלע וועלן נאָכטאָן דעם אינטעליגענט, וועט די וועלט ווערן דערלייזט. אויף דעם יסוד האָט מען עס געבויט די אַנאַרכיסטישע קאָמונעס. דאָס איז געווען דער יסוד פון דער רוסיש־ניהיליסטישער טעאָריע. דיזעלבע אין אַ פאַרגרעסערטער מאָס האָט איבערגענומען די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטערשאַפט, און דערפון שטאַמט דער באמת געניאַלער געדאַנק פון קאָנסטרוקטיוון סאָציאַליזם: דורך דער קליינער קבוצה שאַפן סאָציאַליזם אין ארץ־ישראל מיטן כּוח, פאַרשטייט זיך, פון ביישפּיל.

אָט דידאָזיקע אייגנשאַפטן ווערן דורך דעם אינטעליגענט אין ארץ־ישראל טעאָרעטיש באַגרינדעט, נישט אַלס איבערבלייבענישן פון זיין אינטעליגענטישן מהות, נאָר „אַלס ווירקלעכער לעבנס־קאַמף פון אָט דעם ווירקלעכן לעבעדיקן ארץ־ישראלדיקן פּראָלעטאַריאַט". פון דער נויטווענדיקייט מאַכט דער אינטעליגענט־אַרבעטער — א טוגנט. „דירעקט און אוממיטלבאַר איז ער (דער יידישער פּראָלעטאַריאַט אין ארץ־ישראל — נ.) נישט פאַרבונדן מיט דער גאַנצער באַזונדערער טראַדיציע פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט און אַרבעטער־באַוועגונג אין אייראָפּע", און דעריבער „קאָן דען געמאָלט ווערן, אַז אַזוינע נייע מאָמענטן זאָלן נישט פאַרלאַנגען אויך אַ באַזונדערע צופּאַסונג, זאָלן נישט ברענגען צו דעם, אַז די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישראל זאָל מוזן זיך בויען, און געפינען זיך אירע וועגן אין אַ געוויסער מאָס אויפסניי, אַרויסגייענדיק פון אָט אָ דער נייער אייגנאַרטיקער ווירקלעכקייט?" און דער אויספיר דערפון איז: „או די אַרבעטער־פּאַרטיי, וועלכע וויל און שטרעבט צו ווערן די מאַסן

פּאַרטיי פון דעם ארץ־ישׂראלדיקן פּראָלעטאַריאַט, מוז, אַלזאָ, נעמען אָט דעם נייעם טיפּ אַרבעטער און געפינען דעם וועג צו אים. רעכענענדיק זיך מיט זיינע אייגנשאַפטן און מיט זיין טיפּ, כדי אויף צוגעפּאַסטע וועגן פירן איבּ צו אירע צילן, צו אירע גרונט־פּרינציפּן".

אָט דאָס איז, אַלזאָ, דער אויספיר פון איינעם פון די נישט־אָנערקענטע טעאָרעטיקער פון דער ארץ־ישׂראלדיקער אַרבעטערשאַפט, וועלכער אָנשטאָט מיטצוהעלפן דעם אינטעליגענט, וואָס האָט געביטן זיין סאָציאַלע לאַגע און נאָך נישט באַקומען קיין פּראָלעטאַרישע פּסיכאָלאָגיע, גיכער צו פּראָלעטאַריזירן זיך אויך אין דער אידעאָלאָגיע, גייט אַרויס פון דער בירגערלעכער אידעאָלאָגיע פון דעם פּראָלעטאַרישן אינטעליגענט און וויל צופּאַסן צו איר די פּראָלעטאַרישע מעטאָדן. דאָ האָבן מיר ווידער פאַר זיך די אינטעליגענטישע פאַרערונג פון אייגענע חסרונות און דאָס וועלן אָנוואַרפן די חסרונות דער נישט־אינטעליגענטישער פּראָלעטאַרישער מאַסע.

אָט דידאָזיקע אייגנשאַפטן כאַראַקטעריזירן און באַגרינדן די באַציִונג פון דער ארץ־ישׂראלדיקער אַרבעטערשאַפט צום בירגערטום.

די ראָל פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט אין דעם רעאַליזירונגס־פּראָצעס פון פּאַלעסטיניזם איז אַ צווייפאַכע: פון איין זייט דורכן קלאַסן־קאַמף אין אַלע לענדער צו ענדערן די פּאָליטישע באַדינגונגען און דערמיט שטעלן דאָס פּראָבלעם פון יידישן פּראָלעטאַריאַט פאַר דער אַלוועלטלעכער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטערשאַפט און שאַפן די פאָרבאַדינגונג פאַר דעם איבערגאַנג פון דער פּאָליטישער מאַכט צום פּראָלעטאַריאַט אין ארץ־ישׂראל און פאַר דער פאַרווירקלעכונג פונם יידישן טעריטאָריאַלן אַרבעטס־צענטר דאָרט; און פון דער אַנדערער זייט דורך דער אייגענער קלאַסן־אַקטיוויטעט שאַפן ווירטשאַפטלעכע און אַנדערע קאַמפּס־פּאָזיציעס, אַנטוויקלען זיי און פאַרפעסטיקן אין איכות און כמות, און אויף אַזאַ אופן שאַפן און צוגרייטן דעם סוביעקט פון דער רעוואָלוציע אין לאַנד גופא.

פאַר די זיך פּראָלעטאַריזירנדיקע שיכטן ספּעציעל פון דער אינטעליגענטיש־בירגערלעכער אָפּשטאַמונג איז אינגאַנצן נישט פאַרשטענדלעך די ערשטע אויפגאַבע פונם פּראָלעטאַריאַט, דער קלאַסן־קאַמף, ווייל זיי האָבן קיינמאָל אין אים נישט גענומען קיין אָנטייל אין די אויסוואַנדערונגס־לענדער, ווייל דאָרט זענען זיי נישט געווען קיין טייל פון פּראָלעטאַריאַט און זיי האָבן נישט געהאַט מיט וועמען

צו פירן דעם קלאַסן־קאַמף; זיי האָבן אים נישט געפירט, ווייל זיין זענען אין גרויסן און גאַנצן לויט זייער אָפּשטאַמונג אַ חלק פון בירגערטום.

נאָך מער: די זיך פּראָלעטאַריזירנדיקע שיכטן פון דער אינ־טעליגענץ, אַריבערקומענדיק אין ארץ־ישראל, הויבן נישט אָן צו פאַרשטיין, אַז זייער אָנקומען אין לאַנד איז אין תוך די דערפילונג פון דער צווייטער אויפגאַבע פון פּראָלעטאַריאַט, ווייל זיי זענען ביר־גערלעך און דעריבער אידעאַליסטיש (אין וויסנשאַפטלעכן זין) געשטימט. לויט זיי, איז זייער אָנקום אין לאַנד אַ ריין וואָלונטאַריסטישער פּראָ־צעס, וואָס ווענדט זיך פון זייער אייגענעם ווילן. די סאָציאַלע יסודות פון דער דערשיינונג זענען פאַר זיי נישט פאַרשטענדלעך. זענענדיק אָביעקטיוו געשיקטע, קוקן זיי אויף זיך סוביעקטיוו, אַלס זעלבשטענדיקע, פאַר זיך אַליין שטייענדיקע עלעמענטן. זיי זאָגן זיך אָפּ פון דער פּולמאַכט, וועלכע איז זיי געשיכטלעך געגעבן געוואָרן, און ווען וועלכע זיי הויבן נישט אָן צו וויסן, און קוקן אויף זיך, ווי אויף דעם בעסטן, איידלסטן עלעמענט פון פאָלק, דעם איינציקן שע־פערישן כוח פון לאַנד. אַדרבה, זיי הויבן זיך אָן באַציען מיט ביטול און פאַראַכטונג צום פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז געבליבן אין דער אַל־טער היים אין דער קליינער אינדוסטריע, ווייל זיי בילדן דאָ מיט זיך דעם פּראָלעטאַריאַט פון אַלע צווייגן פון דער אינדוסטריע. זיי זאָגן זיך אָפּ פון דער פאַרבינדונג מיט דער אַלוועלטלעכער יידישער אַרבעטערשאַפט. אין דערדאָזיקער אָפּגעריסנקייט פילן זיי זיך אַביסל אומהיימלעך און פאַראיינזאַמט דורך זיך אַליין, — ווענדן זיי די אויגן צום מקור פון זייער אָפּשטאַמונג, צום בירגערטום, וועמענס פינאַנציעלע ראָל אין דעם רעאַליזירונגס־פּראָצעס פון ציוניזם איז קלאָר פאַר זיי, ווי פאַר יעדן מענטשן.

דאָס איז די סיבה פון זייער אומגעלומפּערטער פאַרריסנקייט און ביטול־באַציונג צו דער אַלוועלטלעכער יידישער אַרבעטערשאַפט און פון זייער פולשטענדיקער הכנעהדיקייט לגבי דעם אַלוועלטלעכן יידישן בירגערטום.

אויף אַזאַ אופן איז די אָריענטאַציע פון דער ארץ־ישראלדיקער יידישער אַרבעטערשאַפט גאַנצע הונדערט פּראָצענט אויפן יידישן ביר־גערטום נאָר מיט אַ סאָציאַליסטישן תקון פון דער אינטעליגענטישער נשמה. די פּאָליטיק פון בירגערטום ווערט אונטערגעהאַלטן דורך אַז

דורך פון דער אַרבעטערשאַפט. דער סאָציאַליזם האָט ביי איר באַקומען אַ ריין עטישן כאַראַקטער: אָנשטאָט דעם קאַמף קעגן דער בורזשואַזיע האָבן מיר דעם קאַמף קעגן דעם אייגענעם יצר־הרע. אָנשטאָט פאַרפולקאָמונג פון דער געזעלשאַפט האָבן מיר פאַרפולקאָמונג פון דעם אייגענעם „איך”. און די אינטעליגענטישקייט האָט דיקטירט דעם אַרגומענט, אַז אויב אַלע וועלן נאָכטאָן דעם ביישפיל פון אייגענער פאַרפולקאָמונג, פון נישט עקספּלואַטירן אַ צווייטן מענטשן נאָר אַרבעטן אַליין (עבודה עצמית), וועלן מיר אויף אַזאַ אופן דערגרייכן די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט. דערפון איז אַנטשטאַנען דער געדאַנק פון קבוצות, וועלכע דאַרפן פירן צום סאָציאַליזם. און אויב די קבוצות האָבן אַ באַדייטונג פאַר דער קאָלאָניזאַציע פון לאַנד, ווייל זיי האָבן געגעבן די מעגלעכקייט אַריינדרינגען דעם יידישן אַרבעטער אין דער לאַנדווירטשאַפט, האָבן זיי אָבער אָפגעריסן דעם אַרבעטער פון קלאַסן־קאַמף און האָבן געשאַפן אַ גרעסערע מעגלעכקייט פאַר דער אַנטוויקלונג פון קליינבירגערלעכע נייגונגען.

אין עטישן סאָציאַליזם איז מען דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מען האָט געוואָלט איינריידן די יידישע בורזשואַזיע, אַז זי וויל אויך אַ סאָציאַליסטיש ארץ־ישראל: אויב עס האַנדלט זיך נאָר וועגן דער אייגענער עטישקייט, פאַרוואָס זאָל אַ בורזשואַ נישט ווערן אַליין עטיש — און שטרעבן צום סאָציאַליזם?

דערפון איז פאַרשטענדלעך, אַז פון קלאַסן־קאַמף האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד, און אויב דאָס לעבן ספּעציעל אין די שטעט האָט גובר געווען די אַלע קליינבירגערלעכע אוטאָפּיעס, און עס האָט זיך קעגן דעם ווילן פון די פירער אַנטוויקלט אַ קאַמף פון געדונגענעם אַרבעטער קעגן באַלעבאָס, האָט דער רוב פון דער אַרבעטערשאַפט זיך באַמיט, און באַמיט זיך אויך איצט, געפינען דעם אויסגלייך און דערליידיקן אַלע סיכסוכים אויפן פרידלעכן אופן מיט דער הילף פון... די אָנפירנדיקע אינסטאַנצן פון דעם יידישן ישוב — פון ועד הלאומי. וועגן קיין פראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזירונג האָט מען נישט געטראַכט, אָבער ווען דאָס לעבן האָט דערצו געצוווּנגען, האָט מען געמוזט אָרגאַניזירן די פאַריינען, אָבער מען האַלט זיי אין די ראַמען זיי זאָלן נישט אַרויסגיין פון דער געהאָרכזאַמקייט צום בירגערטום.

די גאַנצע שיטה פון בנין הארץ איז אויסגערעכנט אויף דער סאָלידאַריטעט פון די קלאַסן, און דעריבער באַטייליקט זיך די אַרבע־

טערשאַפט לרוב אין די רייַן בירגערלעכע אַנשטאַלטן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, ווי אין איר גופא. דער קרן־היסוד, דער נאַציאָנאַל־פאָנד זענען די אַנשטאַלטן, וועלכע די אַרבעטערשאַפט גיט אַוועק אירע בעסטע כוחות. און אויב דאָס יידישע בירגערטום האָט אין קולטורעלן און פּאָליטישן פּעריאָד פון ציוניזם געהאָלפן דער יידי־שער אַרבעטערשאַפט דורך אירע קלאַסן־אינטערעסן, איז עס אויסגע־טייטשט געוואָרן, אַז דאָס בירגערטום איז אַלגעמיין־נאַציאָנאַל און דאגהט פאַרן גאַנצן פאָלק. דאָס נאַציאָנאַלע פייגנבלאַט פונם בירגער־טום, מיט וועלכן מ׳האָט צוגעדעקט די קלאַסן־ערוה, האָט פאַרפירט די אַרבעטערשאַפט פון דער בירגערלעך־אינטעליגענטישער אָפּשטאַמונג, און זי האָט זיך אַפילו נישט געכאַפּט אויף דעם בירגערלעכן מהות פון העברעיזם: דער לעצטער איז געוואָרן נאָך אַ בעסערער מיטל צו שלעפן די אַרבעטערשאַפט אויפן בוקסיר פון דער בורזשואַזיע.

און אויב דאָס יידישע בירגערטום, ווי מיר האָבן געזען, האָט זיין פּאָליטיק פאַרבונדן מיטן ענגלישן אימפּעריאַליזם, האָט אויך די אַרבעטערשאַפט, פאָלגנדיק איר בורזשואַזיע, געלייגט אירע גאַנצע האָפענונגען אויף דער ענגלישער רעגירונג, ווער רעדט נאָך, ווען די מאַכט האָט געקאָנט אַריבער, און שפּעטער איז זי טאַקע אַריבער צו די ענגלישע אַרבעטער. אויב אָבער דאָס בירגערטום האָט נאָך געפּרוווט האָפן אויפן קאָקעטירן מיטן אַראַבישן פעאָדאַל, איז די דאָזיקע האָפענונג שוין נישט געווען ביי דער אַרבעטערשאַפט. און דעריבער האָט זי זיך אינגאַנצן אָנגעשפּאַרט אָן דער ענגלישער לייבאָר־פּאַרטיי, וועלכע פירט די אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק פון ענגלאַנד, נישט ערגער פאַר דער קאָנסערוואַטיווער רעגירונג, נאָר אויף אַ מער דזשענטלמעניש אופן.

און אויב די אַרבעטערשאַפט פון א״י האָט אינגאַנצן איבערגעריסן די בריקן מיט דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין דער אַלטער היים, האַלטנדיק די פאַרבינדונג נאָר אויף אַזויפיל, אויף וויפל עס לאָזט זיך פון דאָרט ציען געלט, אויב איז זי געבליבן פאַרבונדן נאָר מיט די אינ־טעליגענטיש קרובישע שיכטן, פון וועלכע עס ווערבירט זיך דער החלוץ, איז קלאָר, אַז זי האָט אינגאַנצן געלאָזן אָן אַ זייט די אָר־טיקע אַראַבישע האָרעפּאַשנע מאַסע. אדרבה, דער לאָזונג פון „כבוש העבודה“ און „עבודה עיברית טהורה“ — האָט נאָך אויף הונדערט פּראָ־צענט מער דערווייטערט די יידישע אַרבעטערשאַפט פון דער אַראַבי־שער. און די פאָדערונג פון אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַניזירונג פון

יידישע און אַראַבישע אַרבעטער פון דעם לינקן טייל פון דער אַרבעטערשאַפט איז פאַרשריגן געוואָרן אַלס פאַררעטערישער, און שפּעטער צו אלס אוטאָפּיסטישער. און ווען דאָס לעבן האָט דאָך געצווּנגען אין געוויסע פאַלן ענטפערן אויף דעם פּראָבלעם, איז אויסגעטראַכט געוואָרן די שיטה פון „צוויי אָרגאַניזאַציעס”: זאָלן די אַראַבישע אַרבעטער זיך אָרגאַניזירן אַליין און מיר אַליין, און אַז זיי וועלן האָבן אַן אָרגאַניזאַציע ווי מיר, וועלן מיר ארבעטן האַנט ביי האַנט. אין תוך האָט מען געהאָפט, אַז די אַראַבישע אַרבעטער וועלן נישט זיין פעיק זיך צו אָרגאַניזירן, אויף אַזאַ אופן וועט מען פּטור ווערן פון גאַנצן פּראָבלעם. דידאָזיקע שטרויס-פּאָליטיק האָט גיך געגעבן אירע רעזולטאַטן: דאָס לעבן איז שטאַרקער פאַר אַלע טעאָריעס, ספּעציעל אוטאָפּיסטישע, און דער אַראַבישער אַרבעטער האָט זיך געמוזט אָנהויבן אָרגאַניזירן: האָט ער נישט געהאַט די ברידערלעכע הילף פון יידישן אַרבעטער, איז ער אויסגעליפערט געוואָרן דעם עפענדי, וועלכער האָט אויסגענוצט די דאָזיקע פּאָליטיק פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט אַלס צוגאָב-מיטל צו זיין נאַציאָנאַליסטישער אַגיטאַציע קעגן דער יידישער איינוואַנדערונג.

אויף אַזאַ אופן האָט זיך באַקומען, אַז אָנשטאָט צו גיין צוזאַמען מיטן אַראַבישן אַרבעטער און צוזאַמען באַקעמפן דעם אַלגעמיינעם שונא, דעם אַראַבישן פעאָדאַל און די יידישע בורזשואַזיע, איז די יידישע אַרבעטערשאַפט אַוועק אין די אָרעמס פון דער יידישער בורזשואַזיע און אַליין געשטויסן דעם אַראַבישן פעלאַך און האַרעפּאַשניק אין די אָרעמס פון אַראַבישן פעאָדאַל.

דאָס לעבן אָבער ווירקט קעגן דער גאַנצער אידעאָלאָגיע פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט פון דער אינטעליגענטיש-בירגערלעכער אָפּשטאַמונג. דער קאַפּיטאַליסטישער דרוק אין משך פון לאַנגע יאָרן ווירקט, אַז נישט נאָר די סאָציאַלע לאַגע פון דער האַלב-דיפּלאָמירטער אינטעליגענץ ווערט אַ פּראָלעטאַרישע, נאָר אַז ביסלעכווייז ווערט אויך די פּסיכאָלאָגיע אַ פּראָלעטאַרישע. וואָס לענגער עס דויערט דער דרוק — אַלץ ניכטערער ווערט דער אַרבעטער און אַלץ שטאַרקער ווערט זיין רעוואָלוציאָנערער באַוווסטזיין. די סאָציאַלע סיכסוכים אין חיפה, זכרון-יעקב, פּתח-תקוה און אַנדערע ערטער ווערן אַלץ עפּטער און צווינגען דעם פּראָלעטאַריזירטן אינטעליגענט צו פאַרטראַכטן זיך וועגן דער נאַציאָנאַל-אחדות׳ישער אידעאָלאָגיע. דער העברעיש-רעדנדיקער קאַפּי-

טאַליסט איז, נישט בעסער פאַר דעם פּויליש און ייִדיש־רעדנדיקן. אָבער דער דאָזיקער פּראָצעס פון אויסניכטערונג פאַרהאַלט זיך אַדאַנק דעם אַלץ נייעם צופלוס פון די אינטעליגענטישע עלעמענטן, דעריבער ווערט די אַרבעטערשאַפט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער ווירטשאַפטלעך, אָבער דער פּראָצעס פון רעוואָלוציאָניזירונג גייט צו זייער לאַנגזאַם.

די לינקע עלעמענטן פון דער אַרבעטערשאַפט באַשטייען פון צוויי טיילן. פון איין זייט האָבן מיר די פּ. ק. פּ. — דאָס זענען על־פּי־רוב געוועזענע חלוצים פון בירגערלעכער אָפּשטאַמונג, מערסטנס שומר־הצעירניקעס — אַ כשר קינד פון דעם רוב פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט. די שווערע ארץ־ישראלדיקע ווירקלעכקייט ווירקט קאַטאַסטראָפאַל אויף אַ קליינעם טייל פון די אַסימילירטע אינטעליגענטן, וועלכע זענען פון פּויליש און רוסיש דירעקט איבערגעגאַנגען צו העברעיִש. זיי האָבן נישט קיין אויסדויער, און אַנטוישן זיך זייער שנעל. פון נאַציאָנאַלן ראָמאַנטיזם פון „שפה אחת, אומה אחת וארץ אחת" גייען זיי גיך איבער צום אינטערנאַציאָנאַלן ראָמאַנטיזם פון דער הויכער מיסטיע אויפן אָריענט. אַלס קעגנזאַץ צום ייִדישן בירגערטום, וועלכן זיי האָבן געדינט בלב ונפש, גייען זיי איבער מיטן זעלביקן ענטוזיאַזם דינען דעם אַראַבישן עפענדי. דעריבער זענען זיי אין דער טעאָריע די קעמפער קעגן ענגלישן אימפּעריאַליזם און אין דער פּראַקטיק — די העלפער פון פעאָדאַליזם. זיי עקזיסטירן שוין אַכט יאָר און נישט געקוקט אויף זייערע גרויסע מאַטעריעלע מיטלען קאָנען זיי זיך נישט רירן פון אָרט. נישט דערפאַר, ווייל דער אַנטוישונגס־פּראָצעס האָט אויפגעהערט, נייִן, פאַר דעם זאָרגט די אינטעליגענטישע אַרבעטערשאַפט, אַז דער נאַציאָנאַלער ראָמאַנטיזם און בורג־פרידן זאָל שאַפן אַלץ נייע אַנטוישטע עלעמענטן, נאָר דערפאַר, וואָס אַנטוישנדיק זיך אין פּאַלעסטיניזם, מוז דער פּראַקציאָנער פאַרלאָזן דאָס לאַנד, ווען ער איז קאָנסעקווענט: ווערן מיסיאָנערן קאָן דאָך נישט קיין מאַסע, נאָר יחידים, און די פאַרשטאַרקונג פון דער פּ.ק.פּ. אויפן חשבון פון ייִדישע אַרבעטער וואָלט געמוזט דערוויזן, פון איר שטאַנדפּונקט ווידער, אַז די ייִדישע איינוואַנדערונג איז אַ פּאָזיטיווער פאַקטאָר, און אויב אַזוי האָט דאָך ווידער די פּ. ק. פּ. נישט קיין באַרעכטיקונג. פון דער אויבנאָנגעוויזענער אינערלעכער סתירה קאָן די פּאַרטיי נישט

אַרויסגיין, אַן דעריבער איז זי אַזוי נישטיק אין דער ארץ־ישראלדיקער ווירקלעכקייט.

די צווייטע לינקע ריכטונג אין דער אַרבעטערשאַפט — זענען די פּועלי־ציון. על־פּי־רוב פון פּראָלעטאַרישער אָפּשטאַמונג, האָבן זיי נישט דורכגעמאַכט דעם פּראָדוקטיוויזירונגס־פּראָצעס, און אָריענטירן זיך אויף דער אַלוועלטלעכער יידישער אַרבעטערשאַפט. אין קאָנסע־קווענטן קאַמף מיטן יידישן בירגערטום פאַר סאָציאַלע דעראָבערונגען און קעגן רעאַקציאָנערן העבראיזם, אין קאַמף קעגן ענגלישן אימפּעריאַ־ליזם און קעגן אַראַבישן פעאָדאַליזם, מיטן לאָזונג פון אינטערנאַציאָ־נאַלער אָרגאַניזירונג, מיטן פּנים צום אַראַבישן אַרבעטער, ווערן זיי פאַרשריגן פון דער בירגערלעכער געזעלשאַפט אַלס פאַררעטער, און פון דער רעכטער אַרבעטערשאַפט אַלס „שלייקעמאַכערס״, וועלכע ווילן איינפירן דעם „גלות״ אין ארץ־ישראל. זיי באַקומען אַ גרעסערן אָפּקלאַנג צווישן די שטאָטישע אַרבעטער, וועלכע ליידן מער פון קאַפּיטאַליס־טישן דרוק, זייער השפּעה איז אָבער נישט גרויס צוליב דעם כאַראַק־טער פון דעם אַנגעקומענעם אינטעליגענט און צוליב דעם, וואָס דורך דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אירע העלפער — די רעכטע פאַרטייען — ווערן געשטעלט אַלע מניעות פאַר דער איינוואַנדערונג פון פּראָלעטאַרישע, רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן. אין דעם פּרט האָט די פּ. ק. פּ. אַ גרעסערן צופלוס פון אויסלאַנד, ווייל אירע חברים קומען דאָך אַלס כשרע בירגערלעכע אינטעליגענטן, און דאָך איז איר איינפלוס נישט דער ערך קלענער פאַר דעם איינפלוס פון די פּועלי־ציון.

עס מוז אָבער קאָנסטאַטירט ווערן, אַז אויף וויפל עס קומט צום אויסדרוק די פּאָליטישע השפּעה פון דער אַרבעטערשאַפט, גע־הערט זי דעם קליינבירגערלעך־אינטעליגענטישן רוב אירן. און היות ווי דער לעצטער שלעפּט זיך נאָך דער בורזשואַזיע, איז צו מערקן אין ספּעציעל־וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע מאָמענטן נאָר די פּאָליטיק פון יידישן בירגערטום. אַזוי איז עס געווען ביי דער מתנה פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע און ביי דער שפּעטערדיקער אָריענטאַציע פון דעם רוב פון דער אַרבעטערשאַפט אויף דער ענגלישער אימפּעריאַ־ליסטישער פּאָליטיק.

פאַר די קליינבירגערלעכע אינטעליגענטן איז די באַלפור־דעק,

לאַראַציע געווען פונקט ווי פאַרן בירגערטום, אַ וועקסל, וואָס די ענגלישע רעגירונג האָט אַרויסגעגעבן מיטצוהעלפן בויען „די יידישע נאַציאָנאַלע היים", און פונקט ווי דאָס בירגערטום האָט די קליינביר-גערלעכע אינטעליגענץ פון די דאַמאָלסטיקע רעכטע פועלי־ציון און צעירי־ציון מכל־המינים נישט פאַרשטאַנען די קלאַסן-אינטערעסן פון ענגלישן אימפעריאַליזם, וועלכע האָבן אים באַוועגט צו געבן דידאָזיקע דעקלאַראַציע. זיי האָבן טיף געגלויבט, אַז דאָס האָט זיך דאָס דעמאָקראַטישע ענגלאַנד אָנגענומען פאַר דער היסטאָרישער עוולה בנוגע דעם יידישן פאָלק. דעריבער הערן זיי נישט אויף היינט־צו־טאָג צו פאָדערן פון ענגלאַנד די דערפילונג פון דידאָזיקע התחיבותן, און נאָך עד־היום קאָן די פאַלעסטינער ווירקלעכקייט זיי נישט אי־בערצייגן אין דעם אמתן מהות פון דער דעקלאַראַציע.

אין דעם פּרט איז זייער אינטערעסאַנט די רעזאָלוציע, וועלכע די רוסישע פועלי־ציון האָבן אָנגענומען אין יאָר 1917 וועגן דער באַלפור-דעקלאַראַציע.

„נעמענדיק אין אַכט:

1. אַז די דעקלאַראַציע פון דער ענגלישער רעגירונג וועגן פאַלעסטינע האָט דעם צוועק אונטער דעם אויסרייד „פון דער באַ־פרייונג פון די קליינע פעלקער" פאַרקנעכטן פאַלעסטינע דעם ענג־לישן קאַפּיטאַל, אַרויסרופן דעם צופלוס פון יידישע יינגעלייט אין דער ענגלישער אַרמיי און די מיטהילף פון גאַנצן יידנטום ביים פירן די „מלחמה ביז צום סוף";

2. אַז דידאָזיקע דעקלאַראַציע איז, פונקט ווי דער אַקט פון דער דייטשער רעגירונג וועגן דער „אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן", איינע פון די פּרוּוון מצד דעם אַלוועלטלעכן אימפעריאַליזם אויסנוצן אין זיינע אינטערעסן די נאַציאָנאַלע באַפרייונגס־באַוועגונגען;

3. אַז די פאַרווירקלעכונג פון דעם יידישן טעריטאָריאַלן צענטער אין פאַלעסטינע איז מעגלעך נאָר אויפן יסוד פונם וווקס פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע, וועלכע פאָדערט פאַר דער גיכקייט און דערפאָלג פון אירע אַנטוויקלונגס־באַדינגונגען, וואָס פאַרזיכערן אַ פרידלעכן עקאָנאָמישן און פאָליטישן פּראָגרעס פון פאַלעסטינע, אַן אינטערנאַציאָנאַלע גאַראַנטירטע פרייהייט און אומגעשטערטקייט פון איינוואַנדערונג, קאָלאָניזאַציע און נאַטוראַליזאַציע פאַר יידן אין פאַ־

לעסטינע, און טעריטאָריעלע פרייהייט פאַר די דעמאָקראַטישע קאָלאָניזאַציע־אינסטיטוטן;

4. אַז מיטהילף אין קאַמף פאַר אַזעלכע באַדינגונגען באַקומט די יידישע דעמאָקראַטיע מצד דער וועלט־דעמאָקראַטיע, וואָס ווערט באַשטעטיקט מיט אַ גאַנצע ריי רעזאָלוציעס פון טשעכישע, ענגלישע און אַנדערע סאָציאַליסטן און מיט דעם מאַניפעסט פון שטאָקהאָלמער קאָמיטעט פון אינטערנאַציאָנאַל;

5. אַז די דעקלאַראַציע פון דער ענגלישער רעגירונג באַווייזט, אַז אונזערע פאַלעסטינע פאָדערונגען זענען שוין געוואָרן אַ געוויסער כוח, מיט וועלכן עס קומט זיך אויס צו רעכענען אין דער וועלט־פּאָליטיק, און וועלכער פאַרלייכטערט דערגרייכן דאָס אַוועקשטעלן די פראַגע וועגן דער מיטהילף דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין פאַלעסטינע אויפן סדר־היום ביים שליסן שלום;

רופן מיר אַלע אָרגאַניזאַציעס נאָך ברייטער אַנטוויקלען אונזער אויפפאַסונג פון דעם פאַלעסטינע־פּראָבלעם, נאָך שטאַרקער אַגיטירן פאַר דער אָנערקענונג פון אונזערע פאַלעסטינע פאָדערונגען דורך דער יידישער און נישט־יידישער דעמאָקראַטיע, נישט דערלאָזן, אַז מען זאָל אַראָפּנעמען פון סדר־היום דאָס פּראָבלעם פון דער יידישער פאַלעסטינע, וואָס איז שוין אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויפן סדר־היום פון דער פּאָליטיק, און אין דערזעלבער צייט אויפדעקן די אימפּעריאַליסטישע צוועקן פון דער ענגלישער דעקלאַראַציע און מיט אַלע כוחות קעמפן קעגן דעם אַריינציען די יידישע דעמאָקראַטיע אין די רייען פון די קעמפער פאַרן אימפּעריאַליזם, און פאָרזעצן דעם קאַמף פאַר אַ גיכן שליסן שלום ביי דער פאַרזיכערונג פון פרייהייט און מיטהילף דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין פאַלעסטינע"*).

קלאָר, אַז דידאָזיקע שטים פון יידישן רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער צו יענער צייט איז געבליבן אָן אַן אָפּקלאַנג, פונקט ווי עס האָבן אַ שוואַכן אָפּקלאַנג אַלע אָפּשאַצונגען פון באַזונדערע געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען אין פאַלעסטינע גופא מצד די פועלי־ציון איצט. די קליינבירגערלעכע אינטעליגענץ קאָן זיך אַזוי גיך נישט אָפּזאָגן פון איר בירגערלעכער וועלט־אָנשויונג, און נאָך 12 יאָר שטייט זי אויף

*) „יידישע אַרבעטער־כראָניק" נומ. 2—1 (25—23) פון 27־טן יאַנואַר 1918

דעמזעלביקן אָרט פּאָליטיש, ווי זי איז געשטאַנען דאַן. האָס האָט זיך באַשיימפּערלעך אַרויסגעוויזן אין דעם אינצידענט מיטן כּותל־מערבי, וועלכער האָט געהאַט אַזעלכע טרויעריקע רעזולטאַטן.

סוף פון ערשטן טייל

אינהאַלט פון ערשטן טייל:

אַרייַנפיר 3

I. די ארץ-ישראל-ווירטשאַפט 6

1. דאַס ווירטשאַפטלעכע לעבן אין לאַנד ביז דער יידישער איינוואַנדערונג 6

II. די הייַנטיקע ווירטשאַפט 16

1. די איינוואַנדערונג און אויסוואַנדערונג אין די לעצטע יאָרן 16

2. די באָדן-פאַרהעלטעניש 19

3. די השפעה פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג פון ארץ-ישראל אויף דעם אַראַבישן לעבן און ווירטשאַפט 39

III. דער ענגלישער סעקטאָר 55

1. די ענגלישע אינטערעסן אין ארץ-ישראל 55

2. די גרונטשטריכן פון דער פּאָליטיק פון ענגלישן אימפּעריאַליזם אין פּאַלעסטינע 64

3. ווירטשאַפטלעך-פינאַנציעלע פּאָליטיק פון דער ענגלישער אָקופּאַציע-מאַכט 71

4. די געזעצגעבערישע טעטיקייט פון דער אָקופּאַציע-מאַכט 80

IV. דער אַראַבישער סעקטאָר 83

1. די אַראַבישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג פאַר און אין דער צייט פון דער מלחמה 83

2. די נאַציאָנאַל-אַראַבישע באַוועגונג פון נאָך דער מלחמה אָן 94

3. די אַראַבישע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס 100

V. דער יידישער סעקטאָר 105

1. די יידישע בורזשואַזיע 105

2. די יידישע אַרבעטערשאַפט 114